אַהרון איזאַקס

# אָווטאָביאָגראַפֿיע

אידיש — נ. שטיף

כלל־פֿאַרלאַג
בערלין 1922־תרפ״ב

K L A L - V E R L A G
BERLIN SW 68 / VERLÄNGERTE CHARLOTTEN-STRASSE 1 B

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2019



# אַהרון איזאַקס
# אַווטאָביאָגראַפיע

זה

הספר כתבתי לדור אחרון לבני בני
עמי כדי שלא אבד זכרי לנצח שאני
אהרן בן כהרר יצחק איצק ז"ל מיסד־
מדינת שוועדין כי לפני לא היה יהודי
אחד בעל קיומים בכל מדינת שווידן
מעולם עד שאני באתי לכאן ומצא
חן בעני אדונינו המלך החסיד הגדול
גוסטאף השלישי ירום הודה ונשי
עד למעלה וגם בכל שריו ועבדיו מצאי
חן כאשר עניכם תחזנה משרים ובא
לציון גואל אמן

פאַקסימילע פון דעם שער־בלאַט. געדרוקט אין העברעאישער קוואַדראַטשריפט (מיט פעלערן אין דער שפּראַך).

אויף אידיש — דעם דאָזיגן בוך האָב איך געשריבן פאַר דעם שפּעטערדיגן דור פאַר מיין פאָלק, כּדי מיין געדעכעניש זאָל ניט פאַרלוירן גיין, אַז איך אהרן, זון פון ר' יצחק איצק ד"ל, האָב זיך באַגרינדעט אין דער מדינה שוועדן. וואָרום ביז מיר איז קיינמאָל ניט געווען קיין איין איד מיט וואוינרעכט אין דער גאַנצער מדינה שוועדן, ביז איך בין געקומען אַהער און האָב געפונען חן אין די אויגן בײַ אונזער האַר, דעם גרויסן און פרומען מלך גוסטאַף דער דריטער. גאָט זאָל דערהויבן זיין פּראַכט; אויך בײַ אַלע זיינע האַרן און דינער האָב איך געפונען חן. אזוי אײַערע אויגן וועלן דאָס רעכט צו זעהן, און ס'זאָל קומען אַן אויסלייזער צו ציון. אמן.



פֿאַקסימילע פֿון דער איין און פֿופֿציגסטער זייט פֿון אָריגינאַל.
דאָ איז דאָס זייטל 62, שורה 22 (פֿון אויבן) ביז זייטל 63, שורה 22 (פֿון אויבן).

# פֿאָררעדע

דער בוך „אַהרון איזאַקס אַוטאָביאָגראַפֿיע“, וואָס מיר געבן איצט דעם אידישן לייענער, איז אַ אידישע באַאַרבעטונג פֿון אַ בוך מיטן זעלבן נאָמען*), וואָס די אידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפֿט אין שוועדן האָט פֿאַרעפֿנטליכט צום ערשטן מאָל דאָס יאָר 1897. גענומען איז דאָס פֿון אַ מאַנוסקריפּט, וואָס אַהרון איזאַק האָט איבערגעלאָזט און וואָס האָט זיך געפֿונען בײַ איינעם פֿון זיינע יורשים. אונטער י. זעלינמאַנס השגחה איז דער מאַנוסקריפּט, געשריבן אויף „דייטש“, נאָר מיט אידישע אותיות, איבערגעשריבן געוואָרן מיטן לאַטײנישן א' ב' און אַרויסגעגעבן געוואָרן, אַזױװי ער שטייט און גייט. י. זעלינמאַן האָט דערצו צוגעגעבן זיין פֿאָררעדע, וואָס איז איבעריננס פֿאַרן אידישן לייענער קנאַפּ אינטערעסאַנט. פֿון דער דאָזיגער פֿאָררעדע זיינען אנב גענומען די ידיעות וועגן מאַנוסקריפּט, וואָס מיר ברייננען דאָ.

אַהרון איזאַק האָט אָנגעהויבן צו שרייבן זיין אַוטאָביאָגראַפֿיע דאָס יאָר 1801, ווען ער איז שוין אַלט געווען 71 יאָר, און האָט זי פֿאַרענדינט דאָס יאָר 1804. ער גופֿא דערמאָנט אַ פּאָר מאָל, אַז ער איז ניט קיין געשיכטע־שרייבער און קיין שרייבער בכלל ניט. די אַרבעט האָט ער פֿירגענומען פֿאַר זיך אַליין, ס'זאָל „בלייבן צום אָנדיינק אין מיין משפּחה“, און ער האָט זיך שווערליך געקאָנט ריכטן, אַז זיין אינטים שרייבן זאָל ווען עס איז דערזעהן די ליכטיגע שײַן. אין בײדע פּרטים דערמאָנט ער אָן גליקל פֿון האַמעלן מיט אירע אויסגעצייכנטע מעמואַרן. ער האָט דורכגעמאַכט אַן אומרוהיג וואַנדער־לעבן און איז שווער געפּרובט געוואָרן: ער האָט אָנגעוואָרן פֿרוי און קינדער, וואָס זיינען אים פֿריה פֿאַרשטאָרבן, און איז געבליבן עלנט.

*) Aron Isaks Sjelfbiografi. Isaac Marcus Boktr. Aktiebolag, Stockholm, 1897

די זכרונות זאָלן דאָס זיין אַ שטיקל טרייסט פאַר אים אין דער עלנט און אַ זכר פון אים אין דער משפּחה. דאָס ניט צו דער אַווטאָביאָגראַפיע אַ באַזונדער חן פון אַ משיח לפי תּומו, פון אויפריכטיגקייט און שטילן ערנסט בײַ אַ מענטשן, וואָס שטייט פאַר זיין אייגן געוויסן און דערציילט איבער זיין לעבן, אַזוי ווי דאָס איז געווען.

אַהרון איזאַק איז געבוירן (דאָס יאָר 1730) און געוואַקסן אין אַ שטעטל טרויענבריצען אַכט מייל פון בערלין בײַ אַ פאָטער אַ פאַראָרימטן קרעמער, אַ מטופּל מיט אַ גרויס געזינד. דאָס איז געווען אַ שווערע צייט פאַר אידן אין דייטשלאַנד, אַ צייט פון אידישער רעכטלאָזיגקייט און „שוצידן", אַ צייט, ווען אידן זיינען נאָך געווען פּאַקטיש אויסגעשלאָסן פון דער אַרומיגער געזעלשאַפט און האָבן געלעבט אָפּגעשלאָסן פאַר זיך מיט אידישע פּרנסות, מייסטנס קליינהאַנדל, און מיט דער אַלטפרענקישער אידישער דערציהונג. עטוואָס שפּעטער, צו מענדעלסאָנס צייטן, האָט זיך שוין אין דייטשן אידנטום באַוויזן אַ גרויסע אויפקלערונגסאַרבעט און אַ קאַמף פאַר בירגערליכער עמאַנסיפּאַציע. אָבער צו יענער צייט איז שוין אַהרון איזאַק געווען אין שוועדן (פונם יאָר 1774 אָן), וואו קיין אידן זיינען ביז אים בכלל ניט געווען, און קיין דייטשלאַנד פלעגט ער קומען בלויז אויף לייפּציגער מעסעס. אפשר דערפון נעמט זיך דאָס, וואָס פון יענער שטורמישער תּקופה אינם לעבן פונם דייטשן אידנטום דערמאָנט ער קיין וואָרט ניט, כאָטש געזעלשאַפטליכע אינטערעסן זיינען אים ניט פרעמד געווען. מ'מוז אָבער זאָגן, אַז בכלל שרייבט ער נאָר פון זיך, און וועגן געזעלשאַפטליכע אינטערעסן דערמאָנט ער בלויז, ווי ווייט דאָס האָט אים פּערזענליך אָנגעקערט.

אַהרון איזאַק האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע אידישע דערציהונג, און דער אידישער טראַדיציע איז ער טריי געבליבן אויך אין דער צייט, ווען ער איז שוין געווען „הויפליפעראַנט" און איז געשטאַנען „לפני מלכים ושרים". קיין גרויסער למדן איז ער ניט געווען, ער גופא זאָגט אויף זיך: „לא איש דברים אנוכי בלשון הקודש", אָבער פון די העברעאישע ווערטער און זאַצן, וואָס ער פלעכט אַריין אין זיין דערציילונג, איז צו זעהן, אַז קיין עם־הארץ איז ער אויך ניט געווען. בכן האָבן מיר פאַר זיך אַ לעבן פון אַ דורכשניטליכן אידישן סוחר, אָבער פון אַ מאַן מיט כאַראַקטער, ערליכקייט און שטאַרקער ענערגיע.

רער סוחר לאָזט זיך הערן שוין אין דעם װיכטיגסטן פּרט פֿון זײַן לעבן. אהרון איזאַק האָט געװיס פֿאַרמאָגט אַ קינסטלערישן חוש, אפשר טאַלענט אויך. אין דער יוגנט האָט ער מיט חשק געלערנט מאָלן, ער איז געװען נראַװיאָר; די דאָזיגע פּראָפֿעסיע, װאָס אירן װײַנען דאָרט אגב געװען שטאַרק פֿאַרטרעטן און באַװיזן גרויס געשמאַק (אירן הויפּגראַװיאָרן), האָט ער זיך אַלײן גענומען, און נישט אַזוי לײַכט איז דאָס אים אָנגעקומען. אָבער אים האָט דאָך געצויגן צו מסחר, און בײַ דער ערשטער געלעגנהײט האָט ער פֿאַרבוינן זײַן קונסט צוליבֿ האַנדל און האָט אויסגעריגט אַלע אירישליכע עבֿודה־זרהס: געהאַנדעלט מיט צירונג, מיט גאַלאַנטערײ, אַפּילו מיט צינן, געװען אויך אַ צושטעלער בײַ דער אַרמײ (אין שװעריש־רוסישן קרינ). דאָס אײַנציגע, װאָס באַשײַנט דעם דאָזיגן דורכשניטליכן סוחר, איז זײַן זעלטענע ערליכקײט און נישטגײַציגקײט, װאָס איר כּװוט דאָס אים גלויבן, װײַל דאָס, װאָס ער דערצײלט פֿון זיך, איז איבערצײַגנד.

זײַן געװאַלדיגע ענערגיע איז ניט בלויז אים פֿערזענליך בײַגעשטאַנען אין אַלע נויטן, װען ער האָט זיך פֿון אָרימקײט און דערשלאָגנקײט אַרויפֿגע־אַרבעט צו פֿאַרמעגליכקײט און אָנזעהן (ער איז געװאָרן הויפּיװעליר). די דאָזיגע ענערגיע האָט אים געבראַכט אויך צו עפֿענען פֿאַר אירן אַ „נײַ לאַנד“ — שװערן, װאו ביז אים האָבן אירן ניט געטאָרט קײן פֿוס שטעלן. אַהרון איזאַק האָט אין זיך עפּעס פֿון אַ נײַסט פֿון אַ װעג־דורכרײַסער, און ער האָט אָנגעהויבן צו „קאָלאָניזירן“ אירן אין שװערן, באַװיזן דערבײַ פּאָליטישן פֿאַרשטאַנד און געבוירענעם טאַקט. מיט אים הויבט זיך אָן דער נײַער אירישער ישוב אין שװערן, אַ געװיסער געזעלשאַפֿטליכער פֿאַרדינסט פֿאַר אַ באַשײדענעם מענטשן, װאָס האָט זיך קײן געזעלשאַפֿטליכע צװעקן ניט גע־שטעלט.

אין דעם נײַעם ישובֿ איז דאָס צונעגאַנגען אַזױװי אין די אַלטע, אַזױװי אין אונזערע באַקאַנטע אירישע שטעטלאַך: אירן הענדלער און קרעמער, מעקלער און דרײַער, צרדים מיט צװײ מנינים (בײַ דרײַ־פֿיר צענדליג אירישע געזינדן אין שטאָקהאָלם!), און אַפּילו מיט צװײ בית־עולמס, מחלוקתן איבער אַ רבֿ, איבער גבאות און שישי, — דער באַקאַנטער װיסטיגער אירישליכער שטײגער!

אינם דאָזיגן שטײגער געװינט אַהרון איזאַקס פּערזענליכקײט נאָך מער מיט איר ערליכקײט, מיט אַ געפֿיל פֿאַר אָרדענונג און אָרגאַניזירטקײט און מיט אַן אינעװײניגסטער אינטעליגענץ.

אַהרון איזאַק האָט געשריבן זײַן אױטאָביאָגראַפֿיע „אױף דער אומגאַנג־שפּראַך", װי ער זאָגט, ד. ה. אױף אַ מאָרגנע־דײַטש, װאָס האָט אין זיך װעהר אַ סך אידיש־פֿאָלקסטימליכעס. איך האָב דאָס איבערגעגעבן אין אַ פֿאָלקסטימליך אידיש, װאָס שטימט, לױט מײַן מײנונג, אַמבעסטן מיט דער געמיטליכקײט פֿון דער אײנפֿאַכער אױפֿריכטיגער דערצײלונג, און אפשר מיט דער אײגנטליכער אומגאַנגשפּראַך אױך פֿון אַהרון איזאַק און זײַן סביבה, בײַנעהאַלטן איזאַקס אײנגעפֿלאָכטענע העברעאישע װערטער און אױסדריקן.

נ. שטיף

איך אהרון בן יצחק ז״ל, בין געבוירן אין טרויענבריצען ח׳ פרסיות [אַכט מייל] בּאַ בּערלין אין דער פּראָווינץ בּראַנדענבּורג. לא איש דברי אנוכי בלשון הקודש [איך קאָן זיך ניט פריי אויסדריקן אויף העבּרעאיש], דעריבּער שרייבּ איך אויף דער אומגאַנגשפּראַך. אַזוי ווי איך בין צום אומגליק כלילה, האָבּ מער קיין קינדער ניט, איז זאָל דאָס לאחר מותי [נאָך מיין טויט] בּלייבּן צום אָנדיינק אין מיין משפּחה. נו, האָבּ איך דערלעבּט צו 71 יאָר, דאָס איז מיר געוואָרן ה׳ תשרי ה׳תקס״ב [12 סעפּטעמבּער 1801]. מיין פאָטער ז״ל איז געווען אַ פאַרמעגליכער מאַן. אָבּער צו 60 יאָר איז ער אַזוי קראַנק געוואָרן, אַז ער האָט, ליידער, געמוזט ליגן צו בּעט און האָט שוין מער אויף קיין ירידים ניט געקאָנט פאָרן. ער האָט געהאַט אַ שיינעם לאַגער סחורה פון אַלע סאָרטן, וואָס מ׳האָט נויטיג אין אַ קראָם, ער איז געווען דאָ דער איינציגער בעל־קיומים [„שוץ־איד“ מיט וואוינונגסרעכט]. היות ווי ער האָט אָבּער ניט געקאָנט פאָרן נאָך קיין סחורה, איז די קראָם געוואָרן אַלע מאָל קלענער. אַזוי איז דאָס צונעגאַנגען יאָר אויף יאָר. בּערך 2 יאָר פאַרן טויט זאָגט ער צו מיין עלטערן בּרודער אַברהם: „דו בּיסט אַ דערוואַקסענער קערל און זעהסט אַלע טאָג, אַז די קראָם ווערט ליידיגער; צום ווייניגסטן וואָלט מען דאָך בּאַדאַרפט עפּעס צוקויפן פון סחורה, וואָס מ׳פּרעגט דאַרויף אַלע טאָג, אַנדערש וועלן מיר שטאַרבּן פאַר הונגער. איך בין קיין מענשן אין דער וועלט נישט שולדיג גארנישט. ועסטו אָבּער פרעגן: מיר האָבּן קיין געלט ניט, ווי אַזוי קאָנען מיר קויפן?

איז ניי צו אונזער איינגעמער הער ניכעלמאַן, לאָז אים גריסן פון מיר. דער ראָזינער איינגעמער, ווען איך פלעג פאָרן אויף ירידים קיין לייפּציג אָדער קיין פראַנקפורט און פלעג נויטיג האָבּן געלט, פלעגט ער מיר אויסלייען 1500 רייכסטאָלער און מער אויך, קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט פון מיר קיין וועקסל. דערציייל אים אָפן אונזער צושטאַנד, זאָג, דו ווילסט קיין לייפּציג פאָרן נאָך סחורה“.

ער האָט דאָס געטאָן, איז געגאַנגען צום איינגעמער און אים פירגעשטעלט די נאַנצע לאַגע. יענער האָט בּאַוויזן מיטלייד, האָט אים אויסגעליען 500 רייכסטאָלער און אַזוי געזאָגט: „דו בּיסט אַ יונגער בּורש, בּיסט קיינמאָל

ניט געװען אױף אַ יריד. װעסטו זיך אָבער װאױל אױפֿפֿירן און ערליך האַנדלען אַזױ װי דײַן פֿאָטער, װעסטו נאָך מער קרעדיט האָבן". אַזױ איז ער געקומען אַהײם מיט דעם געלט און מיט דער נאַכריכט. דער קאַפּיטאַל איז געװען צו קלײן צו פֿאָרן דערמיט אױפֿן יריד, װאָרום ס'פֿאַלן דאָ גרױסע אױסקאָסטן. זאָגט צו אים מײַן פֿאָטער: „מיר האָבן דאָך זילבער און אַביסל גאָלד, נעם און פֿאַרזעץ דאָס, װעסטו דאַרױף קריגן צו לײַען עטליכע הונדערט טאָלער. נעם מיט קײַן לײַפּציג מײַנע יריד־ביכער, װעסטו זען אַלע סוחרים, װאָס איך האָב מיט זײ געהאַנדלט, איך האָב בײַ זײ קײנמאָל ניט גענומען אױף קרעדיט, שטענדיג געצאָלט באַר, װאָרום אַזױ קױפֿסטו מיט עטליכע פּראָצענט װאָלװעלער. קאָן מען דאָס אָבער ניט אױספֿירן, איז שױן בעסער צו פֿאַרקױפֿן אײניגע פּראָצענט. די ראָזינע סוחרים קענען מיך, זײ װעלן דיר ניט אָפּזאָגן קײן קלײנעם קרעדיט".

אַלזױ איז מײַן ברודער געפֿאָרן אױפֿן יריד קײן לײַפּציג, װאָס איז סך־הכּל דרײַצען מײַל פֿון טרױענבריצען און איז בשלום אַהײמגעקומען מיט דער סחורה. איך בין דעמאָלט אַלט געװען 14 יאָר. איך האָב װאױל אײַנגעזען, אַז אַזאַ קלײנער האַנדל קאָן ניט אײַנברײַנגען קײן רײַכטום, אַז מײַן ברודער האָט אױף זיך גענומען אַ גרױסע לאַסט. מיר זײַנען געבליבן צען קינדער נאָך מײַן פֿאָטערס ע"ה טױט. דער יונגסטער ברודער איז אַלט געװען דרײַ יאָר, ס'איז געװאָרן פּונקט נײַן יאָר, זינט ער איז געשטאָרבן. איך האָב גענומען נײַן אױפֿן לאַנד. בײַ מײַן ברודער האָב איך גענומען סחורה פֿאַר אײניגע רײַכסטאָלער און בין געגאַנגען דערמיט הױזירן בײַ די פּױערים. איך האָב מיך אַלײן געשפּײַזט, ס'איז מיר געװען זעהר ביטער, אָבער איך האָב ניט געזעהן, מיט װאָס קאָן איך זיך העלפֿן.

פֿון קינדהײט אָן האָב איך געהאַט גרױס חשק צו צײַכענען און צו מאָלן, אָבער אין טרױענבריצען איז ניט געװען בײַ װעמען זיך צו לערנען. ס'האָט אַפֿילו יאָ געװאױנט דאָ אַ מאָלער, אָבער איך האָב ניט געהאַט אַזױ פֿיל געלט, װאָס ער האָט פֿאַרלאַנגט בײַ מיר. איך פֿלעג מאָלן אַלערלײ זאַכן, װאָס ס'איז מיר געקומען צו האַנט. איך בין געװען זעהר גוט באַקאַנט בײַ דעם קאַנענגיסער מיט זײַנע זין און פֿלעג צוזעהן, װי זײ קריצן נעמען אױף צין און באַקומען אַ שילינג פֿאַר אױסקריצן דרײַ אותיות. מיר פֿלעגט אױסװײַזן, אַז דאָס הײסט גיך פֿאַרדינען אַ שילינג. איך האָב זיך געלאָזט מאַכן אַ קריצשטיקל און האָב זיך געלערנט קריצן אותיות אױף צין. דאָס לערנען איז בײַ מיר צוגעגאַנגען זעהר געשװינד. אַזױװי איך האָב נאָך פּראַקטיקירט אין צײַכענען, איז האָב איך זיך געלערנט קריצן פֿיגורן אױף צין אױך. איך האָב באַקומען פֿון אונזער שכן צו קריצן אַ מוץ קרוגדעקלאַך, זײַן נאָמען און אַ גוטער דערױף. ער איז געװען אַ בירשײַנקער.

ס'איז געקומען צו פֿאָרן אײנער פֿון אונזערע לײט פֿון רעסוי, אַ יונגער קערל, בערך צוואַנציג יאָר אַלט. ער האָט געהײסן שלמה פּלאַדיר, ער איז געווען אַ שטעמפּל־קריצער, און האָט געזען, ווי איך בין אַזוי פֿלײסיג. ער האָט מיך געפֿרעגט, וואו האָב איך דאָס געלערנט, האָב איך אים געזאָגט, אַז פֿון זיך זעלבסט, האָט ער זיך זעהר געוואונדערט דאַרויף. מאַכט ער צו מיר: „איר זײט דאָך באַקאַנט אין דער שטאָט, אויב איר ווילט אַרומגײן און מיר שאַפֿן אַרבעט, גיב איך אײך פֿון יעדן טאָלער צוועלף שילינג — אַזוי פֿיל, וויפֿיל איר ברײנגט מיר אַרבעט“. איך בין זעהר צופֿרידן געווען דערמיט. ער האָט מיר געגעבן אַ דרוקטאַבעליע, אײניגע זילבערנע און מעשענע שטעמפּלען. משך דרײ וואָכן האָב איך אים צוגעשאַרט פֿאַר פֿיר און צוואַנציג רײכסטאָלער פֿאַרדינסט. אבער קײן גרויס כבוד פֿון זײן אַרבעט האָב איך ניט געהאַט. ס'זײנען געווען אײניגע אָפּיצירן, וואָס האָבן געוואָלט לאָזן קריצן זײער וואָפּן, האָבן זײ מיר געזאָגט: „טוסטו דאָס ניט, איז גענומען מיר די שטעמפּלען נישט“. איך האָב מיר געקלערט: אין דרײ וואָכן פֿאַרדינען 6 רײכסטאָלער איז גאַנץ גענוג, און האָב געמײנט, עפּעס וועל איך בײַ אים פֿאַרדינען. ווײל דאָ אָבער איז שוין נישט געווען מער וואָס צו טון, האָט ער געוואָלט פֿון דאַנען אָפּפֿאָרן. קומט ער צו אונז אין הויז און פֿרעגט מיך, צי וויל איך מיט אים מיטפֿאָרן אויף דערזעלבער אַרט, אַז פֿאַר דער אַרבעט, וואָס איך שאַף אים, באַקום איך פֿון יעדן טאָלער צוועלף שילינג. ער איז געווען אַ וואוילער יונג. ווער איז נאָך דעמאָלט געווען אַזוי צופֿרידן ווי איך? נישט אַזוי פֿיל צוליב דעם פֿאַרדינסט: מײן געדאַנק איז געווען עפּעס צו זעהן און לערנען. אַזוי בין איך מיט אים אומגעפֿאָרן אין די נאָהענטסטע שטעט. קײן גרויסער פֿאַרדינסט איז דאָס ניט געווען. איך בין אָבער געווען זעהר פֿלײסיג און קאַרג און האָב אָפּגעשפּאָרט צײט דרײ מאָנאַט צען רײכסטאָלער. ווען דער דאָזיגער שלמה איז אַוועקגעגאַנגען, האָב איך מיר געמאַכט בײַ זײן וואַרשטאַט אַ מעשענעם געגאָסענעם קנאָפּ און האָב אים אויסגעקריצט. ער האָט דאָס געזוכט באַמערקן, וואָרום ער איז געווען צו מיר פֿאַלש.

אפֿילו בעת ער פֿלעגט אַרבעטן, פֿלעגט ער זוכן אַ געלעגנהײט מיך אַוועקשיקן. ער האָט געוואוסט, אַז איך האָב אָפּגעשפּאָרט עטליכע טאָלער, ער האָט זײן גאַנץ געלט אויסגעבראַכט. האָט ער חשק געהאַט אויסצולײען בײַ מיר מײן געלט, מסתמא וואָלט איך זיך שוין לעבנלאַנג צוריק דערמיט ניט געזעהן. האָב איך מיר באַקלערט: איצט איז שוין צײט צו געזעגענען זיך מיט אים. אַזוי בין איך אָפּגעפֿאָרן צוריק אַהײם קײן טרויענבריצען און האָב געלאָזט מײן גוטן שלמהן זיצן.

אין טרויענבריצען איז קיין שטעמפּל־קריצער ניט געווען. ס'איז אָבער
געווען אַמאָל אַ סקולפּטאָר מיט דעם נאָמען קאָפּער, פלעגט ער זיך אָפּגעבן
מיט שטעמפּלקריצן אויך. איך האָב אים אָבער ניט געקענט און ניט
געהערט פון אים. אָבער מיין ברודער חיים ז״ל האָט געוואוינט בײַ זיין
אַלמנה אין הויז. ער האָט געהערט, אַז איך האָב אַזאַ חשק צו שטעמפּל־
קריצן, און ווי איך האָב דערציילט פון שלמה פלאַדיר, אַז ער איז געווען
קענען מיר אַזוי אומפריינדליך, זאָגט ער צו מיר, מיין ברודער חיים: „מיין
ווירטן האָט דאָס גאַנצע געציינג פון שטעמפּלקריצן, דער מאַן האָט דאָס איר
געלאָזט, ער איז שוין טויט אַזוי לאַנג, ווי דו ביסט אַלט; קאָנסטו דאָס
בײַ איר באַקומען פאַר אַ שבוש״. בין איך מיט מיין ברודער געגאַנגען צו
איר. זאָגט צו איר מיין ברודער: „בײַ אייך שטייט דאָך נאָך אייער מאַנס
גאַנץ געציינג פון שטעמפּלקריצעריי, מיין ברודער וויל זיך לערנען שטעמפּל־
קריצעריי, וועט ער דאָס בײַ אייך אָפּקויפן.״ זאָגט זי: „זעהר גערן״.
און ברייננט צוטראָגן אַ טוץ פאַרזשאַווערטע קריצשטיקלאַך, אַ פאָר אַלף־
ביתן, אויך פאַרזשאַווערט, אַ שאַכטל פאַרזשאַווערטע שטעמפּלען. נו, זעהט
זי אַליין, אַז דאָס איז רעכט פאַרדאָרבן. פאַרלאַנגט זי בײַ מיר 5 רייכס־
טאָלער, איך באָט איר 2 רייכסטאָלער, וואָרום פאַר איר האָט דאָס גאָר
קיין ווערט ניט. האָט זי דאָס מיר אָפּגעלאָזט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט
דערמיט, געשייערט און געריבן דעם זשאַווער, ווי ווייט איך האָב געקאָנט.
איך האָב זיך געקויפט אייניגע פונט מעש פאַר שטעמפּלען, געלערנט זיך
דאַרויף קריצן אותיות. ס'איז מיר אָנגעקומען זעהר שווער צו קריצן די
אותיות לינקס, אַז זיי זאָלן זיך אָפּדרוקן אויף רעכטס. איך פלעג זיי
אָפּפיילן און ווידער פון דאָס ניי. דאָס פלעג איך טון אַזוי פלייסיג טאָג
און נאַכט, ביז ענדליך איז עפּעס אַרויסגעקומען. אין מיינע געדאַנקען
בין איך געווען אַ פולקומער שטעמפּלקריצער. איך פלעג שטענדיג קלערן
פון יענעם שלמהן: ווען ער זאָל דאָס נאָר זעהן, וואָס איך האָב זיך אויס־
געלערנט! אָבער איך האָב זיך נאָך אַלץ ניט איינגעשטעלט ניין צו לייטישע
מענשן זיי אָנבאָטן מיין אַרבעט. סידן אַזוינע בירגער־קינדער, וואָס איך
בין מיט זיי אויפגעוואַקסן, די האָב איך געמאַכט שטעמפּלען פאַר אַכט
אָדער צוועלף שילינג. אַ סך פּויערים־קינדער פון זאַקסן פלעגן גיין אַהער
אין דער פּויערים־שול, וואָרום טרויענבריצען ליגט בײַ דער זאַקסישער
גרעניץ, אַ שאָס מיט אַ ביקס פונם טויער איז גלייך זאַקסן, און דאָרט ניט
דאָס רייכע און רירעוודיגע פּויערים, זיי קאָנען אַלע שרייבן און רעכענען.
איך האָב איינגעפּאַקט מיין געציינג און בין אַרומגעפאָרן אין די דערבייאיגע
דערפער צווישן די פּויערים און האָב געקריגן אַרבעט, ביסליכווייז געקריגן
צו דריי פיר שטיק שטעמפּלען, האָב פאַרדינט אַן אַנדער וואָך דריי רייכס־

סאָלער און פּיר אויך. העלפֿט פֿון מײַן פֿאַרדינסט פֿלעג איך אָפּגעבן מײַן מוטער ז״ל.

מײַן ברודער אברהם איז געװען זעהר קאַרג און איז געװען זעהר ערליך, ער האָט געװאָלט אַװעק פֿון ראַנען: ער האָט געהאַט אויף זיך אַ גרויס הויזהאַלטונג. מײַן מוטער איז געװען זעהר פֿלײַסיג, האָט אָפּגעהיט די קראָם, װען ער פֿלעגט פֿאָרן אויף אַ יריד, און איז געװען זעהר שפּאָרעװדיג אין דער װירטשאַפֿט. איך האָב ניט געװאָלט געניסן קיין כּוח בּרויט אומזיסט, בּפרט, אַז איך האָב מיר געקאָנט פֿאַרדינען בּרויט. פֿאַרקערט, װי איך האָב שוין פֿריהער דערצײלט, ס׳איז מיר געװען דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן, װען איך פֿלעג קאָנען צו הילף קומען מײַן מוטער. מײַן ברודער אברהם איז געװען זעהר אָנגעזעהן אין דער שטאָט, זײַן האַנדל האָט געהאַלטן אין װאַקסן, די הויזהאַלטונג איז קלענער געװאָרן: צװײ פֿון די יונגסטע בּרידער זײַנען געשטאָרבּן, צװײ עלטערע שװעסטער זײַנען געגאַנגען דינען, דער בּרודער, װאָס איז געװען צװײ יאָר יונגער פֿאַר מיר, האָט זיך אויך געזוכט זעלבּשטענדיג צו שפּײַזן מיט אַ קלײנעם האַנדל. אַלזוי איז דאָס מײַן בּרודער זעהר גוט געגאַנגען אין זײַן האַנדל. צװײ יאָר האָט ער שוין געפֿירט אַ היפּשן לאַנגער סחורה און מ׳איז שוין ניט געװען אַזוי געאײַנגט. מײַן מוטער האָט געטריבּן דעם מסחר אין קראָם אַזוי גוט, װי דער בּעסטער מאַנסבּל. איך האָב זיך געפֿילט עטװאָס שטאַרקער אין שטעמפּל־קריצערײַ און האָב זיך געקויפֿט מוסטער־בּיכער. אויך אײניגע זילבּערנע שטעמפּלען האָבּ איך מיר פֿאַרשאַפֿט און שטאָלענע, האָבּ אָנגעהויבּן ארומצופֿאָרן איבּער שטעט און ירידים. איך האָבּ אָנגענומען, װאָס ס׳איז מיר נאָר פֿאָרגעקומען: אײניגע װאָפּנשטיק און שטעמפּלען. איך פֿלעג זיך אויך ניט נעמען צום האַרצן, טאָמער געראָט עפּעס ניט אַמאָל און מ׳דאַרף טון די אַרבּעט נאָך אַמאָל. איך פֿלעג זיך פֿאַרדינען אַזוי־פֿיל, אַז איך האָבּ זיך געקאָנט לײַטיש פֿירן. איך האָבּ אָפּגעריסן אויך אַ זילבּערנעם זײגער און אַ זילבּערנע שמעק־טאַבּאַק־פּושקע.

איך מוז דאָ דערצײלן אַ נאַרישקײַט. ס׳איז געװען אַ מאַרקטאָג אין טרויענבּריצען, האָבּ איך מיר אַרויסגעשטעלט מײַן טיש מיט מײַן געצײַג און שטעמפּלען אויפֿן מאַרק, װי דער שטײגער איז. קומט צו גײן אַ יונגער מילנער־געזעלן, װאָס אפשר איז ער ערשט געװאָרן געזעלן, און זײַן תּורה האָט ער געקריגן אין אַ װינטמיל, בּאַשטעלט ער אַ מעשענעם שטעמפּל, און מיר האָבּן זיך פֿאַרגלײַכט אויף זעכצען שילינג. װיל ער, אַז איך זאָל דאַרויף אויסקריצן אַ װינטמיל, אויף דער טרעפּ נײַט אַרויף אַ יונג מיט אַ זאַק קאָרן אויפֿן רוקן, אונטן זאָל שטײן זײַן נאָמען מיט אײנצעלנע אותיות. אויסקריצן אַ װינטמיל מיט אַ טרעפּ מיט אַן אָפֿענער טיר — דאָס

איז קיין גרויסע קונץ ניט. אַלווי האָב איך אויסגעקריצט אַ ווינטמיל, אַ טרעפּ און אַ טיר; פּאַרטינ! אָבער אַז דער יונג זאָל אַרויפגיין אויף דער טרעפּ מיט אַ זאַק קאָרן אויפן רוקן — דאָס איז מיר אויסגעקומען עפּעס צו. בפרט נאָך אויפן מאַרק, ווען אין צוויי שעה דאַרף מען פּאַרטינ מאַכן אַ שטעמפּל. איך בין פּאַרטינ געוואָרן דערמיט, זיין נאָמען איז שוין אויך געווען, און איך האָב עס אָפּגעקוועטשט. לסוף קומט דער יונג נאָך זיין שטעמפּל, איך ווייז אים דעם אָפּדרוק, געפעלט דאָס אים זעהר, גיט ער מיר צוועלף שילינג, פיר האָט ער מיר פריהער האַנטגעלט געגעבן. באַטראַכט ער דאָס און לסוף דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט נאָך געוואָלט האָבן אַ יונג, וואָס זאָל אַרויפשטייגן אויף דער טרעפּ מיט אַ זאַק קאָרן אויף דעם רוקן, און פרעגט: „וואו זשע איז דער יונג מיטן זאַק קאָרן אויפן רוקן?" איך האָב ניט געוואוסט, וואָס ענטפערט מען אים. פון שפּאַס ווען זאָג איך צו אים: „דאָ ערשט איז ער אַריין דורך דער טיר". זאָגט ער: „אַ, אַ שאָד, וואָס איך בין ניט געקומען פריהער", און גייט זיך אַוועק. איך האָב געטראַכט באַ זיך: אַ קלוגער איינפאַל; איך האָב זיך גאָר ניט באַרעכנט, אַז דאָס איז פשוט געווען אַ תם אַ יונג.

איך בין געווען זעהר פלייסיג, אָפּגעשפּאָרט פּופציג רייכסטאָלער. און אַזוי ווי מיין ברודער אברהם איז געשטאַנען גאַנץ גוט, האָט גוט פאַרדינט, איך האָב ניט געמיינט קיין ירושה צו קריגן און דאָס אַלץ איז געווען זיינס, האָב איך מער ניט געגעבן מיין מוטער: זי האָט נאָר ניט באַדאַרפט, וואָרום זי האָט זיך פאַרדינט אירס מיט דער אַרבעט און פלייס, וואָס זי האָט געפירט די ווירטשאַפט. אָבער איך האָב קיין כזית ברויט ניט געגעסן אומזיסט. מיין ברודער איז דאָס ניט געפעלן געווען, איך האָב ניט געקאָנט מיט אים רעכט הויזן, און איך האָב געקלערט באַ זיך, איך קאָן מיר מיין ברויט פאַרדינען, וואו אַהין איך זאָל ניט קומען, דערצו איז טרויענבריצען אַ פאַרוואָרפענער העק, דאָ קאָן איך גאָרניט לערנען: בכן האָב איך מיר פירגענומען צו לאָזן זיך אויף דער וועלט און גראָד קיין לאָנדאָן. דאָס אַלץ האָב איך געהאַלטן בסוד. אָבער איידער איך בין אַוועקגעפאָרן און געזעגנט זיך מיט דער מוטער, האָב איך איר אויסגעזאָגט, אַז איך פאָר קיין ענגלאַנד. זי איז געווען זעהר באַטריבט און האָט מיך געבעטן אום גאָטעס ווילן, איך זאָל ניט פאָרן. אָבער איך האָב איר געזאָגט מיט מיינענדינע אוינן: מיין ברודער פאַרגינט מיר ניט די עטליכע טאָלער, ער וויל שטענדיג, איך זאָל זיי אַריינליינן אין געשעפט; איך אָבער בין אים ניט מקנא, וואָס ער האָט זיך אַלץ צוגענומען, מיר קאָנען זיך ניט פאַרטראָגן, איז בעסער מיר זאָלן זיך שיידן. „הער צו, ליבע מוטער: דער אַלמעכטינער זאָל דיר העלפן". ביידע האָבן מיר דערביי געוויינט.

מײן מאַנטל־זאַק איז געװען געפּאַקט, און אַזױ בין איך אַװעק, זיך ניט געזעגנט מיטן ברודער, װאָס איז געװען אָפּגעפּאָרן. װען ער איז אַהײם־געקומען, האָט אים די מוטער דערצײלט מיט װײנענדיגע אױגן, װי אַזױ איך האָב זיך געקלאָגט אױף אים. איז ער געװאָרן װײכהאַרציג, איז דערגאַנגען, װאוהין איך האָב זיך אַװעקגעלאָזט און זיך געלאָזט מיר נאָכלױפן צופוס. ער האָט מיך געטראָפן אין בעליץ, צװײ מײל פון טרויענבריצען. ער איז צו מיר געװען זעהר פרײנדליך: „ליבער ברודער, קום צוריק, אונזער מוטער קרײנקט דאָס אַזױ שטאַרק, איך פאַרלאַנג פון דיר גאָרנישט, װאָרום דער ליבער גאָט האָט מיך געבענשט, אַז איך קאָן באַשטײן די גאַרע הויזהאַלטונג, דאַרפסט מער אַפילו פאַר קעסט ניט צאָלן״. איך האָב דערויף געענטפערט: „מײן ליבער ברודער, ס׳איז שוין צו שפּעט, אַ שאַד דײנע רײד, צוריק נישט, אַפילו פאַר טויזנט רײכסטאָלער. גאָט זאָל דיר העלפן מיט דער מוטער מיט דעם גאַנצן הויזגעזינד״. ער האָט צו מיר אונטערגעשיקט מענשן, זײ זאָלן מיך צורײדן. איך האָב אָבער זיך ניט געלאָזט אײנרײדן, איך בין געבליבן באַ מײנס און געצויגן װײטער. נו, האָב איך געװאָלט צום ערשטן באַזוכן האַמבורג, איך האָב פון דער שטאָט אַ סך געהערט, דאָרט זײנען פאַראן שטעמפּלקריצערס, װאָס זײנען זעהר געשיקט אין זײער אַרבעט. איך בין אָבער ניט פאַרבײ־געגאַנגען קײן שטאָט, איך זאָל דאָרט ניט פלײסיג הויזירן, כדי איך זאָל מיר טאָפּלט פאַרדינען מײנע רײזעקאָסטן. איך בין געפאָרן קײן מעקלענבורג, בין געקומען אין אַ שטאָט בענצלין און האָב דאָ געטראָפן אַ פרוי, װאָס האָט קורץ פאר דעם אַהער חתונה געהאַט. זי האָט געשטאַמט פון לוקענ־װאַלד, צװײ מײל פון טרויענבריצען. זי איז געװען בערך אין מײן עלטער, און מיר זײנען געװען װי ברידער און שװעסטער, מיר זײנען צוזאַמען געװאַקסן. זי האָט זיך דערפרײט, און איך האָב זיך גענומען אויף דעם װעג, נאָר כדי צו זעהן זיך און געזעגענען זיך מיט איר. זי האָט מיך געפרעגט, פון װאַנען איך קום און װאוהין פאָר איך. האָב איך דערצײלט. זאָגט זי און איר מאַן: „אַזױ גיך לאָזן מיר דיך ניט אָפּ, ליבער ברודער, דו מוזט װײניגסטנס פיר װאָכן בלײבן באַ אונז״. דער מאַן האָט מיר צוגעזאָגט פאַרשאַפן פיל אַרבעט, װאָרום באַ דער ראָזינער שטאָט צװײ מײל אַרום לינן פערציג פריצישע הויפן. עטליכע טאָג בין איך אַרומ־געגאַנגען מיט אים (ער האָט געטראָגן זײן סחורה מיט זיך) און האָב באַקומען אַ סך אַרבעט און בעסער באַצאָלט, אײדער אין בראַנדענבורג, דאָס לעבן איז דאָ געװען זעהר װאָלװל, ס׳איז מיר דאָ זעהר געפעלן, און באַ דער ראָזינער פרוי בין איך געװען אַזױ גוט אָנגענומען, אַזױװי איך װאָלט געװען איר ברודער. אַלזױ האָב איך מיר דאָ אויפגעהאַלטן

אַ צייט, מעקלענבורג איז מיר זעהר געפעלן. אין גאַנצן לאַנד איז קיין שטעמפּלקריצער גיט געווען, חוץ אין שווערין, דער הויף־שטעמפּלקריצער רבי ליפּמאַן, וואָס האָט נעקריגן פּענסיע פינף הונדערט רייכסטאָלער. ער אָדער זיינע לייט פלעגן אַהער פון שווערין גיט קומען, און דאָ זיינען געווען עטליכע שיינע שטעט, ווי ראָסטאָק, גיסטראָוו, פּאַרכים, ביוצאָוו, גראַבאָוו, שווערין. איך בין געווען כמעט אין אַלע בעסטע שטעט; דאָרט וואוינען זעהר אַ סך פּריצים.

אַלזוי האָב איך פאַרגעסן אָן ענגלאַנד, איך בין געקומען קיין ביוצאָוו און האָב זיך דאָרט אויפגעהאַלטן עטליכע וואָכן. דאָרט האָב איך נעזעהן אַ שיין מיידל, רב לייבס טאָכטער. איך האָב זיך געטראַכט: ווען איך באַקום דאָס דאָזיגע מיידל, איז דאָס אַ בעסערע רייזע, איידער קיין ענגלאַנד. איך האָב זיך באַקאַנט מיט דעם דאָזיגן מאַן און האָב אים אָנגעמידט, אפשר קאָן איך בא אים עסן. ער איז געווען זעהר באַשיידן און פון אַ נרויסער פאַמיליע. רבי פייוול סטרעליצער איז געווען זיין אַ לייבליכער ברודער, דאָס איז געווען אַ מאַן פון הונדערט טויזנט טאָלער. נאָך אַ ברודער האָט ער געהאַט: ר׳ יואל פרידבערג, אויך אַ רייכער מאַן געווען. דער דאָזיגער ר׳ לייב איז געווען אַ למדן און איז געווען אין ביוצאָוו חזן און רב. נו, בין איך געוואָרן באַקאַנטער מיט ר׳ לייבן, מיט זיין זון, אויך מיט זיין פרוי. איך בין אָבער געווען צו קליין, אום צו האָבן פּרעטענזיעס. איך בין קוים צוואַנציג יאָר אַלט געווען, איך בין נעווען ווייט פון פרויען. דאָס מיידל איז אויך אַלט געווען ניט מער פאר זיבעצען יאָר. ענדליך האָב איך זיך איינגעשטעלט און נערעדט מיט איר ברודער, ער איז געווען בערך אין מיין עלטער, איך האָב אים געפרעגט, צי וויל ער ניט זיין מיין שוואָגער. זאָגט ער: „איך קאָן נאָך ניט חתונה האָבן, איך בין נאָך צו יונג". זאָג איך: „איר פאַרשטייט מיך ניט, איך מוז אייך זאָגן אָפן, איר זאָלט מיר געבן אייער שוועסטער פאַר אַ כלה". זאָגט ער: „ליבער פריינט, דאָס איז ניט אין מיר געווענדט, איר מוזט זיך ווענדן צו מיינע עלטערן". איך האָב זיך נעשעמט, ער אָבער האָט מיר געמאַכט האַרץ און האָט מיר צונערעדט ריידן מיט זיין פאָטער. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיט אים (מיטן פאָטער) ריידן דערפון. אָבער ער האָט נעזאָגט: „איר ווילט נעמען אַ פרוי און איר האָט קיין קוראַזש ניט זיך נעמען דערפאַר, דאָס קומט מיר אויס וואונדערליך". בכן האָב איך מיר געמאַכט האַרץ און האָב גערעדט מיט רבי לייבן, אים געבעטן טויזנט מאָל מיר מוחל זיין, ער זאָל אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן, וואָס איך בין אַזוי איינשטעלעריש און נראָב. זאָגט ער: „וואָס ווילט איר רעדן?", וואָרום ווייטער האָב איך ניט געקאָנט אַרויס מיט דער שפּראַך. לסוף בין איך אַרויסנעקראָכן: איך וואָלט זעהר געוואָלט זיין זיין איידעם.

ער האָט אויף מיר געקוקט, מסתמא בין איך געווען פאַרטראַכט. לסוף זאָגט ער: „האָט איר דען גערעדט מיט מיין טאָכטער?“ — אָ, יאָ, אָבער ניט פון אַזוינע זאַכן. איך האָב געקאָנט באַמערקן, אַז דאָס מיידל איז ניט שלעכט צו מיר, וואָרום זי איז אַלע מאָל געווען צו מיר אַזוי העפליך און פריינדליך. זאָגט מיין גוטער ר׳ לייב: „איך מוז ריידן מיט מיין פרוי און טאָכטער“.

די זאַך איז זיך געגאַנגען איר ווען. מיין פרוי האָט געהאַט גרן דריי הונדערט רייכסטאָלער, ירושה פון איר באָבע, דאָס איז געווען נאָר, וואָרום מיינע שווער און שווינער האָבן קיין קאַפּיטאַל ניט געהאַט, חוץ אַביסל אויסשטייער אין דער ווירטשאַפט. מיין פאַרמעגן האָט געקלעקט אויף כלה־מתנות און זיך אָרנטליך אויסקליידן, וואָרום איך האָב געהאַט ניט קיין סך. נו, האָב איך געשריבן דעם ערשטן בריוו אַהיים צו מיין מוטער, ברידער און שוועסטער, — איך בין שוין געווען כמעט דריי יאָר פון טרויענבריצען, — און האָב זיי פאַרבעטן אויף מיין חתונה. ס׳איז מיר אַפילו ניט איינגעפאַלן, אַז עמיצער זאָל קומען אויף דער חתונה. אָבער עטליכע טאָג פאַר דער חתונה איז געקומען צו פאָרן מיין ברודער אברהם, שוין אַ גרויסער מאַן, מיט אַ היפּשן קאַפּיטאַל געמאַכט. געבראַכט האָט ער מיט זיך אַ ברודער, יענער איז געווען יונגער פאַר מיר מיט אַכט יאָר. דער האָט געוואָלט באַ מיר לערנען די מלאכה, אָבער מיין ברודער משה האָט קיין חשק ניט געהאַט צו שטעמפּלקריצעריי. איך האָב געטאָן מיט אים מיט דעם גרעסטן פלייס, אָבער ס׳איז ניט מעגליך געווען, וואָרום ער האָט געהאַט חשק צום האַנדל. איך האָב געלעבט מיט מיין פרוי אין גרויס נחת און האָב זיך געשעצט זעהר גליקליך. כאָטש ברויט האָב איך אָפט פאַרדינגט קנאַפּ און ס׳איז מיר אָנגעקומען זעהר ביטער, זיינען מיר דאָך געווען אַזוי גליקליך פונקט, ווי מיר וואָלטן געווען מיליאָנערייך.

דערווייל איז דאָס געקומען צום זיבן־יעריגן קריג. איך האָב שוין געהאַט פיר קינדער, מיין הויזהאַלטונג איז געוואָרן גרעסער. איך האָב געזאָרגט זיך אַרויפאַרבעטן אין דער וועלט אַלס אַן ערליכער מענש. אַזוי ווי די פרייסן זיינען געקומען אַהער קיין מעקלענבורג, אַלס פיינט, האָב איך מיר אַנגאַזשירט באַ זיי און האָב געקרינן אַרבעט. איינינע האָבן באַשטעלט באַ מיר אַביסל גאַלאַנטעריי, איך האָב דאָס זיי צוגעשטעלט און האָב געהאַט אַ גוט פאַרדינסט. דאָס אַנדערע יאָר נאָכדעם זיינען געקומען שוועדן קיין מעקלענבורג, אָבער ניט אַלס פיינט. דאָ האָב איך געקרינן אַ סך אַרבעט און האָב פאַרקויפט אַ סך גאַלאַנטעריי. אין אַ קורצער צייט האָב איך פאַרדינט פינף הונדערט רייכסטאָלער, האָב געשיקט דאָס געלט קיין פראַנקפורט באַם אָרער צום יריד און האָב זיך געלאָזט איינקויפן

גאַלאַנטעריי־סחורה. אין אַ קורצער צייט בין איך געוואָרן אַ גאַלאַנטעריי־הענדלער. דאָס האָט מיר מער איינגעבראַכט, איידער שטעמפּלקריצעריי... איך האָב גענומען מײַן געצײַג, האָב דאָס פֿאַרפּאַקט אין אַ קופערט און אַװעקגעשטעלט אין אַ זײַט. נעהאַט האָב איך אַ שײנעם האַנדל, איך האָב מיר געקויפט אַ הויז און אַ גאָרטן. צייט פינף יאָר בין איך געװאָרן אַ מאַן פון עטליכע טויזנט טאָלער, זעהר אַ שײנער װירטשאַפט, אויך שײן זילבער און מעבל.

דער קריג איז געװען פֿאַרבײַ, די גאַלאַנטעריי־סחורות איז שוין ניט נעװען אַזױ אָפּצוזעצן, װי בײַ די אָפיצירן. איך האָב געקלערט זיך נעמען פאַר עפּעס אַנדערש. איך האָב גענומען אײניגע טויזנט רײַכסטאָלער, האָב אײנגעקויפט שניט־סחורות, װאָס בירגערלײַט אויפֿן לאַנד פֿאַרנוצן דאָס אויך. איך האָב געהאַט פיר יונגען, װאָס פלעגן אַרומפאָרן בײַ דער אַרמײ, זײ זײַנען געװען בײַ מיר בעתן קריג, און איך פלעג זײ אַרומשיקן מיט סחורה. נו, האָב איך גענעבן צװײ פון זײ, װאָס פלעגן אַרומפאָרן צוזאַמען, אַזאַ שניט־סחורה, זײ זאָלן אַרומפאָרן אויפֿן לאַנד אָדער אין די פריצישע הויפן, און אַלע דרײַ—פיר װאָכן זאָלן זײ קומען אַהײם. ס'איז אָבער ניט געװען קײן גרויסער אָפּזאַץ און אַ קנאַפּער פֿאַרדינסט דערבײַ, אַזױ װײניג פאַר מיר, װי פאַר מײַנע לײַט. דעם האַנדל האָב איך געטריבן בערך צװײ יאָר. צװײ פון די לײַט, װאָס זײַנען פון מיר אַרומגעפאָרן אויפֿן לאַנד, האָבן זיך אָפּגעטראָגן מיט דער סחורה, װאָס האָט אָנגעטראָפן כמעט טויזנט רײַכסטאָלער מיט די חובות, װאָס זײ האָבן געמאַכט פאַר סחורה, װאָס זײ האָבן אײנגעמאָנט כדי מיטצונעמען בײַ דעם געלט אויך. אויך אײנער אין ביוצאַװ, װאָס האָט שטענדיג געהאַט פון מיר קרעדיט פינף הונדערט רײַכסטאָלער, האָט זיך געשטעלט, האָט געמאַכט אַ קאָנקורס; איך האָב ניט באַקומען דערפון קײן שילינג, אַנדערע האָבן מיך אויך באַשװינדלט. מײַן שװעסטער האָט חתונה געהאַט קײן מאַלכין. דער ברודער האָט צוגעזאָגט דעם חתן טויזנט רײַכסטאָלער נדן און האָט דאָס מיר צוגעשיקט אויך. ניט ער אַלײן האָט דאָס געגעבן. מײַן ברודער משה איז שוין אויך געװען באַװײַבט און האָט געטאָן אַ גוטן שדוך. ער האָט געגעבן צװײ הונדערט טאָלער, מײַן ברודער מרדכי האָט געגעבן הונדערט, איך האָב געמאַכט די חתונה און אַביסל מעבל, בין געפאָרן אויף דער חתונה מיט מײַן פרוי; דאָס האָט מיר אָפּגעקאָסט איבער פינף הונדערט טאָלער. דאָס איז געװען נראָר די צייט, װען בײדע פּױלישע יונגען האָבן מיר רעזערטירט.

אַ יאָר פריהער איז געקומען קײן ביוצאַװ אַ געשיקטער פײַנער בחור, דעם פּרעסבורגער רבס זון ז״ל. איך בין געװען גבאי אין דער קהלה. ער

האָט אויסגעזעהן קרײנקליך און ער האָט מיר דערצײלט, װי ער איז געלעגן קראַנק אַ מײל פון בּיוצאָװ אין אַ דאָרף אין אַ שײער. ער האָט זיך זעהר געװאָלט אויסרוהען אײניגע טעג, האָט געהאַט בּאַ זיך שײנע שכחים פון זײנע מעלות און לומרות. איך האָבֿ אים גלײך אָנגעװיזן אַ קאַמער בּאַ מיר אין הויז און האָבֿ אים צוגעזאָגט אַכט טאָג בּאַ מיר אויסהאַלטן ער זאָל װידער קומען צו זיך. ער האָט מיר בּאַדאַנקט טויזנט מאָל און האָט מיר געקושט די האַנט קענן מײן װילן. בּערך דרײ װאָכן פאַר דעם איז געקומען אַ בּאַפעל אין אַלע שטעט אין מעקלענבּורג, װאו יהודים װאוינען, צו די בּירגערמײסטערס, אַז יעדער בּירגערמײסטער זאָל פאַררופן צו זיך פירשטײער פון אידן און זאָל זײ פירלײענען: „װען אַ פרעמדער איד קומט, זאָל מען בּאַ אים דעם פּאַס פאָדערן און קומען דערמיט צום בּירגערמײסטער, אויבֿ ער איז ניט קײן שנאָרער, זאָל ער בּאַצאָלן פאַר יעדער נאַכט, װאָס ער פאַרבּרײנגט אין שטאָט, 16 שילינג.״ דעם דאָזיגן בּאַפעל האָבּן שװערינער אידן אַלײן אויסגעפּועלט, װײל אַ סך פרעמדע אידן האָבּן זיך אויפגעהאַלטן און געהאַנדלט אין שטעט, װאו יהודים װאוינען, און זײ (די הײמישע) האָבּן געמוזט טראָגן די קאָסטן דערפאַר. אַלזוי האָבֿ איך אים געפרעגט אויף אַ פּאַס, אַזויװי די פירשטליכע פאַראָרדענונג האָט דאָס געפאָדערט, װאָרום איך בּין געװען גבּאי און האָבֿ געמוזט דאָס בּרײנגען דעם פּאָליצײ־בּירגערמײסטער. קײן גוטער פרײנט איז מיר דער דאָזיגער בּירגערמײסטער ניט געװען, װארום מיר האָבּן געהאַט שטרײטיגקײטן צװישן זיך. מײן הויז איז געשטאַנען אין דער פרײ, ניט געהערט צו דעם רשות פונם מאַגיסטראַט, ער אָבּער האָט מיך געװאָלט אַלס אַ אידן מיט געװאַלד אײנשפּאַנען אין מאַגיסטראַט. דערפון איז נאָר ניט געװאָרן, און ס'האָט אים געקאָסט שטראָפגעלט. נו, בּין איך געקומען צו'ן אים מיטן בּחורס פּאַס. דאָ איז געשטאַנען, אַז ער איז אַ אידישער סטודענט, װאָס פאָרט אין אוניװערסיטעט. איך האָבֿ געזאָגט, דער מענש איז קרײנקליך און איך האָבֿ אים צוגעזאָגט אויסהאַלטן אַכט טאג, ער זאָל צו זיך קומען. ענטפערט ער מיר: „אָ, יאָ, ער קאָן דאָ גערן בּלײבּן, אָבּער יעדע נאַכט זעכצען שילינג״. זאָג איך: „דאָס איז אַן אָרעמער מענש, מיר אידן מוזן אים אויסהאַלטן״. זאָגט ער, אַז דאָס קימערט אים ניט, ער האַלט זיך בּאַם הערצאָגס בּאַפעל. זאָג איך, דאָ שטײט ניט, אַז אָרעמע מוזן עפּעס צאָלן. איז ער געװאָרן גראָבֿ און זאָגט מיר, איך זאָל ניט חקירהן, אַנדערש װאַרפט ער מיך אַרויס דורך דער טיר. װאָס האָבֿ איך געזאָלט טון? געװאַלדזאַכן מוז מען װײכן, בּין איך אַװעקגעגאַנגען. נראָר אַקעגן אים האָט געװאוינט דער פּראָרעקטאָר פון דעם אוניװערסיטעט. איך האָבֿ זיך ניט געקאָנט בּארוהיגן, בּין איך אַרײן צו דעם דאָזיגן פּראָפעסאָר און האָבֿ אים דערצײלט פון דעם גראָבּן

קערל, װי ער האָט מיך גראָב באַהאַנדלט. דערצו האָט ער געװאָלט רײסן פֿון אַן אָרעמען סטודענט, װאָס איז נאָך קראַנק אויך, און װאָס איך האָב אים צוגעזאָגט, ער זאָל זיך אויסרוהען בײַ מיר אין הויז אַכט טאָג, ביז ער װעט געזונט װערן. נו, זאָל איך נאָך דערצו צאָלן זעכצען שילינג פֿאַר יעדער נאַכט. ענטפֿערט מיר דער פּראָפֿעסאָר: „דאָס װאָלט געװען זעהר אומגערעכט, װאָס װילט איר אָבער פֿירן אַ פּראָצעס בײַם הערצאָג? דעם פּראָצעס װעט איר ניט פֿאַרלירן, אָבער די אומקאָסטן װעלן אײַך קאָסטן טײַערער פֿאַר צװײ רײַכסטאָלער און זעכצען שילינג". זאָג איך: „זאָל דאָס מיך קאָסטן אפֿילו צען רײַכסטאָלער, נאָר דער גראָבער קערל זאָל ניט אויספֿירן". זאָגט דער פּראָפֿעסאָר: אויב אַזוי, קאָן איך בײַלד געהאָלפֿן װערן, ס'זאָל מיר נאָר קאָסטן פֿינף רײַכסטאָלער. װען איך זאָל נאָר קאָנען רײדן מיט דעם מענשן! זאָג איך, ער איז ניט אַזוי געפֿערליך קראַנק, ער איז שוין הײַנט געװען אין װעג, איז קאָן ער נאָך מאַכן דאָס שטיקל װעג אַהער.

איך בין געגאַנגען אַהײם אים רופֿן און האָב אים געזאָגט, ער זאָל מיטנעמען מיט זיך זײַנע אַטעסטאַטן. און אַזוי זײַנען מיר אַהין געגאַנגען. דער בחור האָט געקאָנט עטליכע שפּראַכן: פֿראַנצויזיש, לאַטײַן, אונגאַריש, לשון קודש און רעכט דײַטש. ער האָט אויך געהאַט אַן אַטעסטאַט פֿון דעם קריסטליכן אוניװערסיטעט אין פֿראַנקפֿורט בײַם אָדער, אַז ער איז אַ טיכטיגער מאַן. ער איז געװען דעם פּרעסבורגער רבס זון, װאָס האָט אים געלאָזט לערנען װאָס מיגליך. נאָר אַזװי זײַן מוטער איז געשטאָרבן, און דער פֿאָטער האָט װידער חתונה געהאַט, האָט ער ניט געקאָנט הויזן מיט דער שטיפֿמוטער. אַזוי האָט זי אים פֿאַרטריבן פֿון דער הײם, און ער װאַנדערט אַרום אויף דער װעלט שוין דרײַ יאָר און קאָן ניט קומען צו קײן פּאַסיגער שטעלע, װי ער װאָלט געװאָלט. דער פּראָפֿעסאָר האָט מיט אים גערעדט לאַטײניש און פֿראַנצויזיש. נאָך דעם זאָגט ער: „אַ שאָד, איר זאָלט אַזוי װאַנדערן אויף דער װעלט, איר דאַרפֿט שטודירן מעדיצין". „יאָ, זעהר גערן, װען איך זאָל דאָס פֿאַרמאָגן. פֿון מײַן פֿאָטער קאָן איך נישט בײַקומען גאָרנישט, ער איז שוין אַן אַלטער מאַן, זײַן יונגע פֿרױ האַלט אַלץ אין די הענט, אַזוי װי מײַן מוטער האָט דאָס געהאַלטן". דאָ זאָגט ער אונז: „גײט אַהײם, איך װעל אײַך צושיקן אַ מאַטריקל פֿון אַ סטודענט, װעט דער בירגערמײסטער ניט האָבן איבער אײַך צו שאַפֿן. דעמאָלט שטײט איר אונטער דער יוסטיץ פֿון דער אַקאַדעמיע". מיר זײַנען געגאַנגען אַהײם; לסוף איז געקומען דער פּעדעל און האָט געבראַכט אַ מאַטריקל מיט די סטודענטן־כּללים, און װאָס דערצו געהערט נאָך. איך האָב אים געגעבן פֿינף רײַכסטאָלער. דעם אַנדערן טאָג זאָג איך צום סטודענט, צי האָט ער ניט קײן חשק צו גײן אין אוניװערסיטעט. אָ, יאָ! אבער ער

האָט קיין געלט ניט דאַרויף. זאָג איך, זאָל זיין חייגינסטנס די עטליכע טאָג, וואָס ער האַלט זיך אויף בײַ מיר, כּלויז דעם בּירגערמייסטער אויף צו להכעיס, וואָרום איך נופא וויל מיט אים אַ פּאָר מאָל אין טאָג פאַרבּייגיין דעם בּירגערמייסטערס טיר. איך בּין געגאַנגען צום פּראָפעסאָר הויפראַט רעטערדינג, אַ מעדיצינער, האָבּ אים דערציילט די גאַנצע היסטאָריע און האָבּ אים געבּעטן, צי דער מענש קאָן ניט בּײַ אים פריי הערן זיינע לעקציעס עטליכע טאָג. זאָגט ער: „ניט עטליכע טאָג, נאָר ווען ער וויל אַפילו דאָ בּלייבּן אַ יאָר לאַנג, פאַרלאַנג איך פון אים ניט קיין געצאָלץ". בּין איך געגאַנגען צום פּראָפעסאָר טעטינס פון דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט, האָבּ אים אויך דערציילט די גאַנצע מעשה, אויך צום פּראָפעסאָר קאַרפּאַהאָף פון די אָריענטאַלישע שפּראַכן, האָבּ אויסגעפּועלט פאַר אים אומעטום פריי די לעקציעס. איך בּין געקומען אַהיים און זאָג צו אים: „ליבּער פריינט, היינט קאָנט איר זיך נאָך אויסרוהען, אויף מאָרגן האָבּ איך פאַר אייך בּאַשטעלט דריי פרייע לעקציעס". ער האָט זעהר געדאַנקט, אָבּער אין פּנים האָבּ איך דערקענט, אַז אים איז עפּעס ניט ליבּ. איך האָבּ אים געפרעגט, צי געפעלט דאָס אים ניט. „אָ, געווים! אָבּער אַלס סטודענט זיינען מיינע קליידער ניט אַזוי אויסגעריכט, ווי מ'דאַרף". זאָג איך אים, מאָרגן וועלן מיר זעהען, וואָס ס'לאָזט זיך מאַכן.

אויף מאָרגן האָבּ איך גענומען מיין אַ קלייד פון די בּעסטע, און אַ הוט, וואָס איך האָבּ געקויפט מיט אַ גאָלדענעם גאַלון, אַ שפּאַנגע מיט זילבּער בּאַשלאָגן, און האָבּ אים געלאָזט זיך אָרומשערן און זיך אָנטון, אָפּגעדערט, אַז דאָס לייַ איך אים אויס, און האָבּ אים צוגעזאָגט, ער זאָל בּײַ מיר בּלייבּן פיר וואָכן, אַלע טאָג הערן לעקציעס, דערנאָך זאָל ער פאָרן קיין בּערלין אַלס סטודענט, איך וועל אים געבּן רעקאָמענדאַציעס צו מיינע פריינט. דאָרט וואוינען אַ סך רייכע אידן, זיי וועלן אים בּאַהילפיג זיין אין זיין שטודירן. און אַזוי בּין איך מיט אים געגאַנגען צום הויפראַט רעטערדינג. נאָך מיטאָג בּין איך מיט אים געגאַנגען צו פּראָפעסאָר טעטינס, דערנאָך צו פּראָפעסאָר קאַרפּאַהאָף. אויף מאָרגן בּין איך מיט אים געגאַנגען צו פּראָפעסאָר שאַרשמיר, אויך אַ מעדיצינער. יעדער אָוונט האָט ער מיר אָריינגעבּראַכט מיין קלייד, הוט און שפּאַנגע און האָט זיך איבּערגעטאָן אין זיינס. עטליכע טאָג, איידער די פיר וואָכן זיינען אויסגעגאַנגען, שיקט דער הויפראַט רעטערדינג צו מיר, איך זאָל צו אים קומען. אַז איך בּין געקומען, זאָגט ער צו מיר: „איך האָבּ געהערט פונם סטודענט מאַרקוס, אַז ער טוז פון דאַנען אַוועקפאָרן. אַ שאָד דער מענש, אַזאַ טיכטיגן סטודענט האָבּן מיר דאָ אין דעם גאַנצן אוניווערסיטעט ניט. דער מענש איז אַ גרויסער כּבוד פאַר אייך. נעכטן האָבּ איך פון אים גערעדט מיט פּראָפעסאָר שאַרשמיר. ער

האָט מיך געבעטן, איך זאָל מיט אײַך רײדן, אַז איר זאָלט אים דאָ אױפהאַלטן אַ יאָר; ער װעט נעמען באַװײזן אין אַ יאָר, װאָס אַ סך סטודענטן באַװײזן ניט אין פיר. ס׳װאָלטן דאָ פערציג פּאַציענטן, װאָס אַלע צוזאַמען װאָלטן װי אים געקאָנט געבן קעסט און דירה. ס׳װאָלט געװען אַ חרפּה פאַר אידן". פּראָפעסאָר שאַרשמיר און פּראָפעסאָר טעטינס האָבן מיר אױך אַזױנס פירגעהאַלטן פאַרן סטודענט מאַרקוס. איך האָב געמײנט, אַז ער האָט דערצו אָנגערעדט די פּראָפעסאָרן. בכן האָב איך געלאָזט צונױפרופן אַלע אידן און האָב זײ פירגעשטעלט די זאַך. ביז אַהער האָב איך אים געגעבן יעדע װאָך אַ רײַכסטאַלער אױף קלײנגעלט, אומזיסט קעסט און דירה. מיר זײַנען דורכגעקומען, אַז איך גיב אים פרײַ דירה, בעט, האָלץ און ליכט און אַ טאָג עסן אין װאָך, די איבעריגע זעקס טעג זאָלן אים אַנדערע געבן, װער מיטאָג, װער אָװנטברױט. אױך איז צעטײלט געװאָרן אַ רײַכסטאָלער און זעכצען שילינג אױף קלײנגעלט יעדע װאָך. אונזערע װײַבער זײַנען זיך אױך צונױפגעקומען און האָבן אים געמאַכט אַ נײַ אָנטון. אַזױ האָט מען אים אַרױסגעהאָלפן, ער איז אױך געװען אָנגעזעהן בײַ די פּראָפעסאָרן אין די אױגן. הױפראַט רעטערדינג פלעגט אים שטענדיג מיטנעמען, װען בײַ אַ פּאַציענט איז עפּעס געװען אַ אינטערעסאַנטער פאַל. אין דער שטאָט האָט מען פון אים געהאַלטן, װי פון אַ טיכטיגן מעדיצינער. ער איז געװען בערך אַנדערהאַלבן יאָר אין ביוצאָװ, האָט ער געהאַט אַ נאָמען בײַ שטאָט, אַז בירגער האָבן אים גערן גערופן, אפילו די פּױערים פונם לאַנד פלעגן קומען צו אים און נוצן זײַנע רעצעפּטן. ס׳איז אים זעהר גוט געגאַנגען מיטן קורירן, האָט מער ניט באַדאַרפט אָנקומען צו קײן קלײנגעלט, האָט זיך אײַנגעאָרדנעט און האָט זיך געקאָנט פירן פײַן. אַלע סטודענטן האָבן אים זעהר געאַכט. איך האָב אים פאַרשאַפט אַ רײַכע כלה. ס׳איז לסוף געקומען צו דער חתונה, האָב איך אים געליען צװײ הונדערט רײַכסטאַלער, ער זאָל מיר נאָך דער חתונה אָפּגעבן. ער האָט געקריגן נדן צװײ טױזנט רײַכסטאַלער, ער האָט געװאױנט אין סטרעליץ. ער האָט אָבער אָנגעהױבן גרױס צו לעבן. איך האָב אים געשריבן װעגן מײַן געלט, װאָס איך האָב אים געליען אָהן פּראָצענט; ער האָט מיר געענטפערט מיט פאַרשײַרענע אױסרײדן, אָפּגעלעגט אױף פיר, אױף זעקס װאָכן. אַ סך מענשן האָב איך אױף מײַן לעבן גוטס געטאָן, אָבער שלעכטס האָב איך מיט װיסן און מיט װילן קײנמאָל ניט געטאָן, איך מוז מיר דערמיט אַלײן באַרימען. לסוף איז ער אַנטרונען געװאָרן פון סטרעליץ אַזױװי אַ שװינדלער. ער האָט נאָכגעמאַכט אַ בריף, פּונקט װי ער װאָלט אים קריגן פונם שטעטינער קאָמענדאַנט. אַזױװי ער האָט געהערט, אַז דער הער דאָקטאָר מאַרקוס איז אַ געניטער דאָקטאָר, בכן זאָל ער קומען צו אים, ער װעט אים זײַנע הוצאות

און רייזע גוט באַצאָלן. דער שווער האָט אים געגעבן צו דער נסיעה אַ קאָטש מיט צווי פערד אַזוי, אַז העכסטנס אין פערצען טאָג האָט ער באַדאַרפט זיין הין און צוריק. אבער ער האָט פאַסירט זיין פרוי און אַ קליין קינד באַ אירע עלטערן אין סטרעליץ און איז אַוועק קיין פוילן. אַקעגן אַ האַלב יאָר נאָך דעם האָט ער געשריבן צו שווער און שוויגער, צי וועלן זיי אים שיקן די פרוי און דאָס קינד קיין ליסאַ אין פוילן. דאָ זיינען פאַראַן אַ סך רייכע אידן, און זיי האָבן מיט אים געמאַכט אַ קאָנטראַקט, וועט ער קריגן פונם אידישן בקור חולים פינף הונדערט רייכסטאָלער. וואָס האָבן די עלטערן געקאָנט טון? האָבן זיי אים אָפּגעשיקט די פרוי און דאָס קינד. איך האָב פון אים קיין פעניג צוריק ניט געקריגן. אַזוינע שווינדלער האָבן מיך אָפּט אָפּגענאַרט. איך האָב אין מיין גאַנץ לעבן ניט געזוכט זיך גוטס זיין און בין שטענדיג געווען צופרידן מיט מיין מזל; איך האָב שטענדיג געקלערט נאָר אַן ערליכער מאַן צו בלייבן. דאָס איז געווען מיין כלל.

נו, איז דאָס מיר געגאַנגען ניט צום בעסטן. אמת, איך בין קיינעם ניט שולדיג געווען, איך בין געווען אַ פרייער מענש. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ווען איך בין געווען באַ דער שוועדישער אַרמיי, האָב איך געהאַט זעהר אַ סך אַרבעט באַ די שוועדישע אָפיצירן. זיי האָבן מיר געראָטן קומען קיין שווערן, קיין שטיינקריצער איז ניט פאַראַן אין דער גאַנצער שוועדישער מדינה. אין גאַנץ מעקלענבורג זיינען די געשעפטן געגאַנגען שלעכט, ס'איז געווען אַ מגפה אויף פיה, און אַ סך איז אויסגעפגרט. ס'איז ניט געווען צו קריגן קיין מילך; אין ביוצאָוו איז געווען פינף הונדערט קיה, זיינען זיי אויסגעפגרט, קוים געבליבן דרייסיג. מיין גאַנץ הויז, מיין פרוי מיט פינף קינדער, מיינע קנעכט און דינסט זיינען געלעגן דריי חדשים קראַנק. נו, קאָן מען זיך גרינג פירשטעלן, אַז קיין האַנדל גייט נישט און אומעטום האָט מען שאָדן, מוז מען זיך אַרומקוקן און זיך נעמען פאַר עפּעס אַנדערש, איידער מ'גייט גאָר צו גרונט.

ס'איז צו מיר געקומען מיין אַ גוטער פריינט, ר' דוד, און האָט זיך מיר געקלאָגט אויף זיין נויט. דער מענש איז פריהער געווען פאַרמעגליך, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ס'גייט אים אַזוי ווי מיר, ס'איז ניטאָ קיין האַנדל. ער האָט מיך געפרעגט, צי וועל איך איינגיין צו מאַכן אַ געשעפט מיט אים, וואָלטן מיר ביידע אַ סך פאַרדינט. זאָג איך: „יאָ, געוויס!" זאָגט ער: „ליבער ברודער, צי קאָנסטו אַריינלייגן פינף הונדערט רייכסטאָלער? דאָס איז אויף דיין חלק, איך וועל אויך אַריינלייגן פינף הונדערט רייכסטאָלער, וועלן מיר צוזאַמען האָבן טויזנט רייכסטאָלער". זאָג איך: „ליבער ברודער, לאָז מיך נאָר הערן דיין ספּעקולאַציע". זאָגט ער: „יאָ, איך וועל דיר דאָס

געווים זאָגן, דו מוזט מיר אָבער הייליג פֿאַרשפּרעכן, אויב דו וועסט ניט קאָנען אָדער ניט וועלן איינגיין אויף מיין פּלאַן, אַז דו וועסט דאָס קיינעם ניט אויסזאָגן". איך האָב אים דאַרויף געגעבן מיין האַנט. ער האָט געזאָגט: איך קאָן קריגן געגנוג אַנדערע שותּפים, אָבער מיר האָבן תּמיד געלעבט אַזויווי געטרייע ברידער, און איך ווייס, אַז דיינע אומשטאַנדן זיינען אויך ניט צום בעסטן. דו האָסט תּמיד געליטן איבער דיין נויטהאַרציג־קייט, נו, וועל איך דיר זאָגן: צוריק עטליכע טאָג איז בּאַ מיר געווען הער פֿאָן ביולאָוו. דו ווייסט, ער קויפֿט שטענדיג בּאַ מיר. ער האָט מיך געפֿרעגט, צי וועל איך ניט קומען קיין טערעך. הער פֿאָן בּליוכער האָט עטליכע ציגן און פֿאַרקויפֿט זיי, ער נעמט צו אַכט רייכסטאָלער פֿאַר אַ ציג, זאָל איך אים קויפֿן אַ ציג. איך בּין נשתּומם געוואָרן איבער אַזאַ פּרייז. איך בּין געווען נייגיריג, האָב איך גענומען מיין פֿערד און בין גלייך אַרויס־געריטן. קום איך און זאָג אים: ,איך האָב געהערט, איר האָט ציגן צו פֿאַרקויפֿן, איך וואָלט גערן געקויפֿט איינע'. ענטפֿערט ער: ,איך האָב געהאַט צו פֿאַרקויפֿן עטליכע ציגן, אָבער זיי זיינען שוין אַלע אויספֿאַר־קויפֿט; וואָלט איך געהאַט הונדערט, וואָלטן זיי שוין אַלע געווען פֿאַרקויפֿט. אָבער איך האָב געהאַט ניט מער ווי צען, דערפֿון האָב איך שוין אַכט פֿאַרקויפֿט, צוויי דאַרף איך האָבן פֿאַר זיך'. פֿרעג איך אים, וויפֿיל האָט ער גענומען פֿאַר אַ שטיק, זאָגט ער: ,אַכט רייכסטאָלער, און נעכטן האָט מיר איינער געבאָטן צען רייכסטאָלער פֿאַר אַ ציג'. בכן האָב איך קיין ציג ניט געקריגן, אומזיסט נאָר בין איך אָפּגעריטן אַ מייל. נו, וויל איך דיר זאָגן, דו ווייסט, איך בין געווען בערך פֿאַר דריי יאָרן מיט מיין שוואָגער אין פּאָלצין, איך האָב באַזוכט מיין פֿאַמיליע, וואָרום דאָס איז געווען ניט וויט דערפֿון; נאָכדעם האָבן מיר פֿאַרבראַכט בּאַ מיין ברודער. האָב איך געזעהן, ווי ער האָט געקויפֿט דריי שטיק ציגן אויפֿן מאַרק, ער האָט געגעבן איין רייכסטאָלער און אַכט שילינג פֿאַר אַ שטיק און האָט זיי געקוילעט; אַנדערע האָבן אויך איינגעקויפֿט וועלכע שטיק צו איין רייכסטאָלער, האָב איך געפֿרעגט, פֿון וואַנען קומען די אַלע ציגן. האָט ער מיר געזאָגט ,דאָ דערבּיי בּאַ דער פּוילישער גרעניץ. דאָרט זיינען פֿאַראַן פּויערים, וואָס האָבן צו דרייסיג און צו פֿערציג שטיק, פֿאַרקויפֿן זיי אַ סך, וואָרום זיי מערן זיך שטאַרק. די מייסטע ציגן האָבן צו צוויי ציגעלאַך. נו, מיין איך פֿאָרן אַהין און ברענגען אַהער ציגן. איז דאָס ניט אַ גרויס פֿאַרדינסט?"

איך האָב זיך אַ קלער געטאָן: ווינטער פֿאָרן, קיין שוועדן גייט עפּעס ניט, און ס'איז בּאַ מיר געבליבן איינגיין אויפֿן ראָזינג געשעפֿט. איך האָב אויך געהאַט אַ רייטפֿערד. מיר האָבן אָפּגערעדט מאַכן די נסיעה אין

אַכט טאָג אַרום, אויך האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז יעדער לייגט אַריין צו פינף הונדערט רייכסטאָלער. קיינער האָט דערפון ניט געוואוסט. אַזוי זיינען מיר אַרויסגעפאָרן; און צייט צען טאָג זיינען מיר געווען אויפן אָרט. דאָרט האָבן מיר גענומען איינינגע מענשן, וואָס זיינען דאָ באַקאַנט. איך האָב זיך גענומען אין איין זייט מיט אַ פּאָר יונגען, און ר׳ דוד אין אַן אַנדער זייט מיט אַ פּאָר יונגען. אין איינע אַכט טאָג האָבן מיר איינגעקויפט זיבן הונדערט צינגן. דעם גרעסטן טייל האָבן מיר איינגעקויפט ניט מער ווי צו איין רייכסטאָלער. נו, האָבן מיר גענומען אַכט טרייבערס, וואָס זאָלן אונז טרייבן די צינגן און ניט אויף איין וועג. איך האָב גענומען די העלפט מיט מיינע טרייבערס, און ר׳ דוד מיט די אַנדערע טרייבערס — די אַנדערע העלפט. מיר האָבן דעם טאָג ניט געקאָנט מאַכן מער פאַר צוויי מייל, מיר האָבן געמוזט דריי מאָל אַ טאָג פיטערן מיט היי און מיט אַרבעסשטרוי. ווי נאָר מיר האָבן געטריבן פיר טאָג, איז אויסגעפאַלן אַ גרויסער שניי. מיר האָבן זיך אָבער ניט געקאָנט אָפּשטעלן, וואָרום היי און שטרוי האָט אויסגעפעלט דאָ, וואו מיר זיינען געווען צוויי טאָג. ס׳איז געוואָרן שטילער אין דרויסן, האָבן מיר ווייטער געטריבן אַזוי ווייט, ווי מיר האָבן געקאָנט אָניאָגן. ס׳איז נאָך געלעגן אַ גרויסער שניי. ווי מיר האָבן ווייטער אָפּגעטריבן עטליכע טאָג, האָבן די צינגן געהאַט פאַר דער צייט, ס׳האָט קיין סך ניט געפעלט, אַז אַלע זאָלן פגרן. אַלע מאָרגן האָט מען געפונען אין שטאַל פופצען — צוואַנציג שטיק צינגן טויט, אויך אַ סך פון די צינגעלאַך, וואָס זיי האָבן אָפּגעוואָרפן. וואָס האָבן מיר געקאָנט טון? מיר האָבן געמוזט ווייטער מאַכן דעם וועג. אונזער רייזעגעלט איז אונז קנאַפּ געוואָרן; מיר זיינען געקומען קיין פרידלאַנד און האָבן ניט געוואוסט, ווי אַזוי קומט מען אַהיים. האָבן מיר פאַרקויפט דרייסיג שטיק און גענומען צו צוויי מיט אַ האַלבן רייכסטאָלער, פאַר עטליכע צו דריי רייכסטאָלער. ס׳איז אונז געבליבן נאָך איבער צוויי הונדערט פופציג שטיק. מיר האָבן אָפּגעשאַפט זעקס יונגען און געבליבן נאָר בײַ צוויי טרייבערס. די לייט, וואָס האָבן בײַ אונז היינט געקויפט צינגן, האָבן שוין מאָרגן איינינע געהאַט געפּגרטע, אַזוי אַז מיר האָבן געהאַט סקאַנדאַלן און ס׳האָט זיך געמוזט גלייכן. מיר האָבן זיך אויסגעריסן פון פרידלאַנד, עטליכע טאָג האָבן מיר זיך נאָך אַרומגעשלעפּט ביז צוויי מייל פאַר סטרעליץ; אויפן וועג האָבן מיר פאַרקויפט נאָך עטליכע. פון אַלע צינגן איז אונז געבליבן לעבעדיגע נאָך זעכציג שטיק. מיר זיינען געקומען צו׳ן אַ מילנער, האָט ער בײַ אונז אָפּגעקויפט צוויי שטיק. ער האָט אונז געזאָגט: „די צינגן זיינען אַזוי אויסגעמאַטערט פון דעם שלעכטן דרויסן, איר וועט זיי קיין פיר מייל ווייטער ניט ברענגען, זיי קראַפּירן אַלע“. דער מאַן איז געווים ניט געווען אומגע־

רעכט, ער האָט אויסגעזעהן צו זיין אַן ערליכער מאַן, ער האָט געזאָגט: „איך האָב געגוג פוטער: היי און אַרבעס־שטרוי. איך װעל זיי צופּאַשן פאַר אַ קלײניגקייט. און איך װעל אייך געבן אַ געשריפטס, אַז איר האָט בּאַ מיר געלאָזט אַזוי פיל און אַזוי פיל. אָבער װאָס דערפון װעט פּגרן, דאָס גייט מיר ניט אָן. פאַר מיין פוטער פאַרלאַנג איך די פיר װאָכן צו אַכט שילינג פון אַ ציג״. מיר האָבן דאָס געמאַכט שריפטליך און זיינען געפאָרן אַהיים, ס׳איז אונז ניט געבליבן קיין פערציג רייכסטאָלער פון אונזערע טויזנט. אין פיר װאָכן אַרום האָבן מיר געשריבן צו דעם מילנער, האָבן אים געגעבן פולמאַכט, ער מעג פאַרקויפן די ציגן פאַר אונזער רעכענונג, זיך אָפּרעכענען, װאָס אים קומט פאַר פוטער, און דאָס איבעריגע אונז אָפּשיקן. דרויף האָבן מיר געקריגן אַן ענטפער: מיר זאָלן אים אָפּ־שיקן צוריק זיין געשריפטס. נאָכדעם האָט ער אונז געמאַכט אַ חשבון: אַזוי פיל האָבן קראַפירט, די איבעריגע האָט ער אונז אויסגערעכנט יעדע ציג באַזונדער, װעמען ער האָט פאַרקויפט, די דאַטע און דעם נאָמען דערביי. אַזוי האָבן מיר באַקומען זעקס און צװאַנציג רייכסטאָלער און עטליכע שילינג — דאָס איז געװען דאָס גאָלדענע געשעפט! ס׳איז מיר גענאַנגען בּאַרג אַראָפּ. נו, האָב איך נאָך געהאַט מיין אייגן הויז און גאָרטן, און בין קיינעם ניט געװען שולדיג. איך האָב נאָך געהאַט אַביסל זילבער פאַרן אייגענעם געבּרויך. איך האָב זיך אַזוי געפירט, אַז קיינער האָט ניט געװאוסט מיינע שלעכטע אומשטאַנדן.

ס׳איז בּאַ מיר געבליבן פריהער פאָרן קיין שװערין, איידער איך װעל פירנעמען די נסיעה קיין שװעדן, װאָרום אין שװערין האָט געװאוינט דער הויפמעראַליער ר׳ אברהם, איינער פון די גרעסטע קינסטלער אין דייטש־לאַנד אין שטיינקריצעריי. איך האָב מיט אים צוזאַמען געאַרבעט אין װאַרשטאַט בּאַ זיין בּרודער ר׳ ליפמאַן. ער האָט אויסגעשלאָגן אַ סך געלט, נאָר אַזויװי דער הערצאָג איז געשטאָרבן, מיגץ האָט מען אויפגעהערט צו מאַכן, האָט ר׳ ליפמאַן געקריגן זיין אָפּשייד. דער דאָזיגער ר׳ אברהם איז געװען ר׳ ליפמאַנס אַ בּרודער, ער האָט זיך געלאָזט איינלאַדן אַלס הויפמעראַליער אהן געהאַלט, נאָר בּלויז פאר דעם קליינעם פאַרדינסט, װאָס בּאַ דעם מינץ איז פאַראַן אָפּפאַל, װאָס ס׳האָט אים איינגעבּראַכט קוים הונדערט רייכסטאָלער אַ יאָר. איידער ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער געהאַט אַ קאַפּיטאַל פון טויזנט רייכסטאָלער, נדן האָט ער אויך געקריגן טויזנט פינף הונדערט רייכסטאָלער. איך האָב געװאוסט, אַז ער האָט שוין זיין געלט אויפגעגעסן. איך בּין מיט אים אַבּיסל אַרויסגעגאַנגען. מיר זיינען זיך געװען אַזוי געטריי אַזויװי בּרידער. איך פרעג אים, װי גייט דאָס אים. ער האָט זיך געקלאָגט אַ סך מער פאַר מיר. זאָג איך: „דו

ביסט דאָס װערט, ס׳איז אויף דיר קײן רחמנות ניט. אַזאַ קינסטלער זאָל בלײבן שטעקן אין מעקלענבורג און ניט פֿאַרדינען קײן ברויט! קום מיט מיר קײן שװערן. אין גאַנץ שװערישער מדינה איז קײן שטײנקריצער ניט פֿאַראַן, דאָרט קרינן מיר אַזוי פֿיל אַרבעט, אַז מיר װעלן דאָס בײדע ניט באַװײזן צו מאַכן. דו זאָגסט, אַז אין צען װאָכן האָסטו ניט געהאַט פֿאַר קײן צען רײכסטאָלער אַרבעט, און איך פֿאַרשטײ נאָך אין נאַלאַנטערײ־האַנדל און בין אַ שטיקל מבין אויף צירונג״. זאָגט ער מיר: „אויף מײן לעבן בין איך ניט אַרומגעפֿאָרן, זאָל איך רען לאָזן מײן פֿרוי און קינדער בלײבן דאָ? און מ׳װעט אונז ניט לאָזן װאוינען דאָרט אויך, איך האָב געהערט, אַז אידן טאָרן אין שװעדן ניט װאוינען. אָבער דו מײנסט, אַז אַזױװי אין גאַנץ שװערן איז קײן שטײנקריצער ניט פֿאַראַן, קאָן מען באַקומען אַ פּריװילעגיע צו װאוינען אין שטאָקהאָלם, איז בכן פֿאָר דו פֿריהער, איך װעל דיר פֿאַרגיטינן האַלב הוצאות, און װי דו װעסט נאָר קרינן די פּריװילעגיע, פֿאָר איך דיר נאָך״. זאָג איך: „ברודער, זאָל דאָס באַ דיר בלײבן בסוד, האַלט דאָס ניט פֿיר פֿאַר קײן מענשן, אַפֿילו פֿאַר דײן פֿרוי אויך ניט״.

ער בעט מיך אויך, איך זאָל דאָס האַלטן בסוד, אַפֿילו מײן ברודער ניט אויסזאָגן. ער האָט געהאַט אַ רײכן שװאָגער, אָבער מײן ברודער אין שװערין איז געװען אײנער פֿון די רײכסטע אידן. מ׳האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ מאַן פֿון הונדערט טױזנט טאָלער. זאָג איך: „ברודער, מאָרגן הערסטו פֿון מיר תּשובֿה״. און בין געגאַנגען אַהײם צו מײן ברודער אבֿרהם. איך האָב געהאַט באַ זיך זילבער פֿאַר אַ פּאָר הונדערט טאָלער. דאָס איז געװען מײן אײגן זילבער. ער, מײן ברודער, האָט אויך ניט געװאוסט פֿון מײנע שלעכטע געשעפֿטן. אויף מאָרגן האָב איך אים פֿאַרקויפֿט דאָס זילבער, דאָס איז נאָך געװען גוט צום נוצן. מיר האָבן געגעסן מיטאָג, נאָכדעם בין איך װידער געגאַנגען צו ר׳ אבֿרהמען און זאָג אים: „ליבער ברודער, איך גײ אײן אויף דײן פֿאָרשלאָג, אָבער מיר מוזן דאָס מאַכן שריפֿטליך באַ אַ נאָטאַריוס״. ער איז דערמיט געװען צופֿרידן. אַזױװי מיר האָבן אָבער ניט געװאָלט, אַז עמיצער זאָל דערפֿון װיסן, האָבן מיר ניט געװאוסט, װאוהין גײט מען זיך צעשרײבן. לסוף זאָגט ר׳ אבֿרהם: „איך האָב דאָרט הינטער דער שטאָט אַ גוטן באַקאַנטן, דאָס איז אויף דער שלײפֿמיל, ס׳איז קײן פֿערטל מײל ניט, אַהין קומט מען ניט אַזוי גרינג, איך האָב אויך אַ גוטן באַקאַנטן נאָטאַריוס, ער װעט מיט אונז אויך גײן אַהין״.

בין איך מיט אים װידער געגאַנגען צו אים אין הויז, און מיר האָבן געטרונקען קאַװע. װי מיר האָבן אָפּגעטרונקען, זאָגט ער צו מיר: „ליבער

ברודער, איך מוז אַ ווײַלע אַוועקנײַן, בלײַב דו דאָ מיט מײַן פרוי, איך וועל באַלד צוריקקומען, וועלן מיר אַביסל שפּאַצירן נײַן פאַרן טויער". ער איז אַוועק נאָכן נאָטאַריוס, אָפּגערעדט מיט אים, און אים געהייסן אַרויסנײַן פריהער אין אַן אײַנפאָרהויז באַם טויער, דאָרט זאָל ער זיך הייסן געבן אַ בוטל ווײַן; מיר וועלן שוין נאָך אים אונטערקומען. ער איז געקומען אַהיים, מיר זײַנען בײדע אַרויס, געקומען צום נאָטאַריוס, באַצאָלט פאַרן ווײַן און ווײַטער געגאַנגען. מיר האָבן געקריגן אַ שטוב, וואו מיר זײַנען געווען אײנע אַלײן, און האָבן זיך צעשריבן אַזוי ווי ס'איז בײַ אונז געווען אָפּגע־רעדט. מיר האָבן זיך מתחייב געווען מיט אַ שבועה, אַז מיר זאָלן דאָס האַלטן הײליג. מיר טײלן אונזער פאַררינסט גלײַך אויף גלײַך. קײנער קומט ניט מער, וואָס דאָס פאַרדינסט זאָל ניט זײַן: דורך אַרבעט אָדער דורך האַנדל. מיר האָבן זיך דאָ פאַרהאַלטן עטליכע שעה, ס'איז געוואָרן נאַכט, ר' אברהם האָט באַשטעלט בײַ זײַן פרוי אַ גוט אָוונט־עסן, איך האָב דערפון גאָרניט געוואוסט. איך האָב געוואָלט נײַן צו מײַן ברודער אַהײם, אָבער ר' אברהם האָט מיך ניט געוואָלט אָפּלאָזן: נאָר איך מוז נײַן צו אים אַהײם. ער האָט פאַרבעטן נאָך עטליכע פרײַנט צום טיש, מיר האָבן געהאַט אַ שײן אָוונט־עסן מיט עטליכע גוטע בוטל ווײַן און האָבן פאַרבראַכט גאַנץ פרײליך. ס'האָט געשלאָגן עלף אַזײגער, איך האָב זיך געמוזט אויסרײַסן מיט געוואַלט צו נײַן אַהײם צום ברודער.

געקומען אַהײם, דער טיש איז געגרײט, מײַן שוועגערין מורמלט זעהר: „מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט אויף אײַך מיטן אָוונטעסן, און די קינדער אויך, אַז זײ זײַנען אײַנגעשלאָפן, זײ האָבן זיך ניט געוואָלט צורירן צום עסן, ביז דער פעטער אהרון וועט קומען". זאָגט מײַן ברודער, ער האָט זיך געווּיס בײַ אברהם פ"ח [פּתוח־חותם — גראַוויאָר], זײַן ברודער, ניט געקאָנט שײדן מיט די טאַראָק־קאָרטן. איך בין געווען אַביסל אויפגערוימט פונם ווײַן, זאָג איך: „וואו איז דאָס מײדל, איך וויל נײַן צו בעט. איך קום אַהער אַזוי זעלטן, איז קרינגט איר זיך מיט מיר, ווײל איר ווילט מײַנער פּטור ווערן, מאָרגן פאָר איך אַהײם". מײַן שוועגערין בעט מיך, איך זאָל נײַן עסן, ס'איז ניט געווען אַזוי שלעכט געמײנט. זאָג איך דערויף, אַז איך וויל ניט עסן. קײן מײדל איז ניט געווען. אויפן טיש זײַנען געשטאַנען דרײַ לײַכטער, איך האָב גענומען אײנעם און בין געגאַנגען צו בעט, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און האָב זיך געלאָזט צו דער טיר. מײַן שוועגערין, הער איך, ווי זי זאָגט הינטער מיר, „איך וואָלט דאָס אויף מײַן לעבן ניט געגלויבט, אַז איר קאָנט זײַן אַזוי אויפגעבראַכט". איך האָב אָבער איר געוואָלט נאָך מער ערגערן, פאַרוואָס זי האָט געמורמלט, זאָג איך: „איך וועל געווּיס שוין מער ניט קומען צו אײַך, ליבע שוועגערין,

אַ גוטע נאַכט!״ — „נו ווייס איך ניט, וואָס איז מיט איידן!״ — איך קלער באַ זיך: איך ווייס דאָס וואויל, איך האָב צו פיל געטרונקען.

אויף מאָרגן, ווי נאָר איך בין אויפגעשטאַנען און האָב זיך געמאַכט די ליולקע טאַבאַק, בין איך אַראָפּגעגאַנגען אין שטוב. די שוועגערין איז שוין דאָ געווען. פרעגט זי מיר, צי בין איך נאָך אַזוי געשטימט אַזויווי נעכטן. „ליבע שוועגערין, — זאָג איך, — וואָס מיינט איר דערמיט? זייט איר רען ברוגז אויף מיר אַזוי ווי נעכטן?״ „גאָט באַוואָר! איך בין צו אייך מיין גאַנץ לעבן גוט געווען, און נעכטן בין איך אויך ניט בייז געווען״. איך האָב איר אַ קוש געטאָן אין האַנט און האָב זי איבערגעבעטן. זי האָט מיר אויך אַ קוש געטאָן אין האַנט: „איר זייט מיר אַ ליבער שוואָגער״. נו, פרעג איך זי, צי וועל איך מיין קאַווע ווידער באַקומען פון אויבן, אַזויווי שטענדיג, וייל איך פלעג שטענדיג אויפשטיין פריהער פאַר מיין ברודער און שוועגערין. איך זאָג: „ליבע שוועגערין, איר זיינט שוין אַלע אויף, איך וויל האָבן די ערע צו טרינקען מיט אייך״. לסוף איז דער ברודער אויך אויפגעשטאַנען, ס׳האָט געבראַכט קאַווע, מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש. זאָגט צו מיר מיין ברודער: „פאַרוואָס האָסטו נעכטן ניט געגעסן? דו ביסט נאָך אַלץ דער זעלבער, ווי אין דערהיים אין טרויענבריצען, אָדער דיר מוז עפּעס פעלן, מיר האָבן זיך מיט קיין שלעכטס וואָרט ניט פאַרביטן, מיינסט טאַקע היינט פאָרן?״ „אָ, יאָ״! — זאָג איך. „איז וועל איך דיר באַצאָלן פאַר דיין זילבער״. איך האָב גענומען דאָס געלט, אָפּגעשיקט פער פאָסט קיין ביוצאָוו, האָב זיך געזעגנט מיט אַלע מיינע גוטע פריינט און בין געפאָרן אַהיים.

געקומען אַהיים, זאָג איך צו מיין פרוי: „דו ווייסט, אַקעגן אַ טאָג פערצן צוריק האָב איך געהאַט בריוו פון גראַף יאַנקע פון שטראַלזונד, ער האָט מיר געשריבן, איך זאָל צו אים אַריבערקומען, ער און זיין ברודער, דער אויבערלייטענאַנט האָבן באַקומען אָרדענס, זיי וואָלטן געוואָלט, מ׳זאָל זיי אויסקריצן עטליכע שטיינער מיט שילד און אָרדען, מ׳האָט זיי אָנגעוויזן אויף מיר. דו ווייסט, איך האָב זיי געענטפערט, אַז אין דריי וואָכן אַרום קום איך צו זיי. די אַנדערע וואָך איז דאָרט אַ מאַרק, איז וועל איך זונטאָג פון דאַנען אָפּפאָרן. אַהיים וועל איך ניט אַזוי גיך קומען, וואָרום דאָרט איז קיין שטיינקריצער ניט פאַראַן; ס׳קאָן זיין, איך זאָל דאָרט האָבן אַ סך אַרבעט״. זי איז דערמיט געווען צופרידן, וואָרום זי האָט פון מער ניט געוואוסט. איך האָב איר געלאָזט הונדערט צוואַנציג רייכסטאָלער. אַזוי בין איך אַוועקגעפאָרן, האָב געלאָזט צו הויז מיין פרוי און פינף קינדער און בין בשלום געקומען קיין שטראַלזונד מיט מיין געציינ. איך בין גלייך געגאַנגען צו גראַף יאַנקע און האָב באַקומען פון אים אַ שטיין צו קריצן, דאָס אייגענע פון זיין ברודער אויך. איך האָב זיך געמעלדעט באַם

גובערנאַטאָר גראַף סינקלער, אויך באַם גראַף העפּקען, דאָס איז געווען דער קאָמענדאַנט, אויך באַם פּרעזידענט גראַף פּוטבוס. איך האָב געקריגן זעהר אַ סך אַרבעט. די פײַנסטע אַרבעט האָב איך געשיקט קײן שווערין צו ר׳ אברהמען און האָב אים געשריבן, ער זאָל דאָס מאַכן גוט, וואָרום דורך די דאָזיגע לײַט האָף איך צו קריגן רעקאָמענדאַציעס צום שווערישן קיניג. איך האָב געהאַט זעהר אַ סך אַרבעט פון אַלע העכסטע לײַט. איך האָב געהאַט אַרבעט אויף אַריבער צוויי הונדערט רײַכסטאָלער, איך בין געווען זעהר אָנגעזעהן באַם קאָמענדאַנט גראַף העפּקען. ער האָט מיר געגעבן רעקאָמענדאַציעס צו זײַן ברודער דעם רײַכסראַט גראַף העפּקען, אויך צום אויבערשטאַטהאַלטער קאַרל שפּאַרע. ער האָט מיך רעקאָמענדירט אין שטראַלזונד, וואו ער האָט געקאָנט. איך האָב געקריגן פון דער גאַנצער רעגירונג רעקאָמענדאַציעס צום קיניג. פון ר׳ אברהם פון שווערין האָב איך געקריגן צוריק צוגעשיקט די אַרבעט, און אַלע האָבן זיך געוואונדערט אויף דער שײנער אַרבעט. וואָס איך האָב נאָר פאַרלאַנגט, האָב איך אויסגעפירט מיט גרויס כבוד.

דערווײַל האָט אײנער פון שטראַלזונד מסתמא געשריבן קײן שווערין, אַז איך בין זעהר אָנגעזעהן אין שטראַלזונד באַ אַלע גרויסע שררות און אַז איך האָב באַקומען אַ פּאַס צו פאָרן קײן שווערן. דערפון האָט זיך דערוואוסט מײַן ברודער אברהם. קײנער האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז איך האָב זיך פאַרבונדן מיט ר׳ אברהם פאַך (פ״ח). ער [דער ברודער האָט באַלד געשריבן צו מײַן פרוי קײן ביוצאָוו, זי זאָל ניט דערלאָזן, איך זאָל פאָרן קײן שווערן. מיר האָט ער אויך צוגעשיקט קײן שטראַלזונד אַ גראָבן בריוו: „דו ביסט שוין געקומען דערצו, אַז דו פאַסירסט ווײַב און קינד. איך וואָלט קײנמאָל ניט געגלויבט, אַז דו ביסט אין אַזאַ שלעכטער לאַגע. דו האָסט אויף דײַן לעבן אַזוי פיל נאַרישקײטן געטאָן, אָבער דאָס איז די גרעסטע נאַרישקײט צו פאָרן אַהין, וואו קײן איד איז קײנמאָל ניט געווען און טאָר ניט קומען, וואו מ׳קען די שפּראַך ניט. נישט אַנדערש, דו ביסט אַ דעספּעראַר, דו האַנדלסט ווי אַ ווילדער מענש, באַטראַכט זיך, וואָס דו ווילסט איצט טון פאַר אַ זאַך. האָסט זיך שטענדיג פאַרטרויט צו שלעכטע מענשן, האָסט מיך קײנמאָל ניט געוואָלט פאָלגן. איז פאָלג מיך, אין דער מדינה זײַנען פאַראַן אַזוי פיל יהודים, קײנער איז ניט אַוועק און ניט געלאָזט קײן ווײַב און קינדער, איך וועל דיר צו הילף קומען״. ער האָט אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַ הילף.

אָבער איך האָב זיך געהאַלטן באַ מײַן געדאַנק און ניט געוואָלט ענדערן. איך האָב אים דערויף נאָר ניט געענטפערט. עטליכע טאָג פאַר מײַן אָפּפאָרן איז געקומען צו מיר קײן שטראַלזונד מײַן עלטסטע טאָכטער, האָט

מיר געבּראַכט אַ יאָמערליכן בּריוו פֿון מײַן פֿרוי, איך זאָל ניט פֿאָרן. מײַן טאָכטער, װאָס איך האָבּ זי ליבּ געהאַט אהן אַ שיעור, האָט געװײנט. זי האָט געזאָגט: „ליבּער פֿאָטער, טאָמער פֿאָרסטו אַװעק, װעסטו מיך שוין לעבּעדיג מער ניט זעהן". אַזױ װי ס'איז צום אומגליק געשעהן. איך האָבּ איר דערצײלט מײַן שלעכטע לאַגע און מײַן האָפֿענונג װידער צו מאַכן מײַן גליק. װאָס האָט זי געקאָנט טון און מיט װאָס האָט זי זיך געקאָנט העלפֿן? איך האָבּ איר געשײנקט מתּנות, זי איז פֿרײליכער געװאָרן און אויף מאָרגן איז זי מיט פּאָסט צוריק אַהײם געפֿאָרן.

איך בּין שוין געװען פֿאַרשריבּן אויף דער פּאָסט־שיף און האָבּ שוין געהאַט בּאַצאָלט געלט בּיז אושטאַט. אַלע שטראַלזונדער אידן זײַנען געקומען צו מיר און האָבּן מיר שטאַרק אײַנגערעדט, איך זאָל ניט פֿאָרן קײן שװערן און האָבּן מיר פֿירגעהאַלטן פֿאַרשײדענע זאַכן. איך בּין אין מײַן לעבּן ניט געװען קײן צולהכעיסניק, איצט בּין איך בּאַשטאַנען אויף מײַנס. װען איך בּין אַראָפּגעגאַנגען צום בּריק אײַנשטײַגן אין דער פּאָסט־שיף, האָבּן מיך אַלע אידן בּאַגלײט, אײניגע װײַערע װײַבּער אויך. זײ האָבּן נאָך אַלץ געפּרובּט מיר אײַנרײדן, איך זאָל ניט פֿאָרן, אָבּער ס'האָט נאָר גיט געהאָלפֿן, איך האָבּ געמוזט אויספֿירן מײַנס. זײ זײַנען אַלע אַרויף מיט מיר אויף דער שיף. די װײַבּער האָבּן מיך בּאַקלאָגט, פּונקט װי איך װאָלט געפֿאָרן קײן אַמעריקע. װי נאָר זײ האָבּן געזעהן, אַז מ'הויבּט אויף דעם אַנקער, זײַנען זײ אַראָפּ פֿון דער שיף און האָבּן זיך געזעגנט מיט מיר אַזױ לאַנג, װי די שיף האָט זיך נאָך געזעהן. מיר האָבּן אָפּגעזעגלט פֿון שטראַלזונד דרײַ אַזײגער נאָכמיטאָג. אויף מאָרגן עלף אַזײגער אין דער פֿריה זײַנען מיר געװען אין אושטאַט. דער שיפֿסקאַפּיטאַן האָט מיר פֿאַרשאַפֿט קװאַרטיר בּאַ אַ מאַן, װאָס האָט גערעדט זעהר גוט דײַטש, װי אַ געבּוירענער דײַטש. ער און זײַן פֿרוי זײַנען געװען זעהר שטילע מענשן. מײַן פּלאַן איז געװען צו פֿאַרבּרײַנגען פֿיר װאָכן אין אושטאַט, כּדי אַבּיסל צו לערנען די שפּראַך און זיך אַרומקוקן, װאָס קאָן מען דאָ פֿאַר אַ געשעפֿטן מאַכן מיט לײַט. מײַן געצײַג האָבּ איך געהאַט בּאַ זיך. מײַן בּעל־הבּית האָט מיר געראָטן גײן צום בּירגערמײַסטער, אים װײַזן מײַן פּאַס און אים זאָגן, אַז איך װיל זיך דאָ אויפֿהאַלטן פֿיר װאָכן. אַזױ האָבּ איך געטאָן. דער בּירגערמײַסטער האָט געקענט אַבּיסל דײַטש. איך האָבּ אים געװיזן מײַן פּאַס און פֿערצען שטיק רעקאָמענדאַציעס צום קיניג. איך האָבּ אויך בּאַקומען בּאַ אים צו מאַכן אַ שטעמפּל. קײן גרוים פֿאַרדינסט איז בּאַ דער אַרבּעט ניט געװען, אָבּער פֿון פּערל און צירונג האָבּ איך שײן פֿאַרדינט. אין דער פֿרײַער צײַט האָט מיך דער בּעל־הבּית געלערנט אַבּיסל שװעדיש רײדן. די שפּראַך איז מיר אָנגעקומען זעהר שװער.

װי ס'זײנען אויסגעגאַנגען מײנע פיר װאָכן, און איך האָב שוין געװאָלט פאָרן, זאָגט צו מיר מײן בעל־הבית: ס'איז ניט גוט צו פאָרן קײן שװערן, װען מ'קאָן ניט רײדן. ער האָט מיך צוגערעדט פאָרן קײן מאַלמע און זיך פאַרהאַלטן דאָרט פיר װאָכן. ס'איז אַ שײנע שטאָט, דאָרט װעל איך געװיס קרינן אַרבעט און װעל לערנען אַביסל די שפּראַך אויך. ער האָט מיר געגעבן אַ בריװ צו זײנעם אַ גוטן באַקאַנטן, אַן אָרגל־מאַכער, װאָס איז אַ סך אַרומגעפאָרן אין דײטשלאַנד און קען אַזוי גוט דײטש רײדן, װי אַ געבוירענער דײטש. ער האָט מיר אויך מיטגעגעבן זײן לערניונג, ער זאָל מיט מיר פאָרן קײן מאַלמע, װײל איך קען ניט די שפּראַך, זיך צונויפ־רײדן מיטן בעל־עגלה, קרינן פערד און בכלל צו װאָס איך דאַרף. איך האָב אים געפאָלגט און ס'איז צוגעגאַנגען זעהר גוט. איך בין געקומען בשלום קײן מאַלמע. מײן בעל־הבית איז געװען זעהר אַ בראַװער מאַן און רײך; ער האָט מיר געגעבן אַ שײנע דירה. איך בין געקומען צום בירגערמײסטער און אים געװיזן מײן פּאַס. ער האָט אים גענומען און געקוקט. איך זאָג אים: „איך װאָלט דאָ געװאָלט בלײבן פיר װאָכן". ער קען ניט קײן דײטש און איך קען ניט קײן שװעדיש. איך האָב אים געװיזן מײנע רעקאָמענדאַציעס, האָט ער אונטערגעשריבן מײן פּאַס, מיר אים צוריק אָפּגעגעבן און האָט געזאָגט: גוט! איך האָב זיך פאַרבויגט, באַדאַנקט און געזאָגט אַדיע.

אויף צוריקװעגס אַהײם דערזעהט מיך אַ געשמדטער איד. ער גיט מיר די האַנט און זאָגט: „שלום־עליכם, ר' אהרון"! איך װײס ניט, װער דאָס איז און זאָג: „פון װאַנען קענט איר מיך?" זאָגט ער: „איך בין אַמאָל אַרומ־געפאָרן אַלס בחור [ישיבה־בחור] מיט נאָך אײנעם און בין געװען באַ אײך אין ביוצאָװ איבער שבת בערך פאַר פיר יאָרן. יענע צײט האָב איך געהײסן אברהם בראָדו, דאָ האָב איך זיך געטויפט און הײס ב. איך בין דעמאָלט געקומען קײן ביוצאָװ דאָנערשטאָג און בין געװען איבער שבת באַ ר' דורן, װאָס האָט געװאױנט ניט װײט פונם שלאָס. זונטאָג בין איך אַרומגעגאַנגען, װי ס'טוען דאָס געװײנטליך בחורים, צו מאַכן זיך עפּעס אויף הוצאות. אַזוי בין איך געקומען צו אײער הויז, האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און בין אַרײן אין שטוב. דאָרט איז קײנער ניט געװען. אויף אַ שטול איז געהאַנגען אַ פּאָר שװאַרצע זײדענע זאָקן. איך האָב זײ אַרײנגעשטופּט צו מיר, איך האָב זײ זעהר נויטיג געהאַט, און בין װידער אַרויס. װי נאָר איך בין אַרויס, איז מיר אַקעגנגעקומען אײער פרוי. איך האָב זיך געגריסט מיט איר און געבעטן מיר באַהילפיג זײן צו דער רײזע. זי האָט מיר געגעבן פיר שילינג און געפרעגט, צי װיל איך ניט נעמען אַ פּוטערברויט. איך האָב באַדאַנקט און גענומען אַ פּוטערברויט

אויך. איינניכן בין איך אַוועק פֿון דאָרטן מיט מײַן חבר. מיר האָבן בײַדע ניט געקאָנט קריגן קיין קנעלונג. לסוף בין איך געקומען אַהער, האָב דאָ געטראָפֿן מײַן גליק און האָב חתונה געהאַט. נו, ליבער ר׳ אהרון, איצט וויל איך אײַך פֿאַרגיטיגן פֿאַר די זייַדענע זאָקן, קומט מיט צו מיר אַהיים, איך האָב אַ גרויס הויז און בין אַ תּבֿואה־הענדלער, בײַ מיר האָט איר אומזיסט דירה, און אַלץ, וואָס איר קאָנט געניסן, וואָלט איר דאָס האָבן אומזיסט. מיינט ניט, אַז ווייל איך האָב זיך איבערגעקערט, בין אין פֿאַלש. פֿאַרקערט, ווען איך דערזעה אַ אידן, פֿרייט זיך אין מיר מײַן האַרץ״. איך אָבער דאַנק אים פֿאַר זײַן אַקעגנקומען און זאָג: „דאַ פֿאַרבלײַב איך נישט, איך מוז פֿאָרן קיין שטאָקהאָלם איבער אַ פּראָצעס, דערצו נאָך האָב איך שוין מײַן קיפֿערט אין אַ קוואַרטיר״. ער האָט זיך אָבער אַזוי שטאַרק אָנגעקלאַמערט אין מיר, נאָר איך זאָל גיין מיט אים אַהיים, ווארום זײַן פֿרוי האָט נאָך קיין אַנדער אידן חוץ אים ניט געזעהן. איך האָב ניט געקאָנט זיינער פּטור ווערן און האָב געמוזט גיין צו אים אַהיים. ער האָט געהאַט אַ שיין, גרויס הויז און אַ היפּשע פֿרוי, אויך אַ קינד, בערך פֿון פֿיר וואָכן. ס׳איז אַ מאָרגנע זאַך, ווי ער איז געקומען צו זײַן פֿרוי. אין מאַלמע איז פֿאַראַן אַ רײַטשע קירך און אַ רײַטשע קאָלאָניע. דער דאָזיגער ב. האָט זיך געמעלדעט בײַם רײַטשן פּאַסטאָר, אַז ער וויל זיך שמדן. דער פּאַסטאָר האָט אים געגומען לערנען די קריסטליכע רעליגיע, האָט אים אויך געגעבן אומזיסט דירה בײַ זיך אין הויז. דאָס איז געווען אַן ערליכער בראַווער מאַן, ניט קיין פֿרוי, ניט קיין קינד, נאָר געהאַלטן בײַ זיך אַ שוועסטערס אַ טאָכטער אַלס הויזווירטין. ב. האָט זיך מיט איר באַקאַנט, און זי האָט אָנגעהויבן טראָגן. דאָס מיידל האָט געהאַט אין מאַלמע אַ שוועסטער, איר מאַן איז געווען אײנער פֿון די גרעסטע סוחרים. זיי האָבן געזאָגט דעם מיידל, זי זאָל פֿאַסירן דעם ב., זי וועט קריגן אַ פֿיינעם מאַן; אויב אָבער זי וועט זיך האַלטן מיט ב., ווילן זיי איר ניט קענען פֿאַר קיין שוועסטער. זי אָבער האָט געזאָגט, אַז דער, וואָס האָט זי אומערליך געמאַכט, מוז זי ווידער ערליך מאַכן. דער גוטער אַלטער פּאַסטאָר איז דערווייל געשטאָרבן, ניט געוואוסט פֿון דער גאַנצער זאַך. בעת דער פּאַסטאָר איז געווען קראַנק, איז ב. די גאַנצע צײַט געווען נעבן אים און האָט אים צוגעזעהן אין זײַן שלאָפֿקייט. דעם פּאַסטאָר האָט מען געהאַלטן פֿאַר אַ רײַכן מאַן, אָבער נאָכן טויט האָט מען בײַ אים קיין שום געלט ניט געפֿונען. באַלד האָט ב. חתונה געהאַט מיט דעם מיידל. ער לעבט אַ גוטן טאָג, זיצט שטענדיג אין ווינקעלער, ווער ס׳קומט, איז אים ב. מכבד, מאַכט פֿון זיך אַ גרויס ווזן, האָט זיך געקויפֿט אַ גרויס הויז, זיך אײַנגע־קויפֿט אַלס אַנגראָ־סוחר אין האַנדלסקאָמפּאַניע, — קויפֿן קויפֿט ער

גאָרניט, — אַלע טאָג זײַנען בײַ אים פרעמדע מענשן צום טיש. אַזױ האָט מיר דערצײלט מײַן בעל־הבית מיט די װערטער. דאָס געלט איז אים זעהר גרינג אָנגעקומען, און אַזױ קױם װעט דאָס אױך האָבן.

איך בין שױן געװען פיר װאָכן אין מאַלמע און האָב געקלערט פאָרן װײַטער. איך האָב אין מאַלמע שײן פאַרדינט, איך האָב אױך געקריגן צו קױפן אַ סך פערל און צירונג. ב. איז געקומען צו מיר, װי נאָר ער האָט דערהערט, אַז איך קלײַב זיך פאָרן, און זאָגט: „ליבער פרײַנט, קאָנט איר דאָ ניט בלײַבן נאָך אַכט טאָג, איך װאָלט אױך געפאָרן קײן שטאָקהאָלם, איך האָב דאָרט צו שטעקן זעקס טױזנט טאָלער אין באַנק. דאָס געלט פאַרלײַ איך אײַך אױף פינף פּראָצענט. אין שטאָקהאָלם האָב איך באַקאַנטשאַפט, װעל איך אײַך רעקאָמענדירן, װעט איר קאָנען האַנדלען מיט פערל און ברילאַנטן, איך בין אױך גוט באַקאַנט בײַם הערצאָג קאַרל, װעל איך אײַך רעקאָמענ־דירן װעגן אײַער פּראָצעס. איר נעמט דאָך צװײ פערד, װעלן מיר אײַנשפּאָרן, מיר װעלן בײדע פאָרן מיט די פערד". איך האָב זיך געלאָזט איבעררײדן, װאָרום איך האָב ניט געקענט די שפּראַך. אַזױ זײַנען מיר געפאָרן קײן קריסטיאַנשטאַט. זײַן פרױ האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים זעהן אײַנ־האַלטן, ער איז אַזאַ היציגער; זי האָט געמײנט, אַלע אידן זײַנען אַזױנע, זי זעהט אָבער, אַז איך בין אַזאַ געלאַסענער. אױפן װעג האָט ער זיך געפירט גאַנץ אָרנטליך, אָבער אין קריסטיאַנשטאַט האָב איך זיך אױך פאַרהאַלטן פיר װאָכן, פלעגט ער קומען כמעט אַלע אָװנט שכור אַהײם און ברײַנגען אַזאַ קאָמפּאַניע. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל אַזױנס אױפהערן, אָדער זאָל ער זיך נעמען אַן אַנדער קװאַרטיר. לסוף האָב איך געפועלט, ער האָט אױפגעהערט צו ברײַנגען קאָמפּאַניע. איך האָב זיך געטראַכט: לאָמיך נאָר קומען קײן שטאָקהאָלם, איז װער איך פון אים פּטור. אַזױ זײַנען מיר אָפּגעפאָרן פון קריסטיאַנשטאַט. ער האָט געװאָלט, איך זאָל פאָרן קײן גאָטענבורג; דאָס איז אַ גרױסע שטאָט, װעל איך דאָ אַ סך האַנדלען, ער װעט נײַן הױזירן פאַר מיר און איך זאָל אים געבן אַ דריטל פון אונזער פאַרדינסט. ער איז אָבער געװען אַ פאַרדאָרבענער מענש; פלעגט ער זיך אָנשיכורן, איז פלעגט ער זיך מיט אַלעמען רײַסן און שלאָגן, און האָט ניט געקוקט אױף קײן געלט. דאָס איז מיר געװען זעהר ניט צום האַרצן; אין מײַן קװאַרטיר האָב איך זיך געשעמט, װאָס איך האַלט בײַ זיך אַזאַ שלעכטן מענשן. לסוף זײַנען מיר אָפּגעפאָרן פון קריסטיאַנשטאַט, און איך האָב זיך מער ניט געװאָלט פאַרהאַלטן אין קײן שטאָט. איך האָב אים אױך ניט דערצײלט פון מײַנע געשעפטן, װאָס איך װיל טון אין שטאָקהאָלם.

געקומען קײן שטאָקהאָלם, האָט ער זיך געלאָזט שטײן אױף דער גאַס מיט דער פֿור. מיר זײַנען געקומען אַהער ראש חודש תמוז ה׳תקל״ד [יולי 1774]. ס׳איז געװען נײַן אַזײגער אין דער פֿריה, ס׳איז שױן געװען רעכט הײס. בין איך אַזױ אָפּגעשטאַנען צװײ שעה, אַלע פֿאַרבײַגײער האָבן מיר אָנגעקוקט. לסוף איז ער געקומען. איך פֿרעג אים, װאו איז ער אַזױ לאַנג געװען. זאָגט ער, דאָ איז דאָס ניט אַזױװי אין אַנדערע שטעט, אַז באַלד קריגסטו אַ דירה. ס׳זײַנען פֿאַראַן ערטער, װאוהין מ׳קאָן פֿאַרפֿאָרן, אָבער אַ פֿרעמדער מענש מוז זײַן געהיט, ס׳איז זעהר געפֿערליך. איך דאַרף באַקומען תשובה אין אַ האַלבע שעה אַרום. און אַזױ איז ער װידער אַװעק. ניט װײַט פֿון דאָרט, װאו איך בין געשטאַנען, האָט געװױנט אַ ברױער. דער מאַן האָט געקאָנט רײדן דײַטש. פֿאַרבײַגײענדיג, האָט ער געהערט, װי דער בעל־עגלה זאָגט, אַז ער װיל דאָ לענגער ניט בלײַבן שטײן, ער װעט אַראָפּװאַרפֿן די קיפֿערטס. פֿרעגט מיך דער ברױער, פֿאַרװאָס שטײ איך דאָ שױן אַזױ לאַנג, ער זעהט מיך דאָ שױן אַ שטיק צײַט. דערצײל איך אים פֿון מײַן קאַמעראַד, ער זאָגט מיר, אַז ער זוכט אַ קװאַרטיר, ער האָט שױן אַזױגס אין אױג, ׳אין אַ הלבע שעה אַרום זאָל ער קריגן תשובה, דערװײל ציהט זיך דאָס שױן אַנדערטהאַלבן שעה. לאַכט דער מאַן: „דאָ קאָן מען קריגן געננג דירות. דער שמײסער האָט דאָ ניט װאָס צו שטײן מיט זײַנע פֿערד, איר װעט אים מוזן דערפֿאַר באַצאָלן״. איך האָב צוגעזאָגט דעם שמײסער אַזױ פֿיל, װיפֿיל דער ברױער האָט געזאָגט, אַז ער זאָל נאָך אַװײלע צװאַרטן ביז מײַן קאַמעראַד װעט צוריקקומען. אַזױ בין איך אָפּגעשטאַנען ביז דער זײגער האָט געשלאָגן צװײ. דער ברױער גײט װידער צו צו מיר, און פֿרעגט מיך, צי מײַן קאַמעראַד האָט נאָך ניט געקריגן קײן דירה. איך בין געװען אַזױ אין כעס אױף אים. דער ברױער זאָגט צו מיר: „איך װעל אײַך אָנװײַזן אַ פֿײַנע דירה, ניט װײַט פֿון דאַנען, בײַ אײנעם, װאָס רעדט גוט דײַטש, אַ סך בעסער פֿאַר מיר״. דאַנק איך אים. איז ער מיט מיר געגאַנגען און האָט מיך פֿאַרפֿירט אין אַ הױז צו׳ן אַ בראַװן מאַן, איך האָב בײַ אים געדונגען צװײ צימער. לסוף, אין עטליכע שעה אַרום, איז ב. אױך געקומען צו גײן מיט אַ מױל מיט פּעך און שװעבל: ער האָט זיך אַרומגעזוכט איבער דער נאַרער שטאָט, ער האָט געמײנט, מ׳האָט זיך שױן געהרגעט, — ער איז שױן געװען רעכט שכור. ער האָט דאָך מיר שױן אױפֿן װעג אַזױפֿיל אָנגעזאָגט, װי פֿאַר אַ פֿרעמדן מענשן איז געפֿערליך אין שטאָקהאָלם; װען ער קומט אַרײַן טרינקען אַ גלעזל בראָנפֿן, אָדער אַ בוטל ביר, ריזיקירט ער מיטן לעבן; אַזױנע מעשיות טרעפֿן דאָ אַלע טאָג. ער האָט מיך געװאָלט שטאַרק אָנשרעקן, כדי איך זאָל אים פֿאַרבעטן צו זיך.

איך האָב שטענדיג געהאַט מײַן געװײנשאַפט אױפשטײן פאַרפריה. איך בין אױפגעשטאַנען, געמאַכט מיר אַ פײַף טאַבאַק, איז שױן מײַן בעל־הבית אױך געװען אױף. איך פרעג װעגן אױבערשטאַטהאַלטער, װאָס איך האָב געהאַט צו אים בריװ. זאָגט ער מיר, אַז צען אַזײגער װעט ער מיר װײַזן, װאו דאָס איז. איך בעט אים, ער זאָל זיך ניט װײַזן פאַר ב., װאָס שלאָפט ביז נײַן אַזײגער און דאַן גײט ער אַװעק און קומט ניט אַהײם פריהער פאַר צװעלף. דער מאַן איז געװען זעהר בראַװ. זײַן פרױ איז אױך געװען זעהר אַ פײַנע. צען אַזײגער איז ער מיט מיר געגאַנגען צום אױבערשטאַטהאַלטערס הױז און האָט מיר געװיזן, װאו אַרום איך זאָל צו אים אַרײַנגײן. ער האָט געטראָפן אַ באַדינער און זאָגט צו אים אױף שװעדיש: „דער דאָזיגער מאַן װיל רײדן מיט עקסעלענץ, האָט צו אים בריװ“. איך האָב געהאַט מיטגענומען אַלע רעקאָמענדאַציעס און דעם פּאַס. ס'האָט געדױערט אַ שטאַרקע שעה, אײדער ס'האָט מיך צו אים אַרײַנגערופן. דער זאַל איז געװען פול מיט מענשן. איך קום אַרײַן, האַלט די בריװ אין די הענט, שטאַמל אױף שװעדיש: „פּאַרצײַאונג, עקסעלענץ, איך קאָן קײן שװעדיש ניט רײדן“. זאָגט ער באַלד: „איר זײַט אַ איד, רעדט נאָר דײַטש; איך האָב געדינט דעם פּרײַסישן קיניג פינף יאָר, אַ װאָלאַנטער געװען“. איך זאָג אים גלײַך מײַן באַנער און װײַז אים מײַנע רעקאָמענדאַציעס צום קיניג פון דער שטראַלזונדער רעגירונג און באַזונדער פון די העכסטע פּערזענליכקײטן. זאָגט ער: „ליבער פרײַנט, דאָס איז אַ שװערע זאַך. קײנמאָל האָט קײן איד אין שװעדן ניט געװאױנט. איר זײַט מיר זעהר הױך רעקאָמענדירט פון מײַנע גוטע פרײַנט, דאָס איז אָבער ניט בײַ מיר אין די הענט. װאָס איך װעל אײַך קאָנען העלפן, װעל איך גערן טון. קומט אין עטליכע טאָג אַרום װידער אַהער, װעל איך אײַך געבן ענטפער. אָבער אײנס מוז איך אײַך זאָגן: האַלט זיך אָפּ פון האַנדלען זילבער אָדער גאָלד, װאָרום טאָמער קלאָגט מען אײַך אָן פאַר מיר, איז קאָן איך אײַך ניט העלפן, אָבער קריצן שטעמפּלען קאָנט איר, װיפיל איר קריגט אַרבעט“. ער האָט בײַ מיר באַשטעלט זײַן הערב אין קאַרניאָלשטײן. מײַנע רעקאָמענדאַציעס האָב איך אים אַלע געמוזט לאָזן. ער האָט מיט מיר גערעדט אָנדערהאַלבן שעה. איך האָב אים אױך געזאָגט, אַז איך האָב אַ שותּף, דעם הױף־מעדאַליער פון שװערין, איך האָב אים אױך אָנגערופן מײַן ברודער מאַרקוס איזאַק. נו, בין איך געגאַנגען אַהײם אױף מײַן קװאַרטיר, גע־טראָפן ב., ער איז געװען זעהר אױפגעבראַכט, און זאָגט אַזױ צו מיר: „איר װעט געװיס קײן לעבעדיגער ניט אַרױס פון שטאָקהאָלם. איר זײַט אַזױ אײנשטעלעריש און לױפט אַרום איבער דער שטאָט“. איך האָב זיך ניט געװאָלט מיט אים אָפּגעבן, ער פלעגט מיר שטענדיג עפּעס

בּרײנגען צו האַנדלען, און דער האַנדל איז מיר געװען פֿאַרבאָטן. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז איך װעל מיך ניט פֿאַרשליסן, קײנער װעט מיך אין גאָס ניט הרגענען.

איך האָב בּאַלד געשיקט דעם אױבערשטאַטהאַלטערס הערב קײן שװערין צו ר׳ אַברהם פ״ח; איך האָב אױך געשריבֿן מײַן בּרודער מרדכי, ער זאָל בּאַלד, װי ס׳איז נאָר מיגליך, אַהער קומען, ער קאָן פֿאָרן דורך װיסמאַר, פֿון דאָרט נײַען זעהר אָפֿט שיפֿן אַהער, דרײַ טאָג געדױערט פֿון װיסמאַר קײן שטאָקהאָלם. אין עטליכע טאָג אַרום בּין איך װידער געגאַנגען צום אױבערשטאַטהאַלטער; איך האָב געהאַט בּאַ זיך מײַנע מעקלענבּורגישע פּריװילעגיעס. איך האָב אים געװיזן, אַז איך האָב געהאַט געװאױנט אין בּיזצאָװ נײַנצען יאָר, איך האָב אים אױך געװיזן אַן אַטעסטאַט פֿונם דאָרטיגן אוניװערסיטעט װעגן מײַן ערליכער אױפֿפֿירונג. ער האָט מיר געראָטן גײן צו אַן אַדװאָקאַט, װאָס ער האָט מיר רעקאָמענדירט, און האָט מיר געזאָגט בּערך דעם אינהאַלט װי צו שרײַבֿן די בּיט־בּריװ. דער אַדװאָקאַט, האָט ער מיר געזאָגט, רעדט אַזױ גוט דײַטש אַזױװי איך, ער האָט מיר אױך געגעבֿן רעקאָמענדאַציעס און געזאָגט: „װען איר װעט האָבן די בּיט־בּריװ פֿאַרטיג, איז בּרײנגט זי מיר אַהער, איך װעל זי אַלײן אָפּגעבֿן דעם קיניג“.

האָב איך אַזױ געטאָן. געקומען צום אַדװאָקאַט און זאָג: „דער אױבער־שטאַטהאַלטער האָט מיר אײַך רעקאָמענדירט, ער האָט מיר געהײסן קומען אין צװײ טאָג אַרום און דאָ מוז איך שױן האָבן די בּיט־בּריװ“. איך האָב געהאַט רעקאָמענדאַציעס צו אײניגע רײַכסראַטן, האָב איך זײ אָפּגעטראָגן. זײ האָבן מיר אַלע צוגעזאָגט צו העלפֿן. װען איך האָב שױן די בּיט־בּריװ געהאַט פֿאַרטיג, בּין איך מיט איר װידער געגאַנגען צום אױבערשטאַט־האַלטער, האָב זיך פֿאַרענטפֿערט, װאָס איך בּין אים אַזױפֿיל מטריח. זאָגט ער: „איר קאָנט קומען אַזױ אָפֿט, װי איר װילט, און װען איר האָט צײַט, װעל איך מיט אײַך גערן רײדן, איך רײד גערן דײַטש. אין עטליכע טאָג אַרום קאָנט איר צו מיר װידער קומען.“ בכן בּין איך געקומען אין עטליכע טאָג אַרום. ער איז געװען זעהר גנעדיג און האָט מיר געזאָגט, אַז די שריפֿט האָט ער אָפּגעגעבֿן דעם קיניג, און דער קיניג האָט ניט דאַגענען אײַך צו העלפֿן, אַז איר זאָלט דאָ קאָנען בּלײַבֿן. אין אַכט טאָג אַרום קומט װידער אַהער, װעט איר האָבן ענטפֿער. אין צװײ טאָג אַרום האָט הערצאָג קאַרל געשיקט צו מיר אױף קװאַרטיר, איך זאָל גלײַך צו אים אַרױפֿקומען מיט זײַן בּאַריכער. ער האָט שױן געװאוסט, אַז איך קאָן קײן שװעדיש ניט רײדן, ס׳איז דאָ דעריבֿער געװען אײנער, װאָס האָט צו מיר גערעדט אױף דײַטש: צי בּין איך דער, װאָס האָט דערלאַנגט דעם קיניג, אַז ער איז אַ שטעמפּל־קריצער און שטײנקריצער. הערצאָג קאַרל איז דערבּײַ געשטאַנען, זאָגט ער:

די קינינגליכע הויכקייטן ווילן דעם ראָזינן הערב, — וואָס אַן אָפּדרוק דערפון האָט ער געהאַט אין האַנט, און דעם הערצאָגס הערב זעהן געקריצט אין שטיין. מיר זיינען דורכגעקומען אויף פערצינ שטיק דוקאַטן. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז דער קיניג האָט דאָס באַפוילן, ווייל ער האָט געוואָלט זעהן אונזער אַרבעט. איך האָב דאָס באַלד אָפּגעשיקט קיין שווערין צו ר' אַברהם פ״ח און האָב אים געשריבן מיין מיינונג און געבעטן דאָס גוט מאַכן, אונזער גליק איז געווענדט אָן דעם. דאָס מוז געווים זיין אַ פּראָבע, וואָס המלכות וויל זעהן אונזער אַרבעט.

מיין בעל־הבית רופט מיך אַריין און זאָגט מיר: „מיין ליבער הער אַהרון, איך האָב דעם שלעכטן מאוסן קערל אַרויסגעיאָגט פון מיין הויז, ווען איר זייט געווען אַרויסגעגאַנגען, ער האָט שוין זיין קיפערט אָפּגענומען. ער איז צוגעשטאַנען צו מיין פרוי מיט אַזוינע געמיינהייטן, אַז מיין פרוי האָט געוויינט, איך קאָן דאָס ניט נאָכזאָגן. ווילט איר באַ מיר בלייבן, איז קאָנט איר בלייבן, וויפיל איר ווילט, אָבער דעם געמיינעם יונג קאָן איך דאָ מער ניט זעהן, ער איז ווערט געווען, איך זאָל אים אַריינלייגן אין האַלז און אַקן, איך האָב אים געשוינט פון אייערטוועגן, איר זאָלט דערפון קיין פאַרדראָס ניט האָבן.״ זאָג איך מיין ווירט, איך האָב נאָך מיט אים חשבונות און קאָן נאָך פון אים ניט אַרויס, אַזוי ווי דער אמת איז געווען. איבערנאַכט בין איך געבליבן דאָ. אויף מאָרגן, ווי איך האָב גאָר געוואָלט אַרויסגיין, איז ער שוין געשטאַנען דאָ און אויף מיר אַרויסגעקוקט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געקריגן אַן אַנדער דירה, ניט ווייט פון דאַנען, אַ סך ליכטיגער פאַר דער אַרבעט און שענערע ציטער. איך בין מיט אים געגאַנגען אַהין; דאָס איז געווען אַן אַלמנה, זעהר אַ שטילע פרוי. איך האָב זיך אַהין אַריבער געצוינן און אויפגעשטעלט מיין וואַרשטאַט. קוים בין איך דאָ אָפּגעווען אַכט טאָג, קומט צו מיר די בעל־הביתטע און קלאָגט זיך אויף אים, דאָס איז אַ מאוסער יונג, זי האָט פון אים קיין רוה ניט. אויב איך וויל באַ איר בלייבן, איז קאָן איך זעהר שיין בלייבן, אָבער ער מוז זיך אַרויסציהען. איך האָב ניט געקאָנט מער אויסהאַלטן פון אים, האָב איך זיך מיט אים צערעכנט און זאָג צו אים: „אויב איר וועט האָבן צו מיר אַ געשעפט, קאָנט איר קומען צו מיר. וואוינען צוזאַמען אין איין אָרט קאָנען מיר מער ניט״. ער האָט אָפּגענומען זיין געלט, וואָס ער האָט באַ מיר געהאַט, אַקעגן הונדערט רייכסטאָלער, און מער איז ער צו מיר ניט געקומען. דאָ אין שטאָט האָט ער זיך אַרומגעדרייט, ביז ער האָט מער קיין געלט ניט געהאַט, און איז אַוועק־געפאָרן אַהיים.

דעמזעלבן טאָג, וואָס איך בין זיך צעגאַנגען מיט ב., איז אַהער אָנגעקומען מיין ברודער מרדכי מיט אַ וויסמאַרער שיף, דעם 2־טן סעפּטעמבער

1774 (תקל״ד). דאָ באַ דער קיניגין איז געווען אַ הײַדוק, ער איז געווען מײַן אַ לאַנדסמאַן פון מעקלענבורג און האָט אָנגעבאָטן זײַן קוואַרטיר. איך האָבֿ זיך מיט מײַן ברודער אַרײַנגעצויגן צו אים. בין געגאַנגען צום אויבערשטאָט־האַלטער און האָבֿ אים געמעלדעט, אַז מײַן ברודער איז אויך געקומען. זאָגט ער: „דאָס איז גוט; איך מוז אײַך זאָגן, אַז דער קיניג האָט איבערגעשיקט מײַן ביט־בריוו און אַלע רעקאָמענדאַציעס דער עטבעט־קאָלעגיע, וואָס אין ראַטהויז. זאָגט דאָס נאָר אײַער אַדוואָקאַט, ער ווייסט שוין, וואָס דאָס הייסט, דאָרט וועט איר באַקומען ענטפער.״ איך בין געגאַנגען צו מײַן אַדוואָקאַט, ער איז מיט מיר געגאַנגען אין ראַטהויז, און מיר האָבן זיך געמעלדעט. מ׳האָט אונדז צוגעלאָזט, דער אַדוואָקאַט האָט פירגעבראַכט וועגן מײַן ביט־בריוו, וואָס איך האָבֿ דערלאַנגט דעם קיניג, צי האָבן זיי דאָס שוין באַטראַכט? זאָגן זיי, זיי האָבן דאָס נאָך ניט געקאָנט באַטראַכטן; איך זאָל קומען אין פיר וואָכן אַרום, וועל איך האָבן אַ רעזאָלוציע.

ס׳איז צו מיר געקומען דער מינצדירעקטאָר פאַן הענגעשטערעם און האָט באַ מיר באַשטעלט אַ שטעמפּל מיט זײַן הערב, זעהר אַ בראַווער מאַן, וואָס האָט געקענט אַ סך שפּראַכן: פראַנצויזיש, ענגליש, דײַטש. ער זאָגט מיר: „איך בין אַ סך אַרומגעפאָרן, האָבֿ אַ סך פאַרקערט מיט אידן. איך האָבֿ אויך געזעהן, אַז אידן האַנדלען מיט זילבער און ליפערן זילבער אויף מינץ. צי קאָנט איר זיך ניט אָפּגעבן מיט אַזאַ געשעפט?״ זאָג איך אים, איך אַליין האָבֿ בעת דעם זיבניאַריגן קריג געליפערט זילבער פאַר מעקלענבורגער מינץ, און דערצייל אים פון אַ סך סאָרטן געלט, וויפיל זיי האַלטן, שוועדישע ווי דײַטשע געלטן. דערצו האָבֿ איך אַ ברודער הויפליפעראַנט אין שווערין באַ דער מינץ. איך וועל גערן אָננעמען צו ליפערן זילבער מיט אַ קליין פאַרדינסט. זאָגט ער, ער וועט איבעררײדן מיט באַראָן ליליענקראַנץ. ער איז מיט מיר געגאַנגען צו באַראָן ליליענקראַנץ, איך בין מיט אים באַקאַנט געוואָרן, ער האָט דערפון גערעדט מיטן קיניג, און מיר האָבן געמאַכט אַ קאָנטראַקט, אַז איך זאָל ליפערן עלף מיליאָן ספּעציעס, דאָס הייסט, אַזויפיל פײַן זילבער דערצו, און איך זאָל קריגן מיט פיר פּראָצענט מער, אײדער דאָס גילט אין האַמבורג, וואָרום יעדע צײַט שטייט אין דײַטשע צײַטונגען די פרייז פון זילבערקורס. די ראָזינע עלף מיליאָן ספּעציעס זאָל איך צושטעלן צײַט דרײַ יאָר. איך קריג אומזיסט די פּאָסטשיף, זי זאָל מיך און דאָס זילבער אומזיסט מיטנעמען קיין אושטאַט און פון אושטאַט אַהער, און הוסאַרן צו טראַנספּאָרטירן אויף קרוינס חשבון. איך האָבֿ וועגן דעם קאָרעספּאָנדירט מיט מײַן ברודער אַברהם אין שווערין, האָבֿ אים גענומען פאַר אַ שותף. אויך האָבֿ איך געשלאָסן אַ געשעפט וועגן הונדערט טויזנט שיפּספונט קופּער, וואָרום דאָס קופּער האָט מיר געזאָלט קאָסטן מיט אַ רײַכס־

טאָלער אונטער דער פֿריַי, וואָס ס׳שטייט אין האַמבורג, און איך האָב דאָס געקאָנט ליפֿערן אומזיסט אין דער שיף אָהן אַ פּעניג הוצאות ביז קיין האַמבורג. ס׳האָט זיך געצויגן ביז צום ערשטן אדר תקל״ד [1774] ביז איך האָב געקריגן דעם קאָנטראַקט. ס׳איז אויך געווען אויסגערעדט, אַז צושטעלן האָבן מיר געקאָנט אַלע פֿערצען טאָג. קיין וואָגנס האָבן מיר ניט געקאָנט קריגן, אָבער באַלד באַצאָלט, אַכט טאָג נאָך דעם צושטעלן. דאָס גאַנצע געשעפֿט וואָלטן מיר געקאָנט פֿירן מיט דרייסיג טויזנט טאָלער.

בכן האָב איך אַרויסגעשיקט פֿון דאַנען מיין ברודער מרדכי מיטן קאָנטראַקט און מיט אַ פּאַס צו מיין ברודער אַברהם, ער זאָל קאָנען פֿריַי קומען קיין שטאָקהאָלם, וואָרום צו יענער ציַיט האָט קיין איד ניט געטאָרט קומען אין לאַנד אַריין. מיין ברודער מרדכי האָב איך אַזוי אָנגעזאָגט: „דו קענסט אונזער ברודער אַברהם, ער איז צו אָפּגעהיט. אויב ער וועט ניט צושטיין, איז פֿאַר מיט דעם קאָנטראַקט קיין בערלין בײַ אַײנעם פֿון ר׳ פֿייטלס ליַיט; יענע וועלן נערן ווערן שותפֿים, וואָרום דער קאָנטראַקט איז געווען אויף מיין נאָמען.״ מיין ברודער מרדכי איז געקומען קיין שווערין, אָבער מיין ברודער אַברהם האָט געזאָגט, ער דאַרף פֿריהער פֿאָרן קיין לייפּציג אויף דעם פּאָסטיריד. מיין ברודער מרדכי זאָל דאָ בלײַבן ביז ער וועט צוריקקומען, וועט ער אַהער פֿאָרן. איך האָב באַקומען אַזאַ בריוו און האָב זיך זעהר געערגערט. ליליענקראַנץ פֿלעגט שיקן צו מיר אַלע וואָך, ווען ס׳איז געווען פּאָסטטאָג, איך זאָל קומען צו אים, פֿלעגט מיר פֿרעגן, צי איז שוין געקומען מיין ברודער, און איך פֿלעג אַלע מאָל זאָגן, ער קומט. אָבער מיין ברודער איז געקומען אַהיים פֿון לייפּציג און איז ערשט געפֿאָרן קיין ראָסטאָק, וואָרום ער פֿלעגט שטענדיג שיקן זיין סחורה פֿון לייפּציג קיין ראָסטאָק, דאָ האָט ער געוואָלט פֿריהער איינמאָנען זיינע חובֿות. דערווייל איז באַראָן ליליענקראַנץ אין כּעס געוואָרן אויף מיר און האָט אָפּגעגעבן די ליפֿערונג היגע סוחרים. מיין ברודער איז געקומען אַהער מיטן אַנדערן ברודער מרדכי, אָבער ס׳איז שוין געווען נאָך אַלעמען, און מיר האָבן ניט געקריגן גאָר ניט צו ליפֿערן.

לאָמיר זיך אומקערן צו מיינע פֿריהערדיגע געשעפֿטן. ס׳זיינען שוין אַריבער די פֿיר וואָכן, וואָס די עמבעט־קאָלעגיע האָט מיר באַשטימט. איך בין ווידער געקומען מיט מיין אַדוואָקאַט צו הערן זייער רעזאָלוציע, אָבער זיי האָבן מיר ווייטער אָפּגעלעגט: זיי האָבן נאָך ניט באַהאַנדלט. אין פֿערצען טאָג אַרום זאָל איך ווידער קומען. מיין אַדוואָקאַט זאָגט צו מיר: „מער ניט איך מיט אייך ניט, איר ווייסט שוין, וואוהין מ׳דאַרף גיין, קאָנט איר דאָס שוין אַליין טון. ווען איר וועט קריגן אַן ענטפֿער, זאָלט איר מיר אים ברענגען.״ איך בין אַרומגעלאָפֿן אַוודאי פֿיר וואָכן, איידער איך האָב געקריגן תשובֿה. די תשובֿה איז געווען זעהר קורץ: „מיר דערלויבן דיר

ניט צו האַלטן דײַן רעליגיע דאָ אין לאַנד, נאָך װײניגער צו פֿירן אַ געשעפֿט". אונטערגעשריבן איז געװען קאַרל שפּאַרע. איך בין געװאָרן אַזױ איבערגעשראָקן, איך בין גלײַך דערמיט געלאָפֿן צום אױבערשטאַטהאַלטער און האָב זיך געקלאָגט: „איר האָט מיר צוגעזאָגט העלפֿן, און דאָ געבן זײ מיר אַזאַ תּשובֿה". זאָגט דער אױבערשטאַטהאַלטער: „איך מוז דיר אַלץ דערקלערן. איך בין פּרעזעס אין די דאָזיגע געריכטן, און מוז אונטערשרײַבן אַלע זײערע רעזאָלוציעס, אָבער דערבײַ בלײַבט נאָך דאָס ניט, דו מוזט גײן װײטער, קאָנסט זאָגן דײַן אַרװאָקאַט, ער זאָל אַפּעלירן צו די האַלדראָטן".
איך בין באַלד געלאָפֿן צו אים. ער האָט דערלאַנגט אַ שריפֿט. ס׳האָט געדױערט פֿיר װאָכן, און איך האָב געקריגן די אײגענע תּשובֿה װאָס פֿריהער. גײ איך װידער צום אױבערשטאַטהאַלטער, באַקלאָג זיך װײטער אױף זײַן אונטערשריפֿט און זאָג: „װען אײַער עקסעלענץ קאָן טון ניט מער, װי אונטערשרײַבן, װאָס זײ באַשליסן, איז װעה איך קלאָר, אַז איך קאָן גאָרניט דערלאַנגען; װיל איך בעסער פֿאַרשפּאָרן מײַן געלט און צוריק פֿאָרן אַהײם". שמײכלט ער און זאָגט: „דו ביסט זעהר היציג, ס׳איז נאָך ניט אַלץ, דו מוזט געדולד האָבן, דו מוזט קומען אין מאַגיסטראַט אַרײַן, װעלן מיר יהערן, װאָס זײ װעלן דערױף זאָגן". גײ איך צום אַרװאָקאַט און דערצײל אים, װאָס דער אױבערשטאַטהאַלטער האָט מיר געזאָגט. שאָקלט ער מיטן קאָפּ: יאָ, דער מאַגיסטראַט, זײ װעלן אױך ניט קײן סך בעסער מאַכן. איך בין געלאָפֿן צו די אַלע רײַכסראַטן, װאָס האָבן מיר צוגעזאָגט, זײ װעלן מיר העלפֿן. זײ האָבן מיר געענטפֿערט: „דער אױבערשטאַטהאַלטער קאָן אַ סך טון, מיר אָבער קאָנען גאָרניט טון באַ די דאָזיגע געריכטן, װאָרום דער אױבערשטאַטהאַלטער איז דאָרט פּרעזעס; זאָל דאָס אָבער קומען פֿאַר אונזער ראַט, װעלן מיר טון אַלץ, װאָס מיגליך". זײ האָבן מיך אַלע געטרײסט, איך האָב אָפּגעװאַרט אַכט טאָג און בין געגאַנגען אין מאַגיסטראַט, — מײַן אַרװאָקאַט האָב איך מער ניט מיטגענומען, — איך האָב זיך געלאָזט מעלדן און האָב געקריגן תּשובֿה, איך זאָל אַ ביסל צװאַרטן. לסוף, אַז איך האָב אַזױ אָפּגעװאַרט אַ פּאָר שעה, איז אײנער אַרױסגעגאַנגען צו מיר און געפֿרעגט, װאו איך װױן, פֿאַרשריבן מײַן קװאַרטיר און געזאָגט, אַז איך דאַרף שױן אַלײן ניט קומען, זײ װעלן שיקן נאָך מיר. דערמיט בין איך געגאַנגען אַהײם. איך בין געװען אַ חשובֿ באַ אַלע גרױסע הערשאַפֿטן. ס׳האָט געריסט מײַן אַרבעט, אַלס דער גרעסטער קינסטלער אױף דער װעלט.

איך האָב אַ סך פֿאַרקערט מיט די יוּװעלירן דערהױפּט מיט דעם נוטן בראַון מאַן הער זוטער און װילקאָם, אױך מיט הער װילהעלמסאָן. דאָס זײַנען געװען מײַנע גוטע פֿרײַנט, און זײ האָבן געװאוסט, אַז איך װאָלט זעהר געװאָלט דאָ בלײַבן. איך האָב געהאַט זעהר אַ סך גוטע פֿרײַנט; אַלע,

װאָס האָבן מיך נעקענט, זײַנען געװען גוט צו מיר. לסוף האָט מען געשיקט נאָך מיר פֿונם ראַטהױז אין מאַגיסטראַט. ס׳האָט זיך אָנגערופֿן אַ ראטמאַן, װאָס איז נאָכדעם אײנגיכן געװאָרן בּירגערמײסטער. ער האָט געהײסן פֿלאָרין, אַ געלערנטער מאַן, געקענט אַ סך שפּראַכן, געװען זעהר באַשײדן. ער איז צוגעגאַנגען האַרט צו מיר, האָט אָנגעהױבּן צו רײדן מיט מיר דײַטש און זאָגט אַזױ: „ליבּער הער אַהרון, איר האָט דערלאַנגט דעם קיניג, אַז איר װילט דאָ װאױנען. מיר האָבּן געזעהן אַלע אײַערע רעקאָמענדאַציעס אױך. איר זײַט זעהר געריםט פֿאַר אַן ערליכן מאַן אַ קינסטלער אין שטײנקריצן; מיר גלױבּן, אַז אַזױ איז דאָס, אַזױװי ס׳שטײט אין אײַערע אטעסטאַטן. דער קיניג אַלײן װיל, איר זאָלט דאָ קאָנען בּלײַבּן: דאָ האָבּן מיר ניט קײן שטײנקריצער אין גאַרן שװערישן לאַנד. דאָ איז אָבּער פֿאַראַן אַ זאַך, װאָס ס׳איז אוממיגליך; איר זײַט פֿון דער אידישער אמונה. איך װעל אײַך װײַזן, װאָס אונזערע געזעצן הײסן אונז“. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ גרױס בּוך און פֿון דאָרט האָט ער מיר פֿירגעלײענט אויף דײַטש, ער האָט אױפֿן אָרט איבּערגעזעצט פֿון שװעדיש אויף דײַטש: „װען אַ איד קומט צו אונז אין לאַנד אױף אַ שיף, און די שיף האָט זיך געטרונקען, אַז מ׳דאַרף זי פֿאַרריכטן, זאָל די דאָזיגע שיף האָבּן די בכורה, מ׳זאָל זי פֿאַרריכטן די ערשטע, כדי דער איד זאָל װאָס גיכער אַװעק פֿונם לאַנד. װען אַ איד קומט אַהער מיטן װאַסער און װערט דאָ קראַנק, זאָל מען אים שיקן אַ גוטן דאָקטאָר צו העלפֿן אים פֿון זײַן קרײַנק, ער זאָל בּאַלד פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. קײן איד טאָר דאָ גאָרניט קױפֿן אָדער פֿאַרקױפֿן“. „נו, זאָגט ער צו מיר, דאָס זײַנען אונזערע רעכט“. זאָג איך: „דאָס איז רעכט, אָ, װאָס פֿאַר אַ שלעכטע רעכט קענן דעם מענשנס לעבּן“! ער איז אָבּער געװען זעהר בּאַשײדן און זאָגט: „אַזױ איז דאָס, און װי לאַנג די װעלט שטײט, האָט קײן איד ניט געװאױנט אין שװעדישן לאַנד. מיר האָבּן זיך בּאַראָטן, מיר זאָלן אײַך העלפֿן, װײַל אונזער קיניג װיל דאָס זעהר האָבּן, איר זאָלט דאָ בּלײַבּן. אַלס איד איז דאָס ניט מיגליך, דאָס איז קעגן אַלע אונזערע געזעצן; אָבּער אויבּ איר װילט זיך טױפֿן, קריגט איר בּאַלד בּירגערשאַפֿט אומזיסט און געניסט אַלע פֿרײַהײטן, אױך װעט איר צען יאָר פֿרײַ זײַן פֿון אַלע שטײַערן. בּאַטראַכט זיך, דאָס האָט נאָך קײנער ניט געקריגן, און זאָגט אונז ענטפֿער צײַט אַכט טאָג“. זאָג איך: „ליבּער הער, איך דאַרף ניט האָבּן קײן צײַט אױף קײן ישוב, קײנמאָל װעל איך ניט אומבּײַטן מײַן גלױבּן פֿאַר קײן געלט; נישט דערױף בּין איך אַהער געקומען צו פֿאַרקױפֿן אָדער אױסבּײַטן מײַן רעליגיע. איך װעל זיך געװיס ניט אָפּזאָגן פֿון מײַן אמונה, װאָס דורך איר האָף איך מײַן נשמה אױסלײזן“. ער הערט מיך אױס געלאַסן און זאָגט צו מיר: „מיר װײסן אײנגטליך ניט, װאָס איז אַזױנס די אידישע

רעליגיע, וואָס דורך איר וואָלט איר די נשמה אויסלייזן". זאָג איך: „איך בין גיט קיין געלערנטער מאַן, און ווייזן מײַן גאַנצע רעליגיע איז דאָ קיין אָרט ניט, אָבער דער יסוד פֿון אונזער רעליגיע איז דער כּלל: מורא האָבן פֿאַר גאָט און ליב האָבן דעם צװייטן, און דאָס האָף איך היילינג האַלטן, ווי ווײַט מײַנע קרעפֿטן וועלן טראָגן". ענטפֿערט ער מיר: „אין דעם גלויבן מיר אויך, אָבער אָהן דעם דערלייזער, וואָס בײַ אײַך אידן הייסט ער משיח, קאָן מען זיך ניט רעטן". איך זאָג נאָך אַמאָל: ס'איז דאָ קיין אָרט ניט צו דיספּוטירן, וואָרום ס'וועט דערפֿון גאָרניט ניט אַרויס. דער בּאַשלוס איז געווען, אַז איך וועל בּאַקומען תשובה. איך האָב זיך פֿאַרגוויגט און געגאַנגען מײַן װעג.

איינינע טעג נאָך דעם טרעפֿט מיר דער דאָזיגער ראַטמאַן פֿלאָרין אין גאַס און בּעט מיך, איך זאָל מיט אים גיין צו אים אַהיים, ער האָט אַ שיינעם קאַרגיאָל־שטיין, ער וואָלט גערן געלאָזט קריצן פֿון אים אַ שטעמפּעל, ער וואוינט דאָ דערבּיי. איך בּין מיט אים געגאַנגען צו אים אין הויז און האָב גענומען דעם קאַרניאָל צו קריצן. איך פֿרעג אים, צי איז ניט מיגליך, ער זאָל מיר העלפֿן װענן מײַן בּלײַבּן דאָ. זאָגט ער: „איך מיט דעם גאַנצן מאַגיסטראַט קאָנען אײַך די פֿרייהייט ניט געבן, נאָר דער קיניג, ווען ער וויל דאָס טון מיט געוואַלד. אָבער איך גלויב ניט; דאָס איז אַ זאַך, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען. ענדרע היינטיגע וואָך וועט איר קריגן ענטפֿער". אין עטליכע טעג אַרום קום איך ווידער אַרויף צום מאַגיסטראַט און האָב געקריגן די תּשובה. אָבער דאָרט איז געשטאַנען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אין די פֿריהערדיגע, און ווידער מיט דער אונטערשריפֿט: קאַרל שפּאַרע. גו, האָב איך פֿאַרלאָרן יעדע האָפֿענונג: איך לויף צום אויבּערשטאַט־האַלטער. ווי איך קום אַרײַן און גריס אים, פֿרעגט ער: „וואָס איז עפּעס גוטס גייט?" „שלעכטע נײַס! איר ווייסט דאָך וואויל, וואָס איר האָט אונטער־געשריבּן, דאָ האָט איר דאָס. צי איז דאָס דאָס לעצטע וואָרט?" „יאָ, פֿונם ראַטהויז!" זאָג איך: „אײַער עקסעלענץ, וואָלט מיר שוין לאַנג געקאָנט זאָגן, אַז איך זאָל אַוועקפֿאָרן, וואָלט איך אײַנגעשפּאָרט אַ סך געלט. ס'האָט מיר אַ סך געקאָסט, איך פֿאַרשפּאָר דאָס צו זאָגן". זאָגט ער: „דו האָסט אין רײַן לעבּן קיין גרויסע פּראָצעסן ניט געפֿירט. גו, ווילסטו זיך מיט מיר שפּאַרן, קלאָג מיך אָן". פֿאַרנויג איך זיך און בּעט, ער זאָל מיר מוחל זײַן: „אײַער עקסעלענץ, ווען בּאַפֿעלט איר מיר פֿאָרן?" „גיין, גיין! אָהן שפּאַס, דו מוסט גיין צום קיניג און מיך אָנקלאָגן. גיי צו רײַן אַרוואָקאַט, ווייז אים רײַן ענטפֿער און זאָג אים, ער זאָל מיך פֿאַרקלאָגן פֿאַרן קיניג פֿאַר מײַן ענטפֿער. ווען דו וועסט די בּיט־בּריוו האָבּן פֿאַרטיג,

איז ניי דערמיט צום שטאַטס־סעקרעטאַר פֿאָן העלאַנר, ער זאָל זי אָפּגעבן דעם קיניג. איך װעל שװין פֿון מײַן זײַט טון דאָס בעסטע, װאָס מיגליך איז".

איך האָב אַזוי געטאָן, אַזוי װי דער אויבערשטאַטהאַלטער האָט מיר געזאָגט. איך האָב זיך געלאָזט מאַכן די ביט־בריװ און אַ קאָפּיע פֿון מײַן ענטפֿער, בין געגאַנגען צום סעקרעטאַר פֿאָן העלאַנר. דער ראָזינער הער האָט געדערט גוט דײַטש. איך זאָג: „גנעדיגער הער, איך האָב דאָ אַ ביט־בריװ, װאָס איך װאָלט זי געװאָלט דערלאַנגען דעם קיניג". און גיב אים די ביט־בריװ. ער נעמט זי און לײענט זי דורך אײנאַנצן. װי נאָר ער איז דערמיט פֿאַרטיג געװאָרן, באַפֿאַלט ער מיר מיט אַ היציגן טאָן: „װאָס װײט איר פֿאַר אַ קערל, װאָס איר דערלאַנגט אַזאַ אָנקלאָג קעגן אויבער־שטאַטהאַלטער? װילט איר כאַפּן ריטער אין שטאָקהאָלם? װאַרפֿט זיך אַרויס װאָס גיכער פֿונם לאַנד, װען ניט װעל איך דאָס אײַך מיטהעלפֿן. אַרויס, אַרויס מיט אײַער נאַרישקײט".

ס׳האָבן מיר באַשלאָגן אַנגסטן, ס׳איז געװען געזאָגט אויף עכט דײַטש. אין אַזאַ אַנגסט זאָג איך: „גנעדיגער הער, דער אויבערשטאַטהאַלטער האָט דאָס מיר אַלײן געהײסן". אַ װײַלע איז ער געשטאַנען שטיל און מיך שאַרף אָנגעקוקט: „הערט, זײַט איר אַ ליגנער אויך?" איך שװער זיך אין אַנגסטן, אַז דער אויבערשטאַטהאַלטער האָט דאָס מיר געהײסן. לסוף זאָגט ער: „איך קאָן דאָס אײַך ניט גלויבן אויפֿן װאָרט. נאָכמיטאָג װעל איך בײַ אים זײַן. מאָרגן קאָנט איר װידער קומען צו מיר, איך װעל האַלטן די שריפֿטן דאָ". איך בין אַװעקגעגאַנגען.

װי איך בין נאָר אַרויסגעגאַנגען, באַטראַכט איך זיך, װאָס פֿאַר אַ פֿעלער איך בין באַגאַנגען: דער אויבערשטאַטהאַלטער האָט מיר בײַ לײַב און לעבן פֿאַרבאָטן, איך זאָל ניט אויסזאָגן. איך כאַפּ און לויף גלײַך צום אויבער־שטאַטהאַלטער. װי איך קום אַרײַן —, איך בין געלאָפֿן אָהן אָטעם, קוים האָב איך געקאָנט אַרויסברײנגען אַ װאָרט —, אײַער עקסעלענץ, איר האָט מיך געשיקט צו אַ ביזון מאַן. „נו, װאָס? זאָג דאָך, װאָס האָט ער דיר געטאָן?" „איך האָב אים געגעבן די ביט־בריװ; װי נאָר ער האָט זי איבערגעלײענט, זאָגט ער, איך זאָל כאַפּן ריטער, פֿאַרװאָס איך קלאָג זיך אויף אײַער עקסעלענץ, און איך זאָל זיך גלײַך אָפּטראָגן פֿונם לאַנד, װאָרום װען ניט, װעט ער דאָס מיר העלפֿן. איך האָב געמײנט, ער װעט זיך װאַרפֿן אויף מיר שלאָגן, אַזוי בײז איז ער געװען אויף מיר. דאָ האָב איך אים געזאָגט, אַז איר האָט מיך געשיקט. פֿאַר שרעק האָב איך ניט געװאוסט װאָס צו זאָגן". „אַי, אַי, אַזאַ בײזער מענש! דו האָסט געטאָן גוט!" „ער האָט געזאָגט, אַז נאָכמיטאָג װעט ער אַלײן קומען צו אײַך, ער

האָט די שריפטן באַ זיך באַהאַלטן". איך בין געגאַנגען מיט גרויס פרייד אַהיים, וואָס דער אויבערשטאַטהאַלטער איז ניט אין כעס אויף מיר.

אויף מאָרגן בין איך ווידער געגאַנגען צום שטאַטס־סעקרעטאַר. ער איז געווען צו מיר זעהר פריינדליך, בכלל זעהר אַ גוטער מענש. ער זאָגט: „איך בין געווען באַם אויבערשטאַטהאַלטער און גערעדט מיט אים, אָבער די בית־ברית וועל איך איבערשרייבן, קומט מאָרגן אַהער, וועט איר אונטערשרייבן אייער נאָמען". אויף מאָרגן בין איך געקומען צו אים, אונטערגעשריבן מיין נאָמען אונטער דער בית־ברית. זאָגט ער צו מיר: „זייט איר שוין געווען באַ די רייכסראַטן?" „אָ, יאָ, באַ עטליכע!" זאָגט ער ווייטער, מאָרגן איז אַ ראַט אין אולריכסראַל באַם קיניג, ס'וועלן זיין פיר רייכסראַטן, ער האָט זיי מיר אָנגערופן. „גייט צו זיי און רעדט מיט זיי, אויב איר זייט באַקאַנט באַ זיי, זיי קאָנען אייך העלפן". פון זיי זיינען געווען צוויי, וואָס איך האָב געהאַט צו זיי רעקאָמענדאַציעס, און איך פלעג צו זיי שטענדיג גיין, ווען איך פלעג באַקומען ענטפער, און זיי פלעגן מיך טרייסטן. ער האָט מיר געהייסן צו אים ווידער קומען אין פיר־פינף טאָג אַרום, וואָרום עטליכע טאָג וועט ער ניט זיין דאָ. איך בין געגאַנגען צו אַלע פיר רייכסראַטן, האָב זיי דערציילט מיין זאַך, מאָרגן וועלן זיי זיין אין אולריכסראַל באַם קיניג. זיי האָבן צוגעזאָגט צו טון וואָס מיגליך, איך זאָל גאָר ניט צווייפלען, איך וועל עס קריגן. עטליכע טאָג שפּעטער קום איך צום שטאַטססעקרעטאַר העלאַנר. ווי נאָר איך קום אַריין, ניט ער מיר אָפּ מזל טוב מיט מיינע פריווילעגיעס. ער זאָגט, איך זאָל גיין צום אויבער־שטאַטהאַלטער, דאָרט וועל איך זיי באַקומען. איך דאַנק אים אַ סך טויזנט מאָל, איך וועל נאָך צו אים קומען אים אָפּדאַנקען. איך בין באַלד אַוועק צום אויבערשטאַטהאַלטער און זאָג אים: „דער שטאַטס־סעקרעטאַר האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט פאַר מיר אַן ענטפער פונם קיניג". זאָגט ער: „דו מוזט אַרויפגיין אין דער שלאָסקאַנצעלאַריע און פרעגן אויפן קיניגליכן סעקרעטאַר פאָן סיווערטס". איך בין אַרויפגע־גאַנגען און האָב געפרעגט אויף אים. ער האָט מיר געגעבן די פריווילעגיע, און איך האָב באַצאָלט, וואָס ער האָט געפאָדערט. איך בין צוריקגעגאַנגען צום אויבערשטאַטהאַלטער און האָב אים געוואָלט דערפאַר דאַנקען, אָבער ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ האַסטיגן טאָן: „פאַר דעם טייוול האָב איך די פריווילעגיע געגעבן, איך וויל דערפון ניט וויסן, דאַנק דעם קיניג, אָבער מאָרגן קום אין ראַטהויז מיט דיין אַדוואָקאַט און ווייז דיין פריווילעגיע, זיי זאָלן זי נעמען צו פראָטאָקאָל". דער מאַגיסטראַט האָט געהייסן די פריווי־לעגיע דאָ לאָזן און אין אַכט טאָג זאָל איך ווידער קומען. איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך זי ניט צוריקנעמען, אָבער מיין

אַרומקאַט זאָגט צו מיר אויף דייטש: „האָט ניט קיין מורא און קומט״. די פּריווילעגיע איז געווען אויסגעשטעלט אין אולריכסראַל דעם 28 סעפּ־טעמבער 1775. ס׳זאָל הייסן, אַז איך און מיין ברודער מרדכי און ר׳ אברהם פ״ח מעגן דאָ וואוינען מיט אונזערע ווייבער און קינדער קענן דעם געוויינטליכן אָפּצאָל. אין אַכט טאָג אַרום בין איך ווידער געקומען אין מאַגיסטראַט און אָפּגענומען מיין פּריווילעגיע. איך האָב באַלד געשריבן מיין פרוי, זי זאָל פאַרקויפן אונזער הויז און גאָרטן און זאָל קומען אַהער מיט די קינדער. איך האָב אויך געשריבן ר׳ אברהם פ״ח, ער זאָל אַהער קומען. אָבער וואָס פאַר אַ רשעות ס׳האָט געשריבן קענן מיר אין וואַכנבלאַט? וואָס פאַר אַ שלעכטינקייטן האָבן זיי ניט אויסגעקלערט אויף אידן! דער המון פלעגט מיר נאָכשרייען אין גאַס. פערצען טאָג האָב איך זיך ניט געוויזן אין גאַס. זיי האָבן אַפילו געשריבן קענן קיניג, וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער צו פאַראומריינינגן דאָס הייליגע לאַנד מיט אידן. אמת, זיי האָבן געקרינגן עטליכע מאָל שטאַרק אָפּגעענטפערט פון גרויסע הערן, אָבער ס׳האָט געווים נערוועירט זעקס וואָכן, איידער עס איז רעכט שטיל געוואָרן.

נו, בין איך ווידער געגאַנגען צום אויבערשטאַטהאַלטער און זאָג: „איך האָב שוין באַקומען רעכט און אַ פּריווילעגיע צו וואוינען דאָ אַלס איד. איר ווייסט, אייער עקסעלענץ, מיר האָבן ניט דעם קריסטוססמאָל, מיר האָבן אָבער אַ יום־כּפּור, וואָס מיר האָפן דורך תּשובה צו קריגן אַ כּפּרה אויף אונזערע זינד. דאָס גייט אָבער ניט, אויב מיר האָבן ניט צוואַמען עלף־צוועלף מאַנספּערזאָנען, אויך אַ שול און אַ בית־עולם״. זאָגט ער: „קום אַהער אין עטליכע טאָג אַרום, וועסטו האָבן ענטפער״. ווען איך בין ווידער געקומען, זאָגט ער: „אויב דו ווילסט זיך בויען אַ שול, מעגסטו דאָס טון, און דו קאָנסט זיך צען מענשן האַלטן און דו קאָנסט זיך מעלדן באַם מאַגיסטראַט, וועלן זיי דיר אָנווייזן אַ פּלאַץ פאַר אַ בית־עולם״. ניי איך אין מאַגיסטראַט און זאָג: „דער אויבערשטאַטהאַלטער האָט מיך אַהער געשיקט, איר זאָלט מיר אָנווייזן אַ פּלאַץ פאַר אַ בית־עולם״. זיי האָבן מיך געשיקט צו אַ באַגרעבער, וואָס וואוינט באַ דער קלאַראַ־קירך. איך קום צו דעם דאָזיגן מענשן, זאָגט ער מיר: „איך ווייס וואָס איר ווילט, אַ בית־עולם״. ער בעט מיך, מיר זאָלן אים צונעמען פאַר אַ באַגרעבער אין אונזער קהלה מיט אַ קליין יערליך געהאַלט. זאָג איך, איצט בין איך דאָ איינער אַליין, ווען אונזערע וועלן קומען, וועלן מיר דערפון ריידן. ער בעט נאָכאַמאָל, מיר זאָלן אין אים ניט פאַרגעסן. זאָג איך: לאָמיר גיין. זאָגט ער: ס׳איז ניט וויט. גייט ער מיט מיר דורך דעם בית־עולם פאַר־ביי דער קירך. ווי מיר קומען אויף דער אַנדערער זייט קירך, ווייזט ער

מיר — צו רעכטער האַנט איז דער קאַטױלישער בית־עולם, און דער מאַגיסטראַט האָט אים באַפֿױלן, אַז צו לינקער זײַט זאָל ער אָנװײַזן פֿאַר אירן. איך שטײ אַזױ, װאָס זאָל איך אים ענטפֿערן? זאָג איך, ס'װעט שױן זײַן גוט. ער האָט מיר נאָכאַמאָל דערמאָנט װעגן זײַן יערליך געהאַלט. איך בין װידער געגאַנגען צום אױבערשטאַטהאַלטער און זאָג: „אײַער עקסעלענץ, איר װײסט װאױל, אַז מיר אירן מוזן האָבן אונזער בית־עולם גאַנץ באַזונדער, און דער מאַגיסטראַט האָט מיר אָנגעװיזן אױף קלאַראַ־קירכהױף". זאָגט ער: „די לײַט פֿאַרשטײען דאָס ניט, מ'מוז דאָס זײ אַלץ דײַטליך זאָגן. מאָרגן קום איך אין ראַטהױז, װעל איך דאָס זײ צו פֿאַרשטײן געבן. דו קאָנסט זיך אין עטליכע טאָג אַרום אָנפֿרעגן אין ראַטהױז באַם שטאָט־אינזשענער; ער װעט דיר שױן געבן ענטפֿער". איך בין געגאַנגען צום אינזשענער, זאָגט ער, איך זאָל בערך אין פֿערצען טאָג אַרום װידער קומען, ער װיל פֿריהער צװוכן אַ פּלאַץ אין שטאַטסהאַגן, — דאָס געהערט צו דער שטאָט, — װאָס זאָל פּאַסן פֿאַר אַ בית־עולם.

איך מוז נאָך דאָ דערצײלן, אַז דעמולבן טאָג, װאָס איך האָב געקריגן מײַן פּריװילעגיע, האָב איך געשריבן קײן האַמבורג צו אַ גוטן פֿרײַנט, אַז איך האָב באַקומען אַ פּריװילעגיע פֿונם שװעדישן קיניג, געשיקט אױך אַ קאָפּיע פֿון מײַן פּריװילעגיע. ס'זײַנען נאָך ניט פֿאַרבײַ קײן דרײַ חדשים, װי דאָס איז געװען געדרוקט אין די דײַטשע צײַטונגען, זײַנען געקומען אַהער צו פֿאָרן עטליכע אירן פֿון מעקלענבורג; דאָס זײַנען געװען בחורים און האָבן זיך פֿאַרשריבן אױף מײַן פּריװילעגיע. ס'איז דאָ אױך געװען אַן אַלטער מאַן מיט זײַן אַלטער פֿרױ, אַלס קרעצװאַשער, אַן אָרעמער מענטש, װאָס האָט זיך אױפֿגעהאַלטן שטילערהײט באַ די גאָלדשמידס, ער האָט זײ געװאַשן די קרעץ. מיר זײַנען געװען צוזאַמען מיט מײַן ברודער אַקעגן אַכט מאַנספּערזאָנען. איך האָב געקריגן אַ ידיעה פֿונם שטאָט־אינזשענער, איך זאָל צו אים קומען, מיר זאָלן צוזאַמען גײן. ער האָט צװײ פּלעצער, און ער װיל זײ מיר װײַזן, װײ זײַנען אָהן שטײנער און זײ פּאַסן פֿאַר אַ בית־עולם. איך האָב מיט זיך מיטגענומען עטליכע אירן, מיר זײַנען נאָכגעגאַנגען דעם שטאָט־אינזשענער, װאָס האָט געהאַט מיט זיך נאָך מענשן; זײ האָבן געטראָגן זײַנע אינסטרומענטן און קײַטן אָפּצומעסטן דערמיט דעם פּלאַץ. מיר זײַנען געקומען צו אַן אָרט, דער אינזשענער האָט גענומען אַן עקבער, האָט אים טיף אײַנגעבױערט אין דער ערד און װײַזט אונז דעם שײַנעם גרונט. דאָס איז געװען זעהר גוט, נישט קײן זאַך, חוץ בלױע לײַם. ער זאָגט, ער װײסט נאָך אַ פּלאַץ, אָבער יענער איז נאָך אַ שטיק װײַטער. מיר האָבן זיך מישב געװען: דער אַנדערער פּלאַץ איז נאָך װײַטער, קײן בעסערע ערד איז געװיס נישט צו קריגן, דער איצטיגער פּלאַץ איז שױן

אויך נענוג ווייט. מיר זיינען געווען צופרידן מיט דעם. דער אינזשענער האָט דאָס אויסגעמאָסטן מיט זיינע לייט און האָט מיר געהייסן קומען צו אים אין אַכט טאָג אַרום, וועל איך דאָס האָבן פונם מאַניסטראַט שריפטליך, ווי ברייט און גרויס דאָס איז פאַרמאָסטן. איך האָב געלאָזט אויסגראָבן אַ גרובן אַרום, איך האָב געמאַכט שטאַכעטן אויך, אָבער דעם ערשטן ווינטער האָט מען צעגנבעט אַלע שטאַכעטן.

מיין פרוי מיט דריי קינדער, צוויי זין און אַ טאָכטער, איז געקומען אַהער פון דאַלאַרע, זיי זיינען אָנגעקומען אויף אַ שיף פון ווייסמאַר. מיין עלטסטע טאָכטער און די יונגסטע זיינען אונטער דער צייט געשטאָרבן, ווען איך בין אין דערהיים ניט געווען. עטליכע וואָכן נאָך דעם איז אַהער געקומען ר׳ אברהם פ״ח אויך מיט זיין געציינ. ס׳איז געקומען מיין אַ שוועסטער־קינד, נתנאל. איך האָב אויך פאַרשריבן מיין גוטן פריינט פון ביוצאָוו, ר׳ דוד און אַ יונגנעמאַן פייבוש. אויך האָב איך מיר פאַרשריבן אַ בחור צו מיינע קינדער, ער איז געווען שוחט אויך; נאָך מיין אַ שוועסטערקינד מיטן נאָמען אברהם ווערדען. ס׳זיינען אָבער אָנגעקומען אַהער נאָך מער פרעמדע, אַלערליי לאַנדנייער. זיי האָבן דאָ געוואָלט טרייבן שווינדל. תחלת האָב איך געמיינט, אַז דאָס זיינען אָרנטליכע לייט, אָבער איך האָב זיך אַרומגעקוקט, אַז דאָס זיינען מאוסע מענשן, שכורים. איך בין געגאַנגען צום שטאַטהאַלטער און זאָג צו אים, ס׳זיינען דאָ פאַראַן פרעמדע אידן, וואָס לויפן אַרום איבער שטאָט. איך קען זיי ניט און האָב מורא, זיי זאָלן ניט שווינדלען, וואָרום זיי האָבן ניט קיין פאַרמעגן, און מיר זיינען דאָ נייע מענשן, ס׳וועט אונז מאַכן אַ שלעכטן נאָמען. זאָגט דער שטאַטהאַלטער: „דאָס איז ערליך גערעדט, איך וועל זיי אַלע שיקן רופן, און ווער ס׳איז ניט פאַרשריבן אין דיין פריווילעגיע, די טאָרסטו דאָ ניט לאָזן“. ס׳זיינען געווען אַקעגן אַ צען יונגען. מ׳האָט זיי געשיקט רופן צו פּאָליציי, און זיי האָבן באַקומען פעסער אַרויסצופאָרן פון דער מדינה. ער האָט מיר געגעבן אַ שריפט; אין דער דאָזיגער שריפט הייס איך פאָרשטייער. קומט אַהער אַ פרעמדער איד, איז מוז ער מיר שיקן זיין פּאַס. געפין איך אים פאַר גוט, זאָל איך איינמעלדן בײַ פּאָליציי, וואָס פאַר אַ באַשעפטיגונג ער האָט. געפין איך אים אָבער ניט פאַר גוט, איז זאָל ער קריגן אַ פּאַס פון פּאָליציי, ער זאָל גלייך פאַסירן דאָס לאַנד. אויך ווען איינער פון היגע אידן וויל פאָרן דאָ אין לאַנד אָדער פון דעם לאַנד, איז זאָל ער קריגן פון מיר אַ צעטל; דערמיט זאָל ער גיין צו פּאָליציי, און פּאָליציי גיט אים אַן אָנווייז צו דער שלאָסקאַנצעלאַריע, ער זאָל באַקומען אַ פּאַס. דער אויבערשטאַטהאַלטער איז געווען צו מיר אַזוי גנעדיג, אַז ווען איך פלעג שיקן מיינע לייט איבער דעם לאַנד אָדער אויף אַ יריד מיט גאַלאַנטעריי־סחורות,

פלענט ער אַרויסנעבן פּעסער פון דער שלאָסקאַנצעלאַריע, אַז זיי מעגן פריי האַנדלען מיט גאַלאַנטעריי אויף ירידים, אין שטעט און אויפן לאַנד.

די יוּוועלירער און הוטנפּיצערס זיינען זיך צונויפנעקומען און אָפּגע־רערט, וואָס זאָלן זיי טון קענן אידן, זיי זיינען דערגאַנגען געגוי וועגן אונ־זערע פּריווילעגיעס. אַז זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז אונזער פּריווילעגיע איז בלויז אויף שטעמפּלקריצעריי און שטיינקריצעריי, זיינען זיי געגאַנגען מיט אַן אָנקלאָג קעגן אונז צו דער קאָמערצקאָלעגיע. אויך קעגן דעם אויבערשטאַטהאַלטער: ער האָט דעם קיניג גוט צוגעשטעלט דריי אידן, — מיטן נאָמען אויסנערעכנט —, אַז זיי זאָלן דאָ וואוינען מיט די ווייבער און קינדער און זאָלן אין שטאָקהאָלם טרייבן זייער פאַרוועדבטע קונסט אין שטעמפּלקריצעריי און שטיינקריצעריי. איז אָבער פון דריי געוואָרן גאַנצע הונדערט, זיי באַזעצן דאָס גאַנצע לאַנד, פאָרן אַרום מיט גאַלאַנטעריי־סחורות. מיר ווייסן ניט, פון וואַנען האָט עקסעלענץ, דער אויבערשטאַט־האַלטער, רעכט אויסצושטעלן אידן אַזוינע פּעסער. אַזוינע פּריווילעגיעס האָבן מיר שוועדישע בירגער אויך ניט. בכן זאָלט איר, אייער עקסעלענץ, אונז אויפקלערן פון אַזוינע רעכט. דער אויבערשטאַטהאַלטער שיקט נאָך מיר. ווי איך קום צו אים, לייענט ער מיר פיר, וואָס די יוּוועלירער און הוטנפּיצערס האָבן איינגעגעבן קעגן אידן און קעגן אים. ער זאָגט: „זעה, איך האָב דיר געטאָן, וואָס מיגליך דיר אַרויסצוהעלפן, אָבער דו האָסט דאָס צו גראָב געמאַכט. איך האָב דיר דערלויבט צען פּערזאָן, אָבער הונדערט האָב איך דיר ניט דערלויבט. קיינמאָל האָבן זיך בירגער אויף מיר ניט געקלאָגט“. איך פאַרענטפער זיך, אַז ניט קיין צען האָב איך, וואָס פאָרן אַרום, נאָר אַכט, דאָס קאָן איך באַווייזן דורך דער קאַנצע־לאַריע. ער אָבער זאָגט: „דאָס אַלץ העלפט ניט. איך האָב שוין געמעל־דעט דער קאָמערצקאָלעגיע, אַז די שלאָסקאַנצעלאַריע זאָל קיין פּעסער ניט געבן. קיין איד זאָל מער ניט אַרומפאָרן מיט סחורה. האָסטו לייט, וואָס זיינען ניט אין דערהיים, איז שרייב זיי גלייך, זיי זאָלן אַהיים קומען“. עס איז גראָר געווען צווישן יום־טובים, מיינע לייט זיינען אַלע געווען אין דערהיים. „נו — זאָגט ער צו מיר — דו מוזט אָנשרייבן אַ ביט־בריוו, ניי אַליין דערמיט צום קיניג און קלאָג זיך אויף מיר: איך האָב דיר געלאָזט פריי ברייננען צען מענשן, כדי דו זאָלסט קאָנען אָפּריכטן דיין גאָטדינסט, אָבער די דאָזיגע לייט קאָנען ניט זיין אַלע קיין שטיינקריצער. איך האָב אַ האַנדל מיט גאַלאַנטעריי־סחורה. נו, האָט ער מיר פאַרבאָטן דעם האַנדל, און מיינע לייט טאָרן ניט פאָרן אויף ירידים. איך בין ניט אים־שטאַנד מיט מיינע לייט מיין ברויט צו פאַרדינען מיט שטיינקריצעריי — דריי הויזנעזינדן“.

איך האָב אַזױ געטאָן, און בין אַלײן געגאַנגען מיט מײן שריפט צום קיניג. װי דער קיניג האָט מיך דערזעהן, איז ער געשטאַנען שטיל. איך האָב זיך טיף פאַרבױגט און אונטערטעניג געבעטן גנאָד. ער האָט געזעהן, אַז איך האַלט אַ שריפט אין האַנט, האָט ער געעפנט זײן האַנט, איך זאָל אים די שריפט דערלאַנגען. איך האָב גענומען די שריפט, אַנידער־געלעגט זי אויף מײן הוט, ער האָט זי גענומען און איז אַװעקגעגאַנגען זײן װעג. ער האָט זי אַלײן אױפגעעפנט און געלײענט, און איך בין געשטאַנען שטיל אויף דעם שלאָספּלאַץ. הערצאָג קאַרל האָט געשיקט נאָך מיר, איך זאָל צו אים אַרױסקומען; ער האָט מיך געפרעגט, װאָס האָב איך געטאָן בײַם קיניג. איך האָב אים דערצײלט די גאַנצע היסטאָריע און האָב אים אויך געבעטן, צי װיל ער ניט אַזױ גוט זײן און זאָגן פאַר מיר אַ גוט װאָרט בײַם קיניג. זאָגט ער: „איר קאָנט זיכער זײן, אַז איך װעל דאָס נאָך הײַנט טון. איר װעט דאָס געװיס אין קורצן פֿועלן", איך װאַרט פערצען טאָג, ניטאָ נאָרניט. איך גײ אַרױף צו הערצאָג קאַרל און בעט, איך װאָלט זעהר געװאָלט האָבן די ערע צו רײדן מיט אים. גײט ער אַרױס אין גאַרדעראָבצימער, װאו איך שטײ, און פרעגט מיך, װאָס איך װיל, זאָג איך: „אײער קיניגליכע הױכקײט, איר האָט מיר גנעדיג צוגעזאָגט, איר װעט רײדן מיט זײן מאַיעסטעט װעגן מיר, איך זאָל באַקומען די פרײַהײט צו האַנדלען". זאָגט ער: „דאָס איז שױן לאַנג פאַרטיג, גײט אַרױף אין דער קאַנצעלאַריע און פרעגט אויף באַראָן רעבינדער, װעט איר דאָס באַקומען". איך בין אַרױף און געפרעגט אויף באַראָן רעבינדער. אַזױ האָב איך באַקומען די פרײַהײט, װי איך האָב זי באַגערט. זי איז געװען אױסגעשטעלט דעם 2 מאַי 1777. װער איז געװען פרײלעכער פאַר מיר און פאַר מײן ברודער און פאַר ר׳ אברהמען? מיט דעם פּאַפּיר בין איך אַװעק צום אױבערשטאַטהאַלטער און אים דאָס איבערגעגעבן. זאָגט ער: „איצט מעגט איר שיקן, װיפיל לײט איר װילט איבער גאַנץ שװערן. איר האָט דאָס אין דרײען, יעדער קאָן שיקן אויף זײן נאָמען".

װי ר׳ אברהם איז דאָ אָפּגעװען אַ יאָר, האָט ער אַרױסגערופן אַהער זײן פרױ און זײנע קינדער. מיט איר איז געקומען אײנער, װאָס איז געפאָרן מיט איר אין װעג פון שװערין, ר׳ מאַנעלע לעװי, זײ זײנען געקומען צו־פאָרן צו לאַנד איבער אושטאַט. זי האָט געהאַט אַן אײגענעם גרויסן װאָגן פאַר די זעקס קינדער. דער דאָזיגער ר׳ מאַנעלע האָט מיטגע־בראַכט מיט זיך גאַלאַנטערײַ־סחורה פאַר עטליכע הונדערט טאָלער, װאָס ער האָט דאָ אָפּגעזעצט. אויך זײנען געקומען אַהער צװײ בחורים, זײ האָבן געהאַט רעקאָמענדאַציעס צו מיר. אײנער האָט געהײסן ר׳ משה לײערסדאָרף, דער אַנדערער ר׳ הירש בר׳ יואל. זײ האָבן געשטאַמט

טמשפּחה הגונה [אָנשטענדיגע פֿאַמיליע], זײ האָבן אויך געהאַט עטליכע טויזנט רײכסטאָלער. ר׳ מאַנעלע איז געװען דער ערשטער, װאָס האָט זײ אָפּגעשטאַט אַ װיזיט, געפֿרעגט בײַ זײ, צי האָבן זײ ניט געבראַכט מיט זיך קײן סחורה צו האַנדלען. זײ האָבן געהאַט אַביסל סחורה, אָבער זײ זײַנען ניט געװען קײן בעלי־משא־ומתּן, זײ האָבן שטענדיג געלערנט, זײַנען נאָך געװען יונג. זײ האָבן אים פֿאַלד געװיזן, װאָס זײ האָבן. ר׳ מאַנעלע האָט זיך בעסער פֿאַרשטאַנען דאַרויף, ער האָט געהאַט אַביסל גאַלאַנטערײ, שטײנדלאַך און האָט דאָס אויסגעביטן בײַ זײ. ער האָט זײ גאַנץ פֿײַן אָפּגענאַרט, אויף פֿערציג רײכסטאָלער, װאָרום זײ האָבן ניט פֿאַרשטאַנען אויף קײן גאַלאַנטערײ. זײ זײַנען געװען זעהר אויפֿגעבראַכט אויף אים, דערהויפּט ר׳ משה לײדערסדאָרף, ער איז געװען זעהר פֿרום. ר׳ מאַנעלע האָט זײַן סחורה גוט פֿאַרקויפֿט און איז צוריקגעפֿאָרן אַהײם קײן שװערין. איך האָב אַ סך געטראַכט פֿון ר׳ משהן און ר׳ הירשן, איך האָב זעהר געװאָלט, זײ זאָלן דאָ בלײַבן װאוינען. איך בין אַרומגעלאָפֿן מיט ר׳ משהן צו אַלע שררות, װאו איך בין געװען באַקאַנט, און האָב זײ פֿירגעשטעלט, אַז דאָס זײַנען אָרנטליכע לײַט. זײ האָבן געװאָלט האָבן די פּריװילעגיע צו האַנדלען. דער אויבערשטאַטהאַלטער זאָגט צו מיר: „אהרון, דאָס גײט ניט!“ זאָג איך: „איר זײט געװען אַזוי גנעדיג צו מיר, און די דאָזיגע זײַנען אַזוינע ערליכע לײַט און האָבן קאַפּיטאַל“. זאָגט ער: „מיט דיר איז געװען עפּעס אַנדערש. דו, אַלס קינסטלער, װאָס אין גאַנצן לאַנד איז אַזוינעם ניט צו געפֿינען, ברײנגסטו קײנעם קײן שאָדן נישט, אָבער סוחרים װעלן אַלעמען דערװידער זײַן. דאָך קאָנסטו פּראָבירן, איך בין ניט אַנט־קעגן“. איך בין אַרומגעלאָפֿן מיט ר׳ משהן צו אַלע רײכסראַטן: אײניגע זײַנען ניט געװען אַנטקעגן, אַנדערע האָבן אָבער גאָרניט געװאָלט הערן דערפֿון. פֿונדעסטװעגן האָבן מיר דערלאַנגט צום קיניג, אָבער זײ האָבן געקריגן אַן אָפּזאָג. דאָס האָט געדויערט אַ האַלב יאָר, אַז זײ זײַנען דאָ געװען. נו, איז בײַ זײ געבליבן אַװעקצופֿאָרן. אָבער איך און מײַן ברודער האָבן גערן געװאָלט זײ האָבן דאָ, דערהויפּט װײַל ר׳ אברהם פּ״ח האָט באַקומען אַ צוריקבריװ פֿונם מעקלענבורגער הערצאָג מיט אַ פּענסיע דרײַ הונדערט רײכסטאָלער אַלס הויפֿמעראַליער, מיט אומזיסט האָלץ און דירה; בכן איז בײַ אונז ניט געבליבן מער אַזױנע פֿײַנע לײַט. איך בין װידער געלאָפֿן צום אויבערשטאַטהאַלטער און דערציילט, אַז די לײַט װילן אָפּפֿאָרן, װײַל זײ האָבן באַקומען אַן אָפּזאָג. זאָגט דער אויבערשטאַטהאַלטער: „אויב דו װילסט זײ אַזױ שטאַרק האָבן, איז קאָנען זײ זײַן אויף דײַן פּריװילעגיע, אפשר װעט זיך שפּעטער מאַכן אַן אַנדער געלעגנהײט אין הויף“. מיר האָבן זײ אַװעקגעשיקט צונערעדט און צוגעזאָגט בײצושטײן מיט אַלעם מיגליכן,

ביז זיי האָבן זיך נעלאָזט איינרייזן. ר׳ אברהם מיט זיין פרוי און קינדער זיינען פון ראַנען אַוועקגעפאָרן צוריק קיין שווערין, נאָכדעם ווי זיי האָבן דאָ פאַרבראַכט צוויי יאָר. אַזוי ווי מיר האָבן זיך אָפּגעטיילט, איך און מיין ברודער און ר׳ אברהם, זיינען מיר געבליבן יעדער פאַר זיך.

ס׳איז געקומען אַהער ר׳ נומפּרעכט פון ביוצאָוו מיין פרויס אַ קוזין. ווען איך האָב געוואוינט אין ביוצאָוו, בין איך שטענדיג געווען חבר [שותפות] מיט ר׳ נומפּרעכטן אין סחורה, נעמליך: פערדערן, וואַקס, פעדער־פּאָזן. דער דאָזיגער נומפּרעכט זאָגט מיר: „איר ווערט פאַרשוואַרצט, איר אַרבעט, איר לויפט, נעמט מיך פאַר אַ חבר. איך פאַרלאַנג ניט קיין חלק פון אייער מלאכה, נאָר גיט מיר אייער סחורה אין חברותה, איך וועל פאַר אייך האַנדלען און אַלץ אַזוי גוט באַשטעלן, אַזוי ווי איר אַליין, און איר קאָנט רוהיג זיצן אויף דעם שטול און אָפּוואַרטן אייער אַרבעט“. מיין פרוי האָט מיר צוגערעדט, איך זאָל דערויף איינגיין: „ר׳ אברהם איז שוין נישטאָ, איז ווי קאָנסטו אַלץ אַליין טון?“ ר׳ נומפּרעכט האָט נאָך ניט געהאַט קיין פּריווילעגיע צו בלייבן דאָ. איך בין אַזויפיל אַרומגעלאָפן; דער אויבערשטאַטהאַלטער האָט דאָס ניט געוואָלט צוליב טון. איך האָב געמאַכט אַזאַ קונץ מיט באַראָן ווענעזאַק, כלומרשט האָט אים באַראָן ווענעזאַק אויסגעשריבן פאַר אַ רעסטיליאַטאָר בײַ דער בראַנפּנדירעקציע. אויך באַראָן ליליענקראַנץ האָט זיך אָנגענומען פאַר אים, ווייל דער באַראָן ווענעזאַק האָט אים פאַרשריבן. בכן האָט ער געקרינגן דאָס רעכט דאָ צו בלייבן. איך האָב אים צוגערעכנט מיין סחורה, וואָס איך האָב געהאַט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען. . .

ס׳איז געקומען אַהער צופאָרן אַ פּוילישער רב מיט רעקאָמענדאַציעס צו מיר. איך האָב אים דאָ צוגענומען אויף אַ יאָר. ר׳ מאַנעלע איז ווידער געקומען צופאָרן פון שווערין און האָט געבראַכט סחורה אַקעגן אַכט הונדערט רייכסטאָלער. די סחורה האָט מען אָפּגעלעגט אין פּאַקהויז. ער האָט מיר אויך מיטגעבראַכט אַ בריוו פון שווערין פון מיין ברודער אַברהם. ער האָט מיר געשריבן, אַז ער האָט געגעבן ר׳ מאַנעלען סחורה אויף קרעדיט פאַר דריי הונדערט טאָלער; ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ מאַנעלע האָט דאָ ניט דאָס רעכט צו האַנדלען. איך זאָל אים ניט שטערן. ר׳ מאַנעלע אָבער איז געווען אַ קלוגעטשקער, האָט ער מיר דעם בריוו באַלד ניט אָפּגעגעבן. ער איז נעגאַנגען אין פּאַקהויז צו פאַרצאָלן זיין סחורה, ער האָט געמיינט, אַז ער דאַרף מיך ניט האָבן. אָבער דאָרט האָט מען אים געזאָגט, אַז זאָל זיין ווער עס וויל און קומט אַהער מיט סחורה, איז קרינגט ער די סחורה ניט אַרויס, ס׳איז פאַרפאַלן. ער האָט זיך פאַררופן אויף מיר, אָבער דאָס האָט אים ניט געהאָלפן. דערפון איז דערגאַנגען ר׳ משה ליידערסדאָרף,

איז ער בֿאַלד נעקומען צולויפֿן צו מיר, דערציילט מיר די געשיכטע און זאָגט, מ'דאַרף אַזאַ שווינדלער רעכט אָנלערנען, ער מוז פֿאַרלירן זיין סחורה. ווי מיר שטייען אַזוי אוןריידן, קומט ר' מאַנעלע, האַלט אַ בריוו אין האַנט און זאָגט: „איך האָבֿ אַזויפֿיל געזוכט דעם בריוו, איך האָבֿ געמיינט, איך האָבֿ אים שוין פֿאַרלאָרן, נו, האָבֿ איך אים געפֿונען אין מיין קיפֿערט". ר' משה ליידערסדאָרף איז אַוועקגעגאַנגען. דערציילט ער מיר, וואָס אים האָט פּאַסירט. איך בין געווען בייז אויף אים, וואָס ער איז אַליין געגאַנגען. איצט, זאָג איך, איז דאָס אַ שווערע זאַך. זיינט ער פֿאַר מיר: ס'איז ניט זיין געלט, ער איז דאָס שולדיג אַנדערע. איך האָבֿ אים צוגעזאָגט צו טון דאָס בעסטע, און ער איז אַוועקגעגאַנגען. איך האָבֿ געוואָלט גיין צום אויבערשטאַטהאַלטער פֿרעגן בײַ אים, וואָס טוט מען אין אַזאַ פֿאַל. ר' משה האָט געלאָקערט אויף מיר, ער האָט מיך געטראָפֿן אין גאַס און זאָגט צו מיר: „איר וועט דעם שווינדלער ניט העלפֿן, ער זאָל אַרויסבאַקומען זיינע זאַכן, אַזאַ פֿאַרשוין דאַרף מען אַרויסטרייבן פֿון דאַנען". זאָג איך, ס'איז רעכט, ער זאָל דאָ ניט בלייבן אויך, אָבער די סחורה מוז איך זעהן צו ראַטעווען, ער האָט גענומען בײַ מיין ברודער אויף קרעדיט, דאָ האָבֿ איך מיין ברודערס בריוו. ער אָבער זאָגט: „מיר זיינען אַזוינע גוטע פֿריינט, אָבער איך שווער אייך, ווי מיר שטייען אונטערן הימל, אַז אויב איר וועט אים צוריקשאַפֿן די סחורה, וועלן מיר בלייבן אייביגע שונאים". זאָג איך אים, אַז איך וואָלט זיך אייביג ניט געריכט אויף אים אַזאַ שלעכטסקייט. ער אָבער האַלט זיך בײַ זיינס און זאָגט, אַז ער וועט קיינמאָל צו מיר ניט קומען. זאָג איך: „דערציילט דאָס פֿאַר אַ פֿרומען מענשן". ער איז אַוועקגעגאַנגען און האָט געהאַלטן וואָרט, ער איז געוואָרן מיין גרעסטער פֿיינט. וואָס ער האָט מיר נאָר געקאָנט שאַרן, האָט ער געטאָן. גוט, וואָס קיין סך האָט ער ניט געקאָנט טון.

איך בין געגאַנגען צום אויבערשטאַטהאַלטער און זאָג, אַז די דאָזיגע סחורה איז מיינע. דער מאַן, וואָס האָט זי מיר געבראַכט, איז פֿון מיין ברודער פֿון שווערין, ער איז געקומען מיט דערזועלבער שיף. האָבֿ איך אים געזאָגט, ער זאָל גיין אין פּאַקהויז און אָפּפֿאַרטינן דעם צאָל, אָבער דאָרט האָט מען אים געזאָגט, ער טאָר אָהער קיין סחורה ניט ברייננען, די סחורה איז פֿאַרפֿאַלן. ער האָט געזאָגט, דאָס איז אהרון איזאַקס סחורה, אָבער זיי האָבן געזאָגט: ס'העלפֿט ניט, די סחורה איז פֿאַרפֿאַלן. „האָסטו דען געמאַכט אַ מעלדונג?" — „ניין! איך ווייס גאָרנישט דערפֿון, איך האָבֿ קיינמאָל דורך דעם פּאַקהויז גאָרניט געקריגן". ער האָט מיר געלערנט, ווי אַזוי דאָס דאַרף געטאָן ווערן: „שרייבֿ זיך אונטער און גיי אַליין אַהין; אויבֿ קיין קאָנטראַבאַנד איז דאָרט ניטאָ, קאָנסטו גאָרניט פֿאַרלירן. אויבֿ זיי

װעלן דיר מאַכן קונצן, איז קום װידער צו מיר״. איך האָב געהאַט אַ
באַקאַנטן בוכהאַלטער, האָט ער מיר אָנגעשריבן די מעלדונג. איך בין
נעגאַנגען אין פּאַקהויז און געזאָגט, אַז איך האָב דאָ צו באַקומען סחורה,
װאָס איז אָנגעקומען מיט אַ װיסטאַרשן שיפער, און האָב זיי געװיזן די
מעלדונג. זאָגן זיי: דאָ איז געקומען אַ פרעמדער איר מיט דערזעלבער שיף
און האָט געזאָגט, ער װיל פאַרצאָלן די סחורה, קיין פרעמדער איר טאָר דאָ
ניט האַנדלען. זאָג איך, דאָס איז דערפאַר, װייל מיין ברודער האָט אים
אַהער געשיקט, ער זאָל באַ מיר דינען. איר קענט די פּאַקעטן, קאָנט איר
זיי פאַרצאָלן. איך האָב ניט געװאוסט, אַז דאָ מוז מען דערלאַנגען אַ מעל־
רונג, אין דייטשלאַנד פירט זיך ניט אַזוי. זיי האָבן גענומען די פּאַקעטן,
אַלץ נאכגעזעהן, ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט אָרנטליך לויט מיין מעלדונג,
און איך האָב באַקומען די סחורה אָהן פאַרדרייעניש. אָבער דער דער־
מאָנטער ר׳ משה האָט אויפגעהערט גיין צו מיר, בעת פריהער פלעגט גיט זיין
דער טאָג, ער זאָל ניט זיין באַ מיר. ער האָט אַפילו דעם רב אַזוי פיל
גערורפט מיט זיינע אָנהייגנער אייזיק פ״ח, ר׳ מורי משה כהן פון האַמבורג,
אַז ער האָט געמוזט אָפּפאָרן פון דאַנען, און מיר זיינען געבליבן אָהן אַ
רב. מיר זיינע געװען געװיס שוין איבער פערציג מאַנספאַרשוינען. אויך
ר׳ משה לײדערסדאָרפס ברודער זיסקינד איז געקומען אַהער, און ר׳ לייב
רעמיץ מיט זיין ברודער, אויך ר׳ קאָפּל יעקוב קלונג האָט דאָ חתונה
געהאַט. מיין ברודער מרדכי איז געפאָרן אויף לײפּציגער יריד און האָט
חתונה געהאַט אין שװערין מיט ר׳ שמואל פלױס טאָכטער און האָט געבראַכט
אַהער זיין שװער. מיין ברודער משה איז אויך אַהער געקומען.

לסוף האָט מען אָנגעהויבן ריידן, אַז דאָ װעט זיין אַ רייכסטאָג. איך
האָב שטענדיג געקלערט, מיר דאַרפן זעהן צו קריגן רעכט פון די רייכס־
שטאַנדן. נוטע פריינט פלעגן מיר זאָגן: „אייערע פּריװילעגיעס װעלן דאָ
גילטן אַזוי לאַנג, װי דער קיניג לעבט. זאָל אָבער דער קיניג שטאַרבן,
איז מענט איר זיך אַרויסװאַרפן פונם לאַנד״. איך האָב מיר מישב געװען
מיט מיין ברודער מרדכי, מיר זאָלן דערלאַנגען די רייכסשטאַנדן. זאָגט
מיין ברודער: „דו נעמסט אַלץ אויף זיך, קיין מענש דאַנקט דיר דערפאַר
ניט. דאָ איז פאַראַן ר׳ משה לײדערסדאָרף און זיין חבר ר׳ הירש, זיי
װילן גערן האָבן קיומים [װאוינרעכט]; לאָמיר זיי רופן און זיך מישב זיין מיט
זיי: אַזוי װי דאָ װעט פירקומען אַ רייכסטאָג, איז זאָלן מיר פּרובן, צי לאָזט
זיך ניט דערלאַנגען קיין רעכט אַזויװי אין אַנדערע מדינות, און דוקא פון
די רייכסשטאַנדן״. מיר האָבן ניט געקאָנט נעמען מער פאַר די דאָזיגע
פיר פערזאָן, די אַלע אַנדערע האָבן דאָ געליצבט אויף אונזער פּריװילעגיע.
איך זאָג: באַ אַזאַ זאַך דאַרף מען עפּעס איינשטעלן אויך, אַנדערש װעלן

מיר דאָס ניט דערלאַנגען. זאָגט ר׳ משה לײדערסדאָרף: „דרײַ הונדערט דוקאַטן מעגן מיר אײַנשטעלן, אויב ס׳לאָזט זיך דערלאַנגען; איך און מײַן חבר געבן די העלפֿט״. זאָג איך, איך נעם דאָס אויף זיך אויסריכטן מיט הונדערט דוקאַטן. מײַן ברודער און די אַנדערע צװײ זײַנען דערמיט געװען צופֿרידן. דער רײַכסטאָג איז געװען חודש יאַנואַר 1779. איך האָב געהאַט אַ סך גוטע פֿרײַנט, איך האָב אײַנגענומען, און קײנער פֿון די פֿיר שטאַנדן זײַנען ניט געװען דערװידער, חוץ דעם גלחים־שטאַנד. מיר האָבן געפּועלט, אַז אידן זאָלן מעגן װאױנען אין דער שװעדישער מדינה, אָבער ס׳זאָל אַרױסגעגעבן װערן אַ רעגלאַמענט, װאָס נאָך אים זאָלן זײ זיך פֿירן. דאָס האָט מיר געקאָסט מער פֿאַר הונדערט דוקאַטן. װען דאָס איז שױן געװען אָפּגעטאָן, האָב איך געמאָנט פֿון יעדן אײנעם צו פֿינף און צװאַנציק דוקאַטן, אַזױװי דאָס איז געװען אָפּגערעדט באַ אונז. אָבער ר׳ משה און ר׳ הירש האָבן געטענהט: „מיר האָבן געזאָגט, מיר װעלן געבן אונזער חלק, אָבער מ׳דאַרף דאָס באַרעכענען אויף אַלע אידן, װאָס געפֿינען זיך דאָ, װאָרום דאָס רעכט גילט פֿאַר אַלע אידן״. װי אַזױ האָב איך געקאָנט מאָנען באַ מײַנע מענטשן, װאָס האָבן געדינט באַ מיר? דער סוף איז געװען, אַז איך האָב באַ קײנעם גאָרניט געקריגן. מײַן ברודער מרדכי האָט מיר יאָ געװאָלט געבן פֿינף און צװאַנציק דוקאַטן, אָבער איך האָב ניט געװאָלט נעמען. איך האָב געװאָלט פֿופֿציק, װאָרום מיר בײדע האָבן דאָס אָנגעהױבן. דערװײַל איז מײַן ברודער געשטאָרבן, און איך האָב פֿון קײנעם קײן פּעניג ניט געקריגן.

ס׳איז אַרױס אַ פֿאַראָרדענונג, אַז װען אידן װילן קריגן קיומים, זאָלן זײ זיך מעלדן באַ דער קאָמערצקאָלעגיע ביז ס׳װעט אַרױס דער רעגלאַמענט. האָט יעדער אָנגעהױבן לױפֿן צו דער קאָמערצקאָלעגיע זיך לאָזן אײַנשרײַבן, כּדי צו מעגן פֿרײַ האַנדלען. איך האָב געהאַט אַ סך צרות פֿון מײַנע אײגענע לײַט, װאָס איך האָב אַהער אַרײַנגעבראַכט פֿון רחמנות װעגן. ר׳ משה לײדערסדאָרף האָט זײ גענומען אָגרײַצן אויף מיר: איצט זײַנען אַלע גלײַך, אהרון איזאַק איז נישט מער יחסן. דאָס איז געװען דערפֿאַר, װײַל איך בין דער פֿאָרשטײער באַם אױבערשטאַטהאַלטער. איך האָב זיך אָבער קײנמאָל ניט גענומען קײן אױבערהערשאַפֿט, איך האָב בלױז אײַנגעפֿירט אַן אָרדענונג אין דער שול, מיט קײנעם ניט געשאַפֿט. אַהער איז װידער געקומען ב. פֿון מאַלמע. ר׳ משה לײדערסדאָרף האָט געשלאָסן מיט אים באַקאַנטשאַפֿט. װאָס ער האָט זײ געטאָן אָדער געגעבן, דאָס װײס איך ניט. אָבער ב. האָט גענומען מיך רודפֿן. שיקט נאָך מיר דער אױבערשטאַטהאַלטער, איך זאָל צו אים קומען. קום איך, זאָגט ער: „אהרון, דו האָסט געזאָגט, דו האָסט מיר געגעבן הונדערט דוקאַטן,

אַז איך זאָל אײך אױספֿועלן רעכט בײַ די רײַכסשטאַנדן; איצט װילסטו די הונדערט דוקאַטן אױפֿמאָנען בײַ הינגע אירן. אױך האָסטו געזאָגט, דו האָסט דעם פּאָליצמײסטער אַ זײַרענעם שלאָפֿראָק געשײַנקט; איז דאָס אמת?" זאָג איך: „ס'איז ניט אמת, און װען איך זאָל אַזױנס זאָגן, װאָלט איך דאָס ניט געזאָגט פֿאַר אַזױנע מענשן, װאָס זײַנען מיר קײן גוטע פֿרײַנט ניט, װאָס װאָלן דאָס גײן אָפּטראָגן צו אײער עקסעלענץ. איך קאָן געבן אַ שבועה, אַז אײער עקסעלענץ איז ניט דערמאָנט געװאָרן. איך האָב פֿאַרלאַנגט פֿון מײַן ברודער און פֿון משה נאַטאַן און האַרטװיג יואל זײער חלק, אָבער, איך שװער אײך בײַ גאָט, קײנער האָט מיר קײן פֿעניג ניט געגעבן. זײ באַרײדן נאָר, װיסן װײסן זײ גאָרנישט". זאָגט ער: „דו ביסט דאָס װערט, דאָס האָסטו פֿאַר דײַן לױפֿן און בעטלען פֿאַר זײ, נעם דיר אַראָפּ דערפֿון אַ מוסר. דו ביסט אַן ערליכער מענש, אָבער דו ביסט צו גוט. מאָרגן אַרום עלף אַזײגער קום אין פּאָליצײ. איך גלױב, אַז משה נאַטאַן האָט דאָס געזאָגט, זאָל ער דאָס מיר מאָרגן זאָגן אין די אױגן".

איך בין געװען בײַ זיך זיכער, אַז איך האָב דאָס אים ניט געזאָגט. װען איך בין אױף מאָרגן געקומען אין פּאָליצײ און ס'האָט מיך אַרײַנגערופֿן, איז שױן ב. דאָרט געװען. פֿון דרױסן האָב איך שױן געהערט דעם פּאָליצמײסטער און דעם אױבערשטאַטהאַלטער אױפֿגערעגט רײדן. װי איך בין אַרײַנגעקומען, פֿרעגט דער פּאָליצמײסטער: „האָט דיר אהרון איזאַק אַזױנס געזאָגט". זאָגט ער: „אמת, ניט ער גופֿא, אָבער אַנדערע אידן". זאָגט דער אױבערשטאַטהאַלטער: „קערל, דו ביסט אָפּגעפֿאַלן פֿון אידן, װאָס האָסטו רעדן צו טון צװישן אידן? װי באַלד איך װעל װײטער הערן, אַז דו דרײסט זיך צװישן אידן, װעסטו האָבן צו געדײַנקען". דאָס איז געװען אַ עזות אַ יונג און האָט געװאָלט עפּענען דאָס מויל, אָבער דער אױבערשטאַטהאַלטער האָט די זאַך בעסער פֿאַרשטאַנען: ער האָט אים געגעבן אַ פּאָר רעכטע פּעטש און האָט אים געהײסן אַרױסװאַרפֿן און אַראָפּשלײדערן פֿון די טרעפּ. דערמיט איז די זאַך געװאָרן אױס.

ר' נומפֿרעכט האָט אַראָפּגעבראַכט אַהער זײַן פֿרױ און קינדער, זײ האָבן געהאַט אַ באַרינער יוסף פֿון שװאַן. ס'זײַנען געקומען אַהער צוריק אַ סך אַזױנע, װאָס פֿלעגן זיך דאָ אױפֿהאַלטן אַ שטיקל צײַט און צוריק אַװעקפֿאָרן.

איך פֿלעג פֿאָרן אַלע יאָר אױפֿן לײַפּציגער יריד. מײַנע קינדער זײַנען אונטערגעװאַקסן. מײַן זון נתנאל איז אַלט געװאָרן 16 יאָר, ער פֿלעגט אַרײַנגײן צום הערצאָג פֿרידריך, אַלס הױפֿליפֿעראַנט, ער איז געװען זעהר חשוב בײַ די גרעסטע הערן, האָט אױך געהאַנדלט מיט די פֿאָרנעמסטע דאַמען. מײַן טאָכטער איז שױן אַלט געװען 14 יאָר. אױף דער רײַזע

קיין לייפּציג בין איך געווען אין שווערין. דאָ איז געווען אַ פיינער בחור, ר׳ אייזיק פון רערנבורג ממשפחה הגונה, ער איז געווען זעקס יאָר בוכ־האַלטער בײַ דעם הויפּאַגענט. איך האָב זיך באַקענט מיט אים, זעהר אַ פיינער מאַן און געקאָנט אומגיין מיט מענשן. ער האָט מיר געפּרעגט, ווי גייט דאָס צו אין שווערן, ער האָט קיין חשק ניט צו בלייבן מער אין שווערין. איך האָב אים פאָרגעלעגט, אויב ער האָט חשק, זאָל ער פאָרן מיט מיר, ווען איך וועל זיך אומקערן; איך נעם אים מיט אָהן הוצאות קיין שטאָקהאָלם און אים באַהילפיג זיין מיט וואָס מיגליך. איך בין געווען איבער פּסח אין שווערין, וואָרום נאָך פּסח פלעג איך שטענדיג פאָרן מיט מיין ברודער צוזאַמען קיין לייפּציג. איך האָב זיך געטראָפן מיט ר׳ אליהו שווערין; ער האָט געוואוסט, אַז איך האָב אַ דערוואַקסן מיידל. פרעגט ער מיך, צי איך וואָלט מיטגענומען זיין זון ראובן קיין שטאָקהאָלם. דער ראָזינער זון האָט זיך שוין מיט איינעם האַנדל פאַרדינט פיר טויזנט טאָלער, און ווען ער זאָל זיך דאָרט איינאָרדענען, גיט ער אים נאָך צוויי טויזנט טאָלער, אַזוי גיט ער אַלע זיינע קינדער. זאָג איך, ווען איך וועל צוריקקומען, האָט ער תשובה. איך בין אַוועקגעפאָרן מיט מיין ברודער קיין לייפּציג. אונטערוועגס דערציייל איך אים, אַז איך האָב צוויי שדוכים פאַר מיין אסתר: איינער איז דער בחור ר׳ אייזיק, בוכהאַלטער בײַ ר׳ יוספן, דער אַנדערער איז ר׳ אליהוס זון ראובן. זאָגט מיין ברודער: „ווען דו ווילסט מיך פאָלגן, נאָך מיין געשמאַק, געפעלט מיר ר׳ אייזיק, כאָטש יענער האָט מער געלט, וואָרום דאָס געלט האָט ער נאָר פון קאַרג־שאַפט. ער האָט בײַ די עלטערן אומזיסט דירה, קעסט, קליידער; איז קיין קונץ ניט צו זאַמלען געלט. שטאַרק געשיקט איז ער ניט“. דאָס איז געווען פונקט צו געטראָפן צו מיין מיינונג. דער זעלבער ר׳ אייזיק האָט מיר אויך מיטגעגעבן קיין לייפּציג פינף הונדערט רייכסטאָלער, איך זאָל אים דערפאַר קויפן גאַלאַנטעריי, עטליכע גילדענע טאַבאַקפּושקעס, גיל־דענע זייגערלאַך און קנעפּלאַך. איך האָב אָפּגעטאָן זיין קאָמיסיע אַזוי גוט אַזוי ווי פאַר זיך. זיין בעל־הבית האָט ער געזאָגט, אַז ווען מיר וועלן קומען קיין שווערין, פאָרט ער מיט מיר קיין שטאָקהאָלם. אויפן וועג האָט ער זעהר ערנסט געהאַלטן מיטן שדוך, וואָרום ביידע צדדים האָבן שוין עטוואָס אָנגעמערקט. פאַראיאָרן שוין, ווען איך בין געווען אין שווערין, האָבן מיר געהאַט אָפּגערעדט, אַז ווען ער קומט קיין שטאָקהאָלם, און מיין טאָכטער געפעלט אים, און ער איר אויך, זאָל די זאַך געשען. זאָל אָבער איינעם פון זיי ניט געפעלן, מעג ער זיין זיכער, אַז ער וועט געניסן מיין נאָר אַנטקעגנקומען; אַלץ, מיט וואָס איך וועל אים קאָנען באַהילפיג זיין, וועט זיין געטאָן.

מיר זיינען געקומען אַהיים. ס'איז נאָך קיין אַכט טאָג ניט אַריבער, קומט צו מיר ר' אייזיק און פרעגט, צי וועלן מיר זיך ניט פאַרבינדן. זאָג איך: „איך האָב נאָך ניט גערערט מיט מיין טאָכטער; איך זעה, אַז דאָס מיידל געפעלט אייך, וועל איך איר אויך פרעגן". איך האָב אַריינגערופן מיין מיידל אַליין אין מיין אַרבעטצימער און פרעג זי: „ווי האַלטסטו פון דעם פרעמדן מענשן, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט?" זאָגט זי: „ווי עס שיינט, איז ער אַן אָרנטליכער מענש". זאָג איך צו איר: „געפעלט ער דיר, ווילסטו אים פאַר אַ חתן?" האָט דאָס מיידל אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען: „ליבער פאָטער, רערט מיט מיר ניט פון אַזוינע זאַכן, איך בין נאָך אַ קינד און גיי נאָך אין דער שול". זאָג איך: „דאָס איז ניט דיין זאָרג, איך פרעג דיר נאָר, צי געפעלט ער דיר". „ליבער פאָטער, איך בין נאָך צו יונג צו ענטפערן דאַרויף". און איז אַוועק. איך האָב געהאַלטן, אַז זי האָט געגוג געזאָגט. אין אַכט טאָג אַרום האָבן מיר זיך אָנגעהויבן גרייטן צום קנס־מאָל. איך האָב געהייסן מיין טאָכטער, זי זאָל אָנטון דאָס בעסטע קלייד, מיר וועלן מאַכן אַ קנס־מאָל. זי האָט זיך נאָך מער צעוויינט, אָבער מיין פרוי האָט איר צוגערערט, אַז זי וועט זיין אַ גליקליכע מיט אַזאַ געלערנטן, שיינעם, פיינעם חתן. מיר האָבן אָפּגעלעגט די חתונה אויף צוויי יאָר, וואָרום זי איז באמת געווען צו יונג. איך האָב געלערנט ר' אייזיקן מיין האַנדל און האָב אים געגעבן קעסט, ווי אַ חתן. מיין זון נתנאל פלעגט אָפּט גיין מיט אים צו מיינע קונדן, און ער האָט געהאַנדלט אין מיין נאָמען. אונטער דער צייט, וואָס ער איז געווען חתן, האָט ער זיך געמאַכט אַ היפּשן קאַפּיטאַל.

איך מוז דאָ דערמאָנען, אַז ווען איך בין געווען אין שווערין אויף מיין צוריקרייזע פונם לייפּציגער יריד, האָב איך דאָרטן געטראָפן מיין אַ שוועסטער־קינד ר' לייב בר' פנחס פון סטרעליץ. ער איז אַמאָל געווען אַ רייכער מאַן, אַ גרויסער למדן, ער האָט זיך צופיל אַריינגעלאָזט אין לומדות און איז געוואָרן רב אין פוילן. פוילן איז אים אָבער ניט געפעלן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות, צוריקגעקומען קיין סטרעליץ און האָט אויפגעגעסן זיין פאַרמעגן. ווען ער האָט מיר געטראָפן אין שווערין, זאָגט ער צו מיר: „מיר זיינען נוטע באַקאַנטע און קרובים, איר מוזט מיר העלפן און מאַכן פאַר רב אין שטאָקהאָלם". זאָג איך אים: מיר זיינען צו שוואַך פאַר אים, ער דאַרף אַ סך האָבן, און מיר זיינען סך־הכל פיר אָדער פינף בעלי־בתים, וואָס זיינען נושאי בעול [שטייערצאָלער]: איך, מיין ברודער, ר' דוד, ר' גומפּרעכט, ר' שמואל. זאָגט ער: „איך בין שוין ניט דאָס, וואָס אַמאָל, איך מוז לעבן בצמצום". זאָג איך: „איך וועל ריידן מיט מיינע לייט און וועל אייך פון שטאָקהאָלם תשובה געבן". אַלע שווערינער בעלי־בתים

זײַנען צו מיר צוגעשטאַנען, איך זאָל אים צונעמען. איך האָב אים געגעבן מײַן וואָרט. צוריקגעקומען אַהיים, האָב איך פֿאַרבעטן צו זיך אײניגע בעל־בתים און האָב זיי דערציילט וועגן רב, אויב זיי זײַנען דערמיט צופֿרידן, מוזן מיר אים אַ כתב־רבנות שיקן. אָבער דאָ זײַנען געווען אײניגע לײַט פֿאַרשריבן אויף אונזערע „פּריווילעגיעס", אַ רעכט לומפּנגעזינדל; האָבן זיי זיך צונויפֿגענומען אַ מאַן פֿופֿצען און האָבן אָנגעשריבן צו ר' לייב בר' פּנחס: זיי האָבן געהערט, אַז איך האָב אים אויפֿגענומען פֿאַר אַ רב און זיי האָב איך ניט געפֿרעגט, בכן זײַנען זיי ניט מסכּים. קײנער פֿון זיי האָט ניט געהאַט ניט קיין פֿאַרמעגן, ניט קיין קיומים, ניט קיין פֿרוי, ניט קיין קינד. דער רב האָט מיר איבערגעשיקט דעם בריוו, וואָס זיי האָבן אים געשריבן. ער האָט מיר צוגעשריבן, אַז ער קען קײנעם ניט פֿון די לײַט. איך האָב אים געענטפֿערט, פֿון דעם בריוו קאָן ער שוין פֿאַרשטיין, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ לײַט, אַ נידעריג געזינדל. ער איז געקומען אַהער און געוואָרן רב. איך האָב אים פֿירגעלעגט אומזיסט אַ יאָר דירה און קעסט, מײַן ברודער אויך אַ יאָר קעסט, ר' גומפּרעכט אויך אַ יאָר קעסט. ר' משה לײַדערסדאָרף, ר' משה כהן פֿון האַמבורג האָבן געזעהן, אַז זיי קאָנען מיט מיר גאָרניט מאַכן, האָבן זיי אָנגעהויבן חנפֿענען דעם רב: ס'שיקט זיך ניט, אַז אַ רב זאָל זײַן בײַ פּרעסטע מענשן. זאָל ער ברײַנגען אַהער זײַנע קינדער און פֿירן אַלײן אַ ווירטשאַפֿט, זיי וועלן ווערן מיט אים חברותה און בײַ אים עסן. ער איז שוין אָפּגעווען בײַ מיר אַ יאָר, ווען זײַנע צוויי טעכטער און אַ זון זײַנען אַהער געקומען, בכן האָט ער שוין ניט געקאָנט עסן ניט בײַ מײַן ברודער, ניט בײַ ר' גומפּרעכטן. ער האָט דאָס ניט געוואָלט, אָבער די אַרבע בנים האָבן אים פֿאַרפֿירט, אַז ער זאָל אין אַלצדינג זײַן קעגן מיר.

לסוף איז אַרויס אַ רעגלאַמענט פֿונם מאַגיסטראַט. דער אויבערשטאַטהאַלטער האָט נאָך מיר געשיקט, איך זאָל צו אים קומען, און האָט מיר איבערגעלייענט, וואָס דער מאַגיסטראַט האָט אים צוגעשיקט אונטערצושרײַבן. דאָס איז געווען גרויס רשעות: האַנדלען מעגן מיר ניט אַנדערש, נאָר מיט אַלטע קליידער, קיין קראָם טאָרן מיר ניט האַלטן, וואוינען זאָלן מיר אַלע אויף קונגסהאָלם, אָבער ניט בײַ קיין קריסט אין הויז, מיר טאָרן ניט האָבן קיין מלאכה, מיר טאָרן קיין קריסטליכע דינערשאַפֿט ניט האַלטן. יעדער איד זאָל טראָגן אויפֿן הוט אַ וואָלענעם געלן באַנד, הכלל: פֿאַרבאָטן אַלע באַשעפֿטיגונגען און וועהר נידעריג באַהאַנדלט. דער אויבערשטאַטהאַלטער האָט זיי געלאָזט זאָגן, זאָל דאָס דער קיניג אונטערשרײַבן. דאָס איז אַזוי ווילד, אַז בעסער וואָלטן זיי [אונז] אַלעמען אַרויסגעטריבן. איך וועל דאָס אַלײן דעם קיניג איבערגעבן, זיי זאָלן מער פֿאַר אירן קיין רעגלאַמענט ניט מאַכן. דער קיניג האָט דאָס אָפּגעשיקט צו דער קאָמערצ־

קאָלעגיע, זיי האָבן געמאַכט אַ רעגלאַמענט און האָבן דאָס געשיקט דעם קיניג אונטערשרייבן. אָבער דער קיניג האָט דאָס ניט אונטערגעשריבן, ער האָט דאָס מיר צוגעשיקט, איך זאָל דאָס באַטראַכטן, צי מ׳דאַרף דאָס ניט קאָרעגירן. דאָ איז געווען מער ווי צופיל צו קאָרעגירן. איך האָב דערלאַנגט אַ שריפט, וואָס איך האָב קעגן דעם. האָט מען ווידער געמאַכט אַ נייעם רעגלאַמענט און דערלאַנגט דעם קיניג. דער קיניג האָט דאָס מיר ווידער צוגעשיקט, איך זאָל דאָס קאָרעגירן. ס׳איז שוין געווען אַ סך געענדערט, אָבער נאָך ניט אַלץ. איך האָב נאָך אַמאָל געמאַכט באַמערקונגען, אָבער זיי האָבן דאָס ניט אויסגעבעסערט, דער קיניג איז ניט געווען אין דערהיים, ער איז געווען אָפּגעפאָרן. די גאַנצע קאָמערצקאָלעגיע האָט דאָס אונטערגעשריבן און האָט נאָך מיר געשיקט. ווי איך בין געקומען, האָבן זיי מיר פֿירגעלייענט דעם רעגלאַמענט; ער איז געווען ערגער פֿאַר דעם פֿריהערדיגן און איז געווען אונטערגעשריבן דעם 27 מאַי 1782. ווי זיי האָבן דאָס איבערגעלייענט, זאָגן זיי, איך זאָל דאָס אויסלייזן פֿאַר צוויי הונדערט פּלאַטן. ענטפֿער איך, איך וויל דאָס ניט האָבן אַפֿילו געשיינקט, בפֿרט נאָך צאָלן דערפֿאַר געלט. זאָגן זיי: אָבער שטעמפּל־שטייער קאָסט אַזוי פֿיל, און ווען איך לייז דאָס היינט ניט אויס, וועל איך מאָרגן האָבן אַן עקזעקוציע. איך בין געגאַנגען צום אויבערשטאַטהאַלטער און דערציילט דאָס אַלץ. זאָגט ער: „דו זאָלסט קיין פֿעניג דערפֿאַר ניט באַצאָלן. האָבן זיי דאָס אַזוי פֿיל שטעמפּל־געלט געשטעלט, איז זאָלן זיי באַצאָלן אויך“. ער האָט געשיקט דעם פּאָליצמייסטער צו דער קאָמערצקאָלעגיע, זיי זאָלן אים צושיקן דעם רעגלאַמענט, און זיי האָבן געפֿאָלגט. בכן האָב איך דערפֿאַר קיין פֿעניג ניט באַצאָלט. אָבער איך זאָג דעם אויבערשטאַטהאַלטער, ס׳איז ניט מיגליך צו לעבן נאָך אַזאַ רעגלאַמענט. זאָגט ער: „איך וועל אייך, אידן, שיקן אַלע רופֿן און אייך דעם רעגלאַמענט צוריסן געבן, וואָרום אָפּשאַפֿן קאָן איך אים ניט, אָבער וואָס איך וועל אייך קאָנען פֿאַרקוקן, וועל איך גערן טון. איר דאַרפֿט אויך געדיינקען, אַז איר זייט דאָ פֿרעמדע און קוים זיך אַריינגעשפּאַרט. ווען איר וועט דאָ אָפּזיין אַ געוויסע צייט, און מענשן וועלן זיך צו אייך צוגעוויינען, ווערט דאָס אַנדערש, און מיט דער צייט קאָן מען אַ סך דערפֿון ענדערן, אָבער איצט איז נאָך צו פֿריה“. מ׳האָט אונז טאַקע געשיקט רופֿן אין פּאָליציי און אונז פֿירגעלייענט דעם רעגלאַמענט. נאָכדעם זיינען מיר זיך צונויפֿגעקומען; דער רב האָט אונז געמאַכט תּקנות, און מיר האָבן זיי אונטערגעשריבן. איך האָב געזאָגט, אַז מ׳מוז די תּקנות מעלדן דעם אויבערשטאַטהאַלטער, ער זאָל זיי באַשטעטיגן, און אַזוי איז דאָס געשען אויך. איך בין געווען אַזוי חשוב, אַז ווען אַ אידן האָט מען אָנגעקלאָגט, ער האָט

עפּעס אַ לאָרעניש מיט אַ שװער, פּלעגט מען מיך שיקן רופֿן, און איך האָב געדאַרפֿט מאַכן די פּשרה.

ס׳זײַנען געקומען אַהער צװײ יונגען פֿון שטראַלזונד און האָבן זיך געמעלדעט בײַ פּאָליצײ: זײ װילן זיך דאָ נעמען פּריװילעגיעס. לויט דעם רעגלאַמענט האָבן זײ געהאַט רעכט צו בלײַבן דאָ צװײ חדשים און זיך באַטראַכטן, פֿאַר װאָס װעלן זײ זיך נעמען. זײַנען זײ אַרומגעגאַנגען איבער שטאָט, גענומען בײַ לײַט זאַכן אויף קאָמיסיע, װאו נאָר זײ האָבן געקאָנט עפּעס קריגן. בײַ אַ שפּילפֿאַבריקאַנט פֿאַר הונדערט רײַכסטאָלער, בײַ סוחרים, בײַ אַלע קלאַסן מענשן, אַפֿילו בײַם אויבערשטאַטהאַלטערס יעגער, זײַן װײַנער אויף קאָמיסיע און אַ סך אַנדערע װײַגערס. זײ האָבן זיך פֿײַן געקלײדט, פֿאַרנומען אַ שײנע דירה, אָבער זי פּלעגן פֿאַרברײַנגען אין שלעכטע הײַזער. זײ זײַנען דאָ געװען אַקעגן דרײַ חדשים און זײ האָבן געמאַכט חובֿות אויף טויזנט רײַכסטאָלער, ר. ה. אַלץ, װאָס זײ האָבן גענומען אויף קאָמיסיע. מ׳האָט זײ צוגעקלאָגט צו פּאָליצײ, מיך האָט מען אויך געשיקט רופֿן, דאָ זײַנען געװען געװיס צען מענשן, װאָס האָבן בײַ זײ געמאָנט דאָס, װאָס מ׳האָט גענומען בײַ זײ אויף קאָמיסיע. אַקעגן פֿיר הונדערט רײַכסטאָלער תּביעות זײַנען פֿאַרשריבן געװאָרן אין פּראָטאָקאָל. מ׳פֿרעגט זײ, װאו האָבן זײ אַהינגעטאָן די זאַכן, זאָגן זײ, זײ האָבן זײ פֿאַרבאָרגט און געדענקען ניט װעמען. מ׳האָט געשיקט אויף זײער קװאַרטיר, מ׳האָט אָבער גאָרניט געפֿונען, חוץ אײניגע קלײדונגשטיק, אַ שלאָפֿראָק, שיך, שטיװל. דער שפּילפֿאַבריקאַנט איז באַשטאַנען דערויף, מ׳זאָל זײ אַרעסטירן ביז מ׳װעט דערגײן, װאו זײ האָבן די זאַכן און װאו האָבן זײ זײ פֿאַרבאָרגט אָדער פֿאַרזעצט. מ׳האָט זײ אַרעסטירט און מ׳האָט געהײסן די קרעדיטאָרן אין דרײַ טאָג אַרום װידער קומען. זײ זײַנען געקומען, מיך האָט מען װידער געשיקט רופֿן. איך האָב זיך דערשראָקן, צוזעהענדיג, װאָס פֿאַר אַ מענגע מענשן האָבן געמאָנט בײַ זײ. מ׳האָט דאָס אַלץ פֿאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל, ס׳האָט אָנגעטראָפֿן אַקעגן טויזנט רײַכסטאָלער. זײ האָבן מודה געװען יעדן, װאָס אײנער האָט געמאָנט בײַ זײ, װאָס פֿאַר אַ זאַכן זײ האָבן פֿאַרזעצט, װען זײ האָבן ניט פֿאַרקױפֿט. ס׳זײַנען דאָ געשטאַנען אָרעמע לײַט, װײַבער האָבן געװײנט. דער פּאָליצמײַסטער זאָגט: „איך קאָן אײַך ניט העלפֿן, פֿאַרװאָס געטרויט איר אַזעלכע מענשן? מאָרגן װעט איר באַקומען ענטפֿער“. דער ענטפֿער איז געװען, אַז בײדע ברידער זאָלן קריגן צו צװעלף־פֿאַר ריטער יעדערער. איך האָב זיך פֿאַר זײ ניט געקאָנט אָננעמען, און זײ האָבן דאָס ניט פֿאַרדינט אויך, דאָס איז געװען ניט קײן אידן, ניט קײן קריסטן. מ׳האָט זײ צוריק אַװעקגעפֿירט אין אַרעסטהויז. איך בין געגאַנגען צום אויבערשטאַטהאַלטער, איך האָב זעהר ניט

געוואָלט האָבן דעם ספּעקטאַקל, אַז אידן זאָלן קריגן ריטער. איך זאָג דעם אויבערשטאַטהאַלטער: די צוויי שווינדלער האָבן אָרנטליך פֿאַרדינט זייער פּסק, אָבער אונז וועט זײַן אַ חרפּה פֿאַרן גאָרן לאַנד, וואָרום אויסער שטאָקהאָלם וועט מען זאָגן: שטאָקהאָלמער אידן האָבן געקריגן ריטער. צי קאָן מען ניט ענדערן די שטראָף, אַז ס'זאָל צוגיין אין דער שטיל? זאָגט ער: „ניין, וואָרום די קרעדיטאָרן באַשטייען דערויף, אַז זיי זאָלן עפֿנטליך באַשטראָפֿט ווערן. איך וועל דיר אַן עצה געבן: באַצאָל פֿאַר די שווינדלער, וועלן די קרעדיטאָרן צופֿרידן זײַן. אויב דו ווילסט באמת אײַנשטעלן הונדערט רײַכסטאָלער, וועט מען לאָזן זאָגן די קרעדיטאָרן, אַז אין אַזאַ מאָס קאָנען זיי באַפֿרידיגט ווערן; דעמאָלט לאָזט זיך די שטראָף פֿאַרענדערן אויף ברויט מיט וואַסער". זאָג איך: צוואַנציג רײַכסטאָלער וואָלט איך גערן אײַנגעשטעלט. ער האָט געשיקט רופֿן דעם פּאָליצמײַסטער און האָט אים דערציילט מײַן פֿאַרלאַנג. ער איז ניט געווען דערווידער. מ'האָט געשיקט רופֿן אַלע קרעדיטאָרן, דער פּאָליצמײַסטער האָט זיי פֿירגעשטעלט, אַז איך וויל ניט האָבן, ס'זאָל זאָגן, אַז שטאָקהאָלמער אידן האָבן געקריגן ריטער. די שטראָף זאָל זיי געענדערט ווערן אויף ברויט מיט וואַסער, וואָס איז באמת ערגער פֿאַר די ריטער, און דערפֿאַר וויל איזאַק געבן עלום צוואַנציג רײַכסטאָלער. זיי אָבער האָבן געזאָגט: דאָס איז צו ווייניג, איך זאָל געבן כאָטש הונדערט רײַכסטאָלער, דאָס איז שוין עפּעס, אָבער צוואַנציג רײַכסטאָלער, וואָס פֿאַר אַ באַטרעף איז דאָס פֿאַר אַלעמען? דאָ האָט דער פּאָליצמײַסטער גענומען דאָס וואָרט און פֿרעגט, אויב זיי אַלע און איך וועלן צופֿרידן זײַן מיט זײַן פּסק. זאָגן זיי אַלע, אַז זיי וועלן זיך צופֿרידנשטעלן מיט זײַן פּסק. פֿרעגט ער מיך, צי איך וועל זײַן צופֿרידן. זאָג איך, אויב זיי זײַנען צופֿרידן, בין איך אויך. זאָגט ער, איך זאָל געבן עלום הונדערט פֿלאָטן. איך בין געווען זעהר צופֿרידן און האָב באַלד באַצאָלט דאָס געלט. זיי האָבן נאָך מיר שטאַרק אָנגעדאַנקט. זיי האָבן באַקומען זייער פּסק: ברויט מיט וואַסער קוים דורכצוהאַלטן, און אויב זיי וועלן דאָס אויסהאַלטן, זאָלן זיי פֿאַרטריבן ווערן פֿונם לאַנד. מ'האָט אַרײַנגערופֿן דעם וואַכטמײַסטער און מ'האָט שטרײַנג פֿאַרזאָגט, ער וועט קריגן לײַבשטראָף, אויב מ'וועט דערגיין, אַז מ'וועט זיי עפּעס דערלאַנגען. אַלע טאָג זאָלן קומען מענטשן דרײַ מאָל וויזיטירן און אַכטונג געבן, ס'זאָל זיי גאָרניט ברײַנגען. ווי זיי זײַנען אָפּגעזעסן אַכט טאָג, האָבן זיי געשיקט נאָך אַ שווערישן פּאַסטאָר. ער איז געקומען צו זיי; זאָגן זיי אים, אַז זיי ווילן זיך שמדן; זיי האָבן געמיינט אַזוי־אַרום פֿרײַ ווערן. דער פּאַסטאָר האָט זיי צוגעזאָגט טון, וואָס ער וועט קאָנען. דער וואַכטמײַסטער איז געשטאַנען דערבײַ, ער האָט אים ניט געוואָלט לאָזן מיט זיי אויג אויף אויג.

ער איז געקומען צו מיר און דערציילט מיר די מעשה. איך בין געגאַנגען צום אויבערשטאָטהאַלטער און דאָס אים איבערדערציילט. ער האָט באַלד געשיקט נאָכן װאַכטמייסטער און זאָגט צו אים, אויב דער פּאָסטאָר װעט װידערקומען און װעט װעלן מיט זיי ריידן, זאָל ער אים ניט אַריינלאָזן, איך הייס אַזוי. פריהער זאָלן זיי אָפּקומען זייער שטראָף, נאָכדעם מעגן זיי זיך טויפן. דעם פּאַסטאָר האָט מען מער צו זיי ניט צוגעלאָזט. ס'איז אַריבער דרייסיג טאָג, איז שוין אויף מאָרגן געשטאַנען אַ װאָגן, מ'האָט די ביידע אַרויפגעזעצט אין האַנטקייטן און אַרויסגעשטעלט פונם לאַגר קיין אושטאַט. פון אושטאַט האָט מען זיי אויף אַ פּאָסט־שיף צוגעשטעלט קיין שטראַלזונד. דאָ זיינען זיי װידער געװען בײַ זייערע עלטערן. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, האָבן זיי װידער געמאַכט שװינדלערייען, און זיינען װידער פאַרטריבן געװאָרן. זיי זיינען געקומען קיין שװערין און האָבן זיך דאָ געלאָזט טויפן. דאָ זיינען זיי קיין יאָר ניט אויסגעזעסן, האָבן װייטער געשװינדלט, ביז מ'האָט זיי אַריינגעזעצט אין דער פעסטונג דעמיץ.

דאָ איז געװען אַ איד, האָט ער אָפּגעקויפט בײַ אַ בעל־מלאכה־איינגל, װאָס איז געװען בײַ זיין מייסטער אַ סך יאָר און האָט אים לסוף באַגנבעט, אַכצען שטיק זילבערנע עסלעפל, צװעלף טיילעפעלאַך, אַ צוקערפּושקע און אַנדער זילבער אויף אַריבער הונדערט זיבעציג רייכסטאַלער די װערט. פאַר דאָס גאַנצע זילבער האָט דער יונג געקריגן בײַם אידן אַכצען רייכסטאַלער און אַן אַלט זילבערן זײַגערל. דעם גנב האָט מען געכאַפּט, און ער האָט באַלד מודה געװען. מ'האָט אים געבראַכט אין פּאָליציי. ער האָט אויסגעזאָגט, אַז ער האָט דערפאַר געקריגן דאָס זײַגערל און אַכצען רייכסטאַלער. מ'האָט דעם אידן געשיקט רופן אין פּאָליציי, מיך אויך. פרעגט מען דעם חמעװאַטן גנב: „צי איז דאָס דער מאַן, װאָס דו האָסט געזאָגט, דו האָסט אים פאַרקויפט דאָס זילבער?" זאָגט ער: „יאָ". אָבער יענער לייקנט אַלץ, ער האָט אים קיינמאָל ניט געזעהן. דער מייסטער איז דאָ אויך געװען. דער גנב זאָגט: „האָט איר מיר ניט געגעבן דערפאַר אַכצען רייכסטאַלער און דאָס דאָזיגע זילבערנע זײַגערל? איך האָב אים אויך געזאָגט, אַז מיין מייסטערס נאָמען שטייט דאָרויף, ער זאָל דאָס אין זינען האָבן. האָט איר מיר ניט געענטפערט, אַז איר װעט דאָס צעשמעלצן?" אָבער דער איד האָט אַלץ געלייקנט. מ'האָט מיר געגעבן דאָס זײַגערל, איך זאָל דערנײַן צװישן אונזערע אידן, צי דערקענט דאָס ניט עמיצער. איך האָב צונויפגערופן די אידן אין שול אַרײַן, אָבער קיינער האָט דאָס ניט דערקענט. דער סוף איז געװען, דער גנב האָט געקריגן זיין פּסק, ער איז געבליבן בײַ זיינס, אַז דער איד האָט בײַ אים געקויפט דאָס זילבער. זיי האָבן געװאָלט, אַז מ'זאָל דעם אידן אַרעסטירן. איך האָב געבעטן דעם אויבערשטאָטהאַלטער, ער

װאָל אונז ניט מאַכן קײן סקאַנדאַל. קײן באַװײַז איז אויך ניטאָ, און װער ס'ננבעט, דער קאָן זאָגן אַ לינן אויך. ס'האָט דעם אידן געלאָזט פֿרײַ. אַ סך אַזױנע קלײנינקײטן האָב איך פֿאַרגלעט, ניט אַלע קאָן איך דאָ דער־מאָנען, װאָרום דער אויבערשטאַטהאַלטער איז געװען זעהר אַ גוטער מענש און גוט צו יערן אײנעם. דערהויפּט האָט ער געהאַלטן פֿון מיר, װײל יערע צײַט האָט ער געזעהן, אַז איך בין אויפֿריכטיג. אָבער איך בין אויסגע־שטאַנען געגוג קנאה פֿון אונזערע לײַט; בײַ דער גאַנצער מיה און אַרבעט, װאָס איך האָב שטענדיג געהאַט, אַלס פֿאָרשטײער, זײַנען זײ מײַסטנס געװען פֿאַלש צו מיר בײַ קהל אַלס פּרנס; זײ האָבן מיר געטאָן דערװידער אין אַלע זאַכן, װאָס ס'פֿלעגט פֿירקומען. איך האָב זיך געטראַכט, ס'קאָסט מיר אַזױפֿיל מיה און צײַט פֿאַרלירן און הוצאות, און איך האָב דערפֿון גאָרנישט, חוץ פֿאַרדראָס. בין איך געגאַנגען צום אויבערשטאַטהאַלטער און געזאָגט, איך קאָן דאָס שוין מער ניט אויסהאַלטן אַלס פֿאָרשטײער. איך האָב גענוג אײגענע געשעפֿטן און אַרבעט, דערצו נאָך האָב איך אַ סך פֿאַרדראָס פֿון שלעכטע מענשן. זאָגט ער צו מיר: „מײנסטו דען, אַז דער פֿאָרשטײער איז נאָר פֿאַר אײך, איך דאַרף אים אויך האָבן אַלס עקספּערט, װען איך האָב דאָס נויטיג. איך קאָן ניט נעמען דערצו אַבי װעמען". בכן זאָל איך בלײַבן פֿאָרשטײער, און װער ס'װעט זײַן קעגן מיר, זאָל איך אים זאָגן. אָבער איך האָב געטענעט, איך קאָן דאָס מער ניט אויס־האַלטן, איך װעל קראַנק װערן פֿון פֿאַרדראָס. זאָגט ער: „איך װעל אײך אַלע שיקן רופֿן אין פּאָליצײ". מ'האָט אונז צונויפֿגערופֿן. דער אויבער־שטאַטהאַלטער איז אויך געקומען. זאָג איך, אַז איך קאָן מער ניט בלײַבן קײן פֿאָרשטײער. פֿרעגט ער די קהלה, װעמען װילן זײ אויסקלײַבן דערצו. אָבער קײנער ענטפֿערט ניט. זאָגט ער צו מיר: „װער האָט נאָך דיר די פּריװילעגיע געקריגן?" זאָג איך: „נומפֿרעכט הירש, אָט איז ער". זאָגט דער אויבערשטאַטהאַלטער, זאָל ער זײַן פֿאָרשטײער אַ יאָר, נאָכדעם זאָל מען אויסקלײַבן אַן אַנדערן. זײ זײַנען געװאָרן שטאַרק בײז אויף מיר, זײ האָבן געמײנט, אַז איך האָב דאָס אָנגעשטעלט. בקיצור, איך האָב געװאָלט פּטור װערן פֿונם גאַנצן פֿאַרדראָס, האָב איך מיר געמאַכט בײַ זיך אין הויז אַ מנין, און האָב חוץ דעם געצאָלט דער קהלה אַלץ, װאָס ס'האָט אָנגעטראָפֿן אויף מײַן חלק, אַבי ניט האָבן קײן ערגערניש.

מײַן זון איז געװען חשוב בײַם קיניג, ער האָט געקריגן די שטעל פֿון הויפֿיובֿעליר. דער קיניג, װען ער האָט געװאָלט קויפֿן עפּעס פֿון אונזער סחורה, פֿלעגט ער אַלײן קומען צו מיר און קויפֿן. װען איך פֿלעג אים זעהן גײן דורכן פֿענסטער, פֿלעג איך אים אַקעגנגײן. ער פֿלעגט באַלד פֿרעגן: איז דער יונגער אהרון ניט צו הויז? פֿלעגט ער באַלד אַװעקגײן, ער האָט

געוואָלט האַנדלען נאָר מיט אים. ער איז געווען זעהר חשוב בּאַם גנעדיגן קיניג. דערווייל האָבּ איך געלעבּט רוהיג, ניט געהאַט קיין פאַרדראָס פון אונזער קהלה. אונזער קיניג איז אַוועקגעפאָרן. סוחרים יוּוועלירער און הוטשטאָפירער האָבּן זיך צוגויפגערערט און האָבּן אויסגעריכט קעגן מיר אַ גרויסן אָנקלאָג, אַז נאָר איך אַליין האָבּ דאָס רעכט צו שיקן מענשן איבּערן לאַנד מיט גאַלאַנטעריי־סחורה. זיי האָבּן מיך אָנגעקלאָגט, אַז דאָס איז קעגן שווערישע רעכט שיקן מענשן איבּער לאַנד, דערצו זאָל איך האָבּן שלעכט גאָלד אין מיין סחורה, און אירן האָבּן אַ רעגלאַמענט, וואָס נאָך אים נאָך זאָל איך זיך פירן אַזוי ווי אַנדערע אירן, בּכן האָבּ איך אויך ניט מער רעכט. צו אַלע לאַנד־בּאַאַמטע אין דער גאָרער מדינה איז געשיקט געוואָרן אַן אָרדער: וואו מ'וועט נאָר טרעפן וועמען פון מיינע לייט, זאָל מען אים פאַרחתמענען די סחורה, אָפּנעמען בּאַ אים דעם פּאַס, אַרויסגענעבּן פון דער קאַנצעלאַריע, מיט אַלע פרייהייטן, און אים געבּן אַ נייעם פּאַס אויף צו פאָרן צוריק קיין שטאָקהאָלם. אַזוי איז דאָס געשען אויך: מיינע לייט האָבּן זיך אומגעקערט אַהיים. לסוף איז דער קיניג צוריקגעקומען. מיין זון נתנאל האָט זיך געלאָזט מאַכן אַ שריפט און איז אַליין געגאַנגען צום קיניג. איך און מיינע דריי קינדער, יעדער אויסגערעכנט בּאַ זיין נאָמען, האָבּן געקריגן פריווילעגיעס מיט אַלע רעכט, וואָס מ'האָט נאָר געקאָנט בּאַגערן. די פריווילעגיע איז געווען אויסגעשטעלט דעם 8 מערץ 1785.

איך האָבּ איינמאָל געשיקט מיין זון אויף לייפּציגער יריד איינקויפן סחורה, ווייל איך בּין געווען ניט מיט אַלעמען. אָבּער ער איז נאָך געווען צו יונג, איך האָבּ זיך ניט געקאָנט אויף אים זיכער פאַרלאָזן; האָבּ איך געבּעטן מיין בּרודער אברהם אין שווערין, וואָס איז אויך געפאָרן קיין לייפּציג, ער זאָל אויף אים אַכטונג געבּן, מ'זאָל אים ניט אָפּנאַרן. אָבּער איך בּין געווען זעהר צופרידן מיט זיין איינקויף, ער האָט געהאַט אַ גוטן געשמאַק און האָט גוט געקויפט, אָבּער די הוצאות זיינען געווען טאָפּלט אַזויפיל, ווי בּאַ מיר. ער איז געווען זעהר אַ געראָטענער. מיין בּרודער איז געווען זעהר פאַרליבּט אין אים, ער האָט אים זעהר געוואָלט האָבּן פאַר אַן איידעם, כאָטש זיין טאָכטער איז ערשט 13 יאָר אַלט געווען. ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל ניט חתונה האָבּן מיט אַן אַנדערער, האָט ער וועגן דעם געשריבּן צו מיר. איך האָבּ דאָס פירגעשטעלט מיין זון, אָבּער ער האָט ניט גע־טראַכט דערפון: „איך בּין נאָך צו יונג", האָט ער געזאָגט. מיין יונגסטער זון גבריאל איז אויך געווען זעהר אַ געשיקטער יונג און זעהר אַ געזעצטער פאַר זיינע יאָרן, אָבּער אַ גרויסער ליבּהאָבּער פון טאַנצן. אין טאַנצן איז ער געווען אַזוי געשיקט, אַזוי ווי אַ גרויסער טאַנצמייסטער. איינמאָל האָט ער זיך אַזוי האַסטיג צעטאַנצט, אַז ער האָט זיך פאַרקילט און האָט אָנגע־

הויבן הוסטן. פינף יאָר האָט ער געקרייַנקט, צום סוף האָט ער געקרינגן שווינדזוכט און איז געשטאָרבן, קוים 19 יאָר אַלט. אַלע האָבן אים באַקלאָגט, ער איז געווען אַזוי גוט, האָט רחמנות געהאַט אויף מענשן, האָט אַ סך גוטס געטאָן אָרעמע, ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט. דאָס אַנדערע יאָר נאָך דעם בין איך געפאָרן מיט מיין זון נתנאל אויף לייפּציגער יריד מיט מיין ברודער פון שווערין צוזאַמען. ער האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט, איך זאָל אים נאָר צוזאָגן, אַז איך וועל אַרויסרופן מיכאַעלי און מאַכן חתונה. איך בין אַרויסגעפאָרן מיט מיין טאָכטער און מיין זון. מיין זון האָט נאָך ניט געהאַט ניט פאַר דער כלה, ניט פאַר זיך גופא, וואָס ער האָט נויטיג געהאַט און האָט דאָס דאָ ניט געקאָנט קריגן. דאָס איז געווען קורץ פאַר דער חתונה. ער האָט זיך פּירגענומען צופאָרן קיין האַמבורג מיט דער פּאָסט, אין פיר טאָג אַרום זאָל ער צוריקקומען. ער איז געפאָרן אַהין און צוריק, אָבער צוריקוועגס האָט ער געהאַט אַזאַ שטאַרקן רעגן, דערצו נאָך איז דאָס געווען אויף אָפענער פּאָסט און גרינג געקליידט איז ער אויך געווען, אַז ער האָט געקריגן דאָס קאַלטע פיבער און איז געקומען אַהיים קראַנקערהייט. די דאָזיגע דרייצען מייל הין און צוריק האָבן אים דאָס לעבן פאַרקירצט. מיר האָבן געמאַכט חתונה, אָבער פון דעמאָלט אָן האָט ער באַשטענדיג געהאַט פיבער און האָט געלעבט סך־הכל אַ יאָר נאָך דעם. דערווייל זיינען מיר געפאָרן אַהיים מיט דער יונגער פרוי, מיט מיין זון און טאָכטער.

איך מוז נאָך דאָ דערמאָנען, אַז אַ יאָר פריהער, איידער איך בין געפאָרן מיט מיין זון קיין לייפּציג, האָט גראַף מונק באַשטעלט בייַ מיר איינינע בריליאַנטן פון שווערער וואָג בערך אויף צען טויזנט רייכסטאָלער. איך האָב זיי געקויפט אין לייפּציג, און ווי מיר זיינען געקומען אַהיים, איז מיין זון אַרויפגעגאַנגען מיט די שטיינער צו גראַף מונק און האָט זיי אים געוויזן. ער איז געווען צופרידן מיט די דאָזיגע בריליאַנטן, ער האָט געזאָגט, די שטיינער זיינען אַזוי גוט, ווי ער האָט זיי פאַרלאַנגט. וואָס זאָלן זיי קאָסטן? מיר האָבן געשטעלט די פּרייז פאַר יעדן שטיין באַזונדער. זאָגט ער צו מיין זון: „איך מוז זיי וויַזן דער קיניגן, מאָרגן וועט איר האָבן ענטפער". אויף מאָרגן איז ער ווידערגעקומען צו אים. זאָגט ער: „די קיניגן איז צופרידן מיט די שטיינער, אָבער איר מוזט עפּעס אָפּלאָזן". זאָגט ער [מיין זון]: „מיר האָבן ניט צופיל געשטעלט, דאָך וועלן מיר אָפּלאָזן פופציג רייכסטאָלער". מיר האָבן געקריגן אַן אַנווייזונג אויף אונזער געלט. עטליכע חדשים נאָך דעם, שיקט גראַף מונק ווידער נאָך אונז, איך און מיין זון זאָלן צו אים קומען. מיר זיינען געקומען צו אים. זאָגט ער אונז, די קיניגן וויל זעהר האָבן בריליאַנטן פאַר אַכציג טויזנט רייכס־

טאָלער, און אַזוינע שטיינער, ווי זיי שטייען דאָ אויפן פּאַפּיר, געמליך, אַזויפיל שטיק פון פיר קאַראַט, אַזויפיל פון פינף קאַראַט און פון זיבן, און פון אַכט און צוועלף ביז זעכצען, אויך ביז צוואַנציג קאַראַט. זאָג איך: „מיין גאַנץ פאַרמעגן באַטרעפט ניט אַזויפיל צו קויפן אַזאַ צירונג. פונדערסטוועגן, אויב איר וועט מיר געבן צוואַנציג טויזנט רייכסטאָלער אויף דער האַנט, וועל איך זיי שאַפן". זאָגט ער, קיין שילינג גיט ער ניט פאָראויס. גענוג, אַז ווען מיר בריינגען די בריליאַנטן און זיי וועלן זיין גוט און צו אַן אָרנטליכער פּרייז, קריגן מיר באַלד אונזער געלט. זאָג איך, איך קאָן דאַרויף ניט איינגיין, איך פאַרמאָג דאָס ניט. דערצו נאָך זיינען מיר ערשט פאַר עטליכע חדשים געקומען אַהיים און האָבן נאָך ווייניג סחורה פאַרקויפט. דערמיט זיינען מיר געגאַנגען אַהיים. אין עטליכע טעג אַרום שיקט ער ווידער, מיין זון זאָל צו אים קומען. איז ער צו אים געגאַנגען. זאָגט ער: „ווילט איר בריינגען פאַר פערציג טויזנט טאָלער, אַ העלפט פון דער באַשטעלונג?" מיין זון איז געווען זעהר אַ היציגער סוחר, פונדערסטוועגן זאָגט ער: „איך מוז איבעררעדן וועגן דעם מיט מיין פאָטער". ער קומט אַהיים און שטעלט מיר פאָר דעם מסחר. איך וויל ניט איינגיין, איך זאָג: ווען נאָכדעם נעמט ער ניט די דאָזיגע בריליאַנטן, און דאָס איז אַלץ גרויסע שטיינער, וואָס איך וועל דאָ ניט אָפּזעצן אין קיין צען יאָר און מער אויך, וואָס פאַר אַ היזק וועלן מיר האָבן דערפון? זאָגט ער אָבער, אַז וויבאַלד זיי באַשטייען דאַרויף, איז אַ סימן, אַז די קיניגן דאַרף זיי נויטיג האָבן. איך האָב זיך געלאָזט איבעררעדן. איך האָב געקריגן אַ פּאַס, אַז איך פאָר וועגן דער קיניגינס געשעפטן, און בין געפאָרן קיין לייפּציג. אין לייפּציג האָב איך געקריגן בריוו פון גראַף מונק, ער האָט מיר אויפגעגעבן פאַרשיידענע זאַכן, וואָס איך האָב אַלע אָפּגעטאָן, און באַזונדער האָט ער מיר געשריבן, אַז איך זאָל בריינגען בריליאַנטן ניט ווייניגער ווי פאַר פערציג טויזנט רייכסטאָלער. איך האָב געקויפט די בריליאַנטן און בין געפאָרן אַהיים. איך בין געפאָרן פון לייפּציג קיין האַמבורג, און האָב זיי געוואָלט דאָרט אָפּשיקן אויף פּאָסט קיין שטאָקהאָלם, אָבער די שוועדישע פּאָסט האָט ניט געוואָלט אָנגעמען אַזאַ גרויסן באַטרעף. מיר האָט דאָס אויסגעוויזן צו געפערליך האַלטן באַ זיך אַזאַ פאַרמעג, מ'קאָן ניט זיין גענוג אָפּגעהיט, אָבער וואָס האָב איך זיך געקאָנט העלפן? איך האָב זיי מיטגענומען מיט זיך. איך בין געקומען מיט מיין זון בשלום אַהיים. ער איז געגאַנגען צום גראַף מונק מיט די שטיינער, די קאַראַטנוואָג האָט ער געהאַט מיט זיך, האָט ער אים געוויזן דאָס געוויכט לויט דעם געשריבענעם. ער איז געווען זעהר צופרידן, די שטיינער זיינען אים זעהר גוט געפעלן. זאָגט ער: „איך מוז זיי ווייזן דער קיניגן, מאָרגן נאָך מיטאָג קאָנט איר ווידער קומען". ער איז געקומען

אַהיים שטאַרק אויפֿגעלעגט און זאָגט, מאָרגן קריגן מיר אונזער געלט. ער האָט מיר נאָך פֿירגעהאַלטן, מיר װאָלטן געקאָנט קויפֿן פֿאַר אַכציג טויזנט רײַכסטאָלער, דער האָלענדער האָט אונז געװאָלט קרעדיט געבן, װען ער האָט געזען דעם בריװ, װאָס דער גראַף האָט אונז געשריבן. זאָג איך, מ׳טאָר ניט זײַן צו היציג בײַם האַנדל. אויף מאָרגן, װי ער איז געקומען צום גראַף, געמט דער גראַף דעם פּאַקעט, ניט אים אַ װאָרף אויפֿן טיש און זאָגט: „איר װילט נאַרן די קיניגן, די ראָזיגע בריליאַנטן זײַנען װערט העכסטנס פֿינף און צװאַנציג טויזנט רײַכסטאָלער. אויב איר װילט זײ לאָזן פֿאַר דער סומע, נעם איך זײ“. זאָגט מײַן זון: „מיר האָבן קײן שילינג ניט איבערגעזאָגט, מיר פֿאַרדינען ניט אַפֿילו קײן פֿינף פּראָצענט, װען מיר קריגן די פֿערציג טויזנט רײַכסטאָלער, און מיר האָבן גרויסע הוצאות“. זאָגט ער: „קאָנט איר זײ האַלטן פֿאַר זיך, איך גיב ניט מער, װי זײ האָבן די װערט“. מײַן זון איז אַװעקגעגאַנגען. ער האָט געטראָפֿן דעם קאַמערדינער און פֿרעגט אים, װער האָט געשאַצט דאָס צירונג. זאָגט ער: יוּװעליר צאַנדער. צאַנדער האָט אויך געפֿרעגט, װער האָט דאָס פֿריהערדיגע צירונג פֿאַרקויפֿט, האָט מען אים געזאָגט: אהרון איזאַק. דערויף האָט צאַנדער געזאָגט: „דער איר זאָל פֿאַרקויפֿן דאָס צירונג, און איך זאָל דאָס בײַשטײַן, דאָס טויג נישט“. מײַן זון איז געקומען אַהיים מיט דער דאָזיגער שלעכטער בשורה. איך בין געגאַנגען צום יוּװעליר סוטיר; דאָס איז געװען אַן ערליכער, בראַװער און רײַכער מאַן. איך דערצײל אים די מעשה מיט דער קיניגן און מיט מונק און מיט צאַנדערס שאַצן. איך האָב געהאַט די בריליאַנטן בײַ זיך. זאָגט ער: „װאַרט צו אַ ביסל, איך װיל אײַך עפּעס װײַזן“. ער איז אַרײַנגעגאַנגען און װידער אַרויס צו מיר און געבראַכט אַ ליאַלקע פֿון האָלץ, שײן געקלײדט מיט אַ שאַרף אַרום לײַב, דער שאַרף איז געװען ברײט און באַפּוצט מיט טײַערע שטײנער, די ליאַלקע איז געװען אַקעגן אַן אײל די הויך. ער דערצײלט מיר: „די ליאַלקע האָב איך געלאָזט מאַכן אין פּאַריז פֿאַר דער קיניגן שױן פֿאַר אַכט יאָרן. זי האָט געװאָלט אַ שאַרף מיט טײַערע שטײנער. װען איך האָב איר דערלאַנגט די רעכענונג, האָט זי געזאָגט, אַז דאָס איז איר צו טײַער. האָב איך אַלע הוצאות געמאַכט אומזיסט“. איך װײַז אים די בריליאַנטן און בעט אים, ער זאָל אַזױ גוט זײַן זײ שאַצן און דאָס באַשטעטיגן מיט זײַן חתימה. פֿרעגט ער מיך, װי טײַער? זאָג איך אים די האָלענדישע פּרײַז, זאָגט ער, דערצו מוז מען צװעצן נאָך צען פּראָצענט, אַזױ פֿירט זיך. דאָס האָט אָנגעטראָפֿן מיט פֿינף הונדערט רײַכסטאָלער מער, װי איך האָב געשטעלט; ער האָט זיך צעשריבן. מײַן זון האָט דערמיט ניט געװאָלט גײן צום גראַף, בין איך אַלײן געגאַנגען צו אים, האָב אים געװיזן, װיפֿיל סוטיר האָט זײ געשטעלט,

און האָב אים דערציילט, אַז צאַנדער איז מײַן שונא. זאָגט ער אָבער: „סוטיר איז נאָך מער שווינדלער פאַר אײַך, וואָרום פון שווינדל איז ער אַזוי רײַך געוואָרן". זאָג איך, ער זאָל זיי שיקן קיין האַמבורג אָדער קיין האָלאַנד, איך וועל זיך צופרידנשטעלן ווי זיי וועלן דאָרט געשאַצט ווערן. אָבער ער איז געווען אַ היציקער מאַן, זאָגט ער: „ווילט איר פינף און צוואַנציק טויזנט טאָלער, נעם איך זיי; אויב ניט, קאָנט איר גיין". וואָס האָב איך געזאָלט טון? קיינע רייד האָבן דאָ ניט געהאָלפן, און איך האָב געמוזט גיין. איך בין געווען זייער באַטריבט, איך בין געווען שולדיק און האָב די בריליאַנטן ניט געקאָנט פאַרקויפן. קיין קרעדיט האָב איך דאָ ניט געהאַט און וועקסלען האָב איך אויסגעשטעלט אויף אַ קורצער צײַט. איך האָב געמוזט פאַרזעצן די בריליאַנטן און לײַען פערצען טויזנט רייכסטאָלער.

דאָס איז געווען דאָס יאָר 1788, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג מיט די רוסן. הערצאָג פרידריך איז געקומען צו מיר און געפרעגט אויף מײַן זון, זאָג איך, ער איז קראַנק. פרעגט ער, צי איז ער געפערליך קראַנק. זאָג איך, ער האָט זיך פאַרקילט אויף דער רייזע, ס'גייט צו בעסער. זאָגט ער, ער מוז מיט אים ריידן. איך האָב אים געמוזט אַרײַנלאָזן. מײַן זון איז געלעגן אויפן בעט אין שלאָפראָק, ער איז אויפגעשטאַנען און זיך פאַרבויגט. ער האָט אים אָפּגעגעבן מזל טוב מיט דער חתונה און פרעגט אים, וואָס ער מאַכט. נאָכדעם זאָגט ער צו אים: „מײַן ליבער אהרון, איר זײַט שוין זיבן יאָר אָנגעשטעלט בײַ מיר אַלס הויפּיוועליר, איצט האָב איך אײַך גויטיג. איך האָב אײַך קיינמאָל ניט שווער געמאַכט מיר צו דינען, אָבער איצט, ווען מיר האָבן קריג מיט די רוסן, מוזט איר מיט מיר פאָרן". זאָגט ער: „יאָ, וואָלט איך געווען געזונט, איז וואָלט דאָס געווען בײַ מיר דאָס גרעסטע פאַרגעניגן, אָבער איצט בין איך ניט אימשטאַנד אַפילו אַ מאָל וועגס צו פאָרן". ער האָט אים געוואונטשן געזונט ווערן און איז אַוועקגע־גאַנגען. איך שרײַב דאָס ניט נאָכן סדר נאָך, איך האָב שוין פריִער געמעלדעט, אַז איך בין ניט קיין געשיכטע־שרײַבער, גישט קיין געלערנטער, איך טו דאָס בלויז פאַר אַן אָנדענק מײַן פאַמיליע. דערפאַר אָבער שרײַב איך דאָ ניט קיין איין אומוואָר וואָרט.

איך מוז דאָ דערמאָנען וועגן בית־הקברות. איך האָב געלאָזט אַרומ־גראָבן אַ זייער טיפן גרובן מיט אַ טיף וואַסער און געלאָזט מאַכן אַ הייננ־בריק. אָבער איבער ווינטער האָט מען אַוועקגעגנבעט דעם בריק. איך האָב צונויפגערופן אַלע אונזערע אידן און האָב זיי פאָרגעשטעלט די זאַך: מיר מוזן בויען אַ הויז אויפן בית־הקברות און עמיצער מוז דאָרט וואוינען. בכן מוזן מיר מאַכן אַ חברה, יעדער וועט עפּעס מנדר זײַן לויט זײַן גוטן ווילן, און ווײַטער זאָל יעדער חברה־מאַן אַרײַנוואַרפן אַלע וואָך אַ שילינג

אין פּושקע. ר׳ קאָפּעל האָט זיך אונטערגענומען, ער קען אַ פֿויער, וואָס מאַכט אַזוינע הייזער און האָט האָלץ דאַרויף. פֿון מײַן הויז האָט מען מנדר געווען דאַרויף אַריבער דרייסיג רייכסטאָלער. מ׳האָט פֿאַרשריבן אַלעמען, ווער וואָס האָט מנדר געווען. די פּושקע איז אויך אַרומגעגאַנגען אַלע וואָך, יעדער זאָל אַרײַנוואַרפֿן זײַן שילינג.

רעדווייל שיקט נאָך מיר הערצאָג פֿרידריך, איך זאָל צו אים קומען. ווי איך בין געקומען, זאָגט ער: „אייער זון איז קראַנק און קאָן מיט מיר ניט פֿאָרן, צי ווילט איר ניט מיטפֿאָרן? איר קאָנט האָבן אַ גוט פֿאַרדינסט, איר קאָנט מיטנעמען פֿאַרשיידענע סחורות: ווײַן אַלע סאָרטן, קאַווע, טיי, שאָקאָלאַד, בראָנפֿן, צוקער, טאַבאַק, עסיג און אַלץ, וואָס איר ווילט, אייער נאַלאַנטערײַ־סחורה אויך. איר קרינט אויך אַ שיף פֿון אייערטווענן, איר זאָלט ניט צאָלן קיינעם ביז מיר קומען קיין העלסינגפֿאָרס“. זאָג איך, איך וועל זיך באַטראַכטן, אויב דאָס איז מיגליך, איז פֿאָר איך מיט, אָבער אויף נעווים קאָן איך נאָך ניט זאָגן. איך בין געגאַנגען אַהיים און גערעדט מיט מײַן איידעם, אַז איך וויל פֿאָרן. אָבער ר׳ אײַזיק איז געוואָרן אויסער זיך: „ליבער שווער, ווילט איר זיך שטעלן אין לעבנס־געפֿאַר? איך קאָן דאָס ניט דערלאָזן, וואָרום מיר זײַנען אַזוי אויך שטאַרק נעאייננט. אַלע אָפּיצירן, וואָס זײַנען אונז שולדיג, די גרויסע ווי די קליינע, צאָלן ניט. זיי ווייסן, אַז איצט האָבן מיר אויף זיי קיין רעכט ניט. מיר זײַנען שולדיג פֿערצען טויזנט טאָלער אויף בריליאַנטן, און פֿיר טויזנט רייכסטאָלער אויף אַנדערע משכנות. ווי אַזוי וועלן מיר דאָ געלט קריגן? איך וואָלט משוגע געוואָרן, ווען איך זאָל דאָ בלײַבן אַליין, בפֿרט אַז נתנאל איז קראַנק“. איך האָב אים אַלץ געגעבן צו פֿאַרשטיין כסדר. דאָ איז געווים ניטאָ וואָס צו טון. דער גאַנצער הויף פֿאָרט אָפּ, ווער זשע וועט דאָ נאַלאַנטערײַ קויפֿן? אָבער אַז איך זאָל קויפֿן פֿאַר עטליכע טויזנט רייכסטאָלער שפּייזזאַכן און מיטנעמען פֿאַר פֿיר טויזנט רייכסטאָלער נאַלאַנטערײַ (מיר האָבן אַזוי פֿיל אין אונזער מאַגאַזין, וואָרום מיר האָבן אָפּגעקויפֿט בּאָם באַראָן ליליענקראַנץ פֿאַר צוואַנציג טויזנט רייכסטאָלער זײַן גאַנצן מאַגאַזין, און מיר האָבן נאָך געהאַט די העלפֿט געווים), און קיין פֿאָרטאָ קאָסט אויך ניט, און אין פֿינלאַנד וועל איך דאָס געווים אָפּזעצן, וואָרום די פֿינען קומען שטענדיג צו אונז אין קראָם, און מיר האָבן דאָס גרעסטע לייזעכטס פֿון די פֿינען. נאָר טאָמער גליקט מיר ניט, זאָג איך אײַך צו, אַז קיין צוויי חדשים וועל איך דאָרט ניט פֿאַרבלײַבן, דערבײַ זײַנען געווען: מײַן פֿרוי, מײַן טאָכטער, מײַן זון און מײַן שנור. אַלע זײַנען געווען קעגן מיר, די פֿרויען האָבן געוויינט אויך. דער זון איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט געהאַלטן מײַן צד. ער האָט

געזאָגט: „ליבער פֿאָטער, לאָז זיך ניט פֿאַרפֿירן, דו ביסט גערעכט. װי נאָר איך װעל זיך פֿילן אַביסל בעסער, קום איך דיר נאָך, װאָרום װאָס װעסטו דאָ טון, װען די הערשאַפֿטן בלײַבן דאָ ניט. די אָפֿיצירן קריגן איצט געלט אויסצוקלײַרן זיך און טאָפּלט געהאַלט, װעסטו געװיס אָפּזעצן, און אין פֿעלד באָרגט מען ניט, דו װעסט באַקומען באַרעס געלט". ס'איז געבליבן איך זאָל פֿאָרן, אָבער ניט אַליין, איך זאָל מיר קריגן אַ שותּף, װאָס װעט נעמען די זאַך מיט מיר בשותּפֿות. איך האָב געטאָן אַלץ, װאָס מעגליך איז, צו שאַפֿן זיך אַ שותּף פֿון אונזערע היגע אידן, אָבער קיינער האָט קיין קוראַזש ניט געהאַט. בכן בין איך געבליבן אַליין. איך האָב געהאַט אַ קראָם־באַדינער און צװיי אַנדערע באַדינער און האָב באַשלאָסן זיי מיטנעמען. איך האָב געקויפֿט פֿאַר עטליכע טויזנט טאָלער לעבנס־מיטל, געװוּנען נאַלאַנטערײַ־סחורה און פּאָרצעלײַ, האָב געקריגן פֿונם קאָמיסאַריאַט [אינטענדאַנטור] אַ שיף אומזיסט קיין העלסינגפֿאָרס. װי איך בין געקומען, זײַנען די אַלע לעבנסמיטל שטאַרק געשטיגן, דערהויפּט קאַװע און צוקער, און איך האָב געהאַט פֿיר טויזנט פֿונט קאַװע. מיר האָט דאָס געקאָסט צו עלף שילינג, און די סוחרים האָבן געלייזט אין העלסינגפֿאָרס צו זעכצען שילינג. איך האָב פֿאַרקויפֿט די קאַװע צו פֿופֿצען שילינג. איך האָב געהאַט פֿאַרקויפֿט אַקעגן אַ זאַק, און דאָ האָב איך געקריגן אַ באַפֿעל פֿונם מאַגיסטראַט, איך זאָל זיך ניט דערװעגן צו פֿאַרקויפֿן עפּעס פֿון מײַן סחורה, אַנדערש װעלן זיי בײַ מיר די גאַנצע סחורה צונעמען. איך האָב זיך געמוזט אָפּהאַלטן. אויף מאָרגן בין איך געגאַנגען צום מיניסטער אָקסענשטערנאַ, װאָרום דער הערצאָג איז געװען אין סװע־אַבאָרג. איך האָב דאָס אים אַלץ דערציילט. זאָגט ער: „איך װעל באַלד פֿאָרן צום קיניג אין פּלאַץ, װעט איר האָבן תּשובֿה". דער שיפּער, װאָס איז מיט מיר אַהערגעפֿאָרן, האָט געקריגן אַ באַפֿעל באַלד צוריק צו זעגלען קיין שטאָקהאָלם. נאָך מיטאָג אַרום 4 אַזייגער בין איך פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם סטאַט־סעקרעטאַר שרעדערהײַמס װאױנונג. איך האָב ניט געװאוסט, אַז ער איז אויך דאָ. ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין פֿענסטער, איך זאָל אַרײַנגיין. אַז איך בין אַרײַנגעקומען, זאָגט ער: „דאָ האָב איך געזאָלט אויספֿאַרטיגן אַ באַפֿעל פֿאַר אײַך, אַז איר זאָלט פֿאָרן מיט אײַער סחורה קיין לאָװיזאַ, װאָרום דאָרט בלײַבט די הויפּטקװאַרטיר, און איר האָט דאָס רעכט צו האַנדלען אין גאַנץ פֿינלאַנד מיט װאָס פֿאַר אַ סחורות איר האָט".

איצט האָב איך ניט געװאוסט, װי אַזוי קום איך מיט מײַנע סחורות קיין לאָװיזאַ. איך בין װידער געגאַנגען צום מיניסטער אָקסענשטערנאַ און האָב אים געדאַנקט פֿאַר דער טובֿה. איך האָב זיך געקלאָגט פֿאַר אים, איך

װײס ניט, װי אַזױ זאָל איך בּרײנגען מײן סחורה קײן לאָװיזאַ, קײן פּאָסטפּערד איז דאָ ניט צו קריגן, און פופצינ פערד זײנען פאַר מיר װײניג, װאָרום איך האָבּ געהאַט צװעלף גרױסע קאַסטנס פּאָרצעלײַ, װאָס קױם זיך מיט זײ צו קערן, סײדן זײ איבּערפּאַקן אין קלענערע קאַסטנס. דאָס װאָלט מיר זעהר פיל אַרבּעט געקאָסט און דאָס פירן אױף װאָגנס װאָלט העלפט צעבּראָכן געװאָרן. ער האָט מיר אָבּער בּאַלד געגעבּן אַן אָרדער צו אַדמיראַל דע פריעס, ער זאָל מיר געבּן אַ שיף אױסגעצאָלט קײן לאָװיזאַ. מײן סחורה איז דאָ געװען זעהר אָנגעלעגט, איך האָבּ דאָ אױך געקריגן בּעסער בּאַצאָלט. הערצאָג פרידריך האָט בּאַקומען אַ בּאַפעל צו מאַרשירן קײן לאָװיזאַ. ער איז אַהער געקומען און האָט געקױפט בּאַ מיר אַ פּערלזײַנער מיט אַ פּערלקײט מיט בּרעלאָקן פאַר צװײ הונדערט רײכסטאָלער, אַ עמאַלירטע גאָלדענע שמעק־טאַבּאַק־פּושקע פאַר הונדערט פופצינ רײכסטאָלער. צײט פערצען טאָג האָבּ איך שױן געשיקט אַהײם בּאַ פיר טױזנט רײכס־טאָלער און האָבּ געשריבּן, מײן אײדעם זאָל מיר שיקן פאַר אײנינע טױזנט טאָלער לעבּנסמיטל. ער האָט דאָס מיר בּאַלד צוגעשיקט, און איך האָבּ דאָס גוט אָפּגעזעצט. אײדער די דאָזיגע סחורה איז אָנגעקומען, האָבּ איך שױן װידער געשיקט אַהײם דרײ טױזנט רײכסטאָלער, אַזױ אַז מײן זון און מײן אײדעם זײנען געװען צופרידן. איך האָבּ װידער אױסגעשריבּן סחורה און ס׳האָט זי מיר געשיקט אױך. אָבּער די רוסן זײנען אַרײן מיט זײערע שיפן אין אַ שמאָלן דורכגאַנג, װאָס אונזערע שיפן פון שטאָקהאָלם קײן פינלאַנד אין די שכערן האָבּן דאָ געמוזט דורכגײן. בּכן זײנען די שיפן ניט דורכגעגאַנגען, זײ האָבּן זיך געמוזט צוריקקערן, האָבּן געזוכט אַן אַרומ־װעג און זײנען געקומען קײן אַבּאָ. ס׳האָט געדױערט 2 חדשים, אײדער איך האָבּ געקריגן צו װיסן, װאו איז מײן סחורה. ס׳איז געװען אַ שװערער װינטער, און איך האָבּ געמוזט לאָזן בּרײנגען מײן גאַנצע סחורה פער אַקס פון אַבּאָ קײן לאָװיזאַ. דערװײל איז אין דער אַרמײ געװאָרן אַ טומל. הערצאָג פרידריך האָט געקריגן אַ בּאַפעל צו פאָרן אַהײם קײן שטאָקהאָלם. דער קיניג איז אױך אָפּגעפאָרן פון דער אַרמײ קײן גאָטענבּורג. אין סעפּ־טעמבּער איז הערצאָג קאַרל געקומען קײן לאָװיזאַ. איך בּין אַרױפגעגאַנגען צו אים, װאָרום איך האָבּ אַלײן ניט געװאוסט, װאָס זאָל איך טון. ס׳האָט גערעדט פון אַזױנע געפערליכע זאַכן, און אײנער פון די העכסטע אָפיצירן האָט מיר געראָטן אַהײם פאָרן. איך האָבּ זיך געלאָזט מעלדן בּאַ הערצאָג קאַרל. ער איז אַרױס צו מיר און פרעגט מיך, װאָס איך װיל. זאָג איך, איך האָבּ אַ בּאַפעל פון קיניג צו בּלײבּן בּאַ דער הױפּטקװאַרטיר דאָ אין לאָװיזאַ. דער קיניג און הערצאָג פרידריך זײנען אַהײם געפאָרן, צי זאָל איך אױך פאָרן אַהײם? זאָגט ער: „זײט איר ניט געװען בּאַ גענעראַל קלינג־

שפּאָרן?" זאָג איך: ניין. „איז נייט אַהין צו אים, דער קיניג האָט געלאָזט אַ באַפעל, ער זאָל אייך נעבן צו ליפערן, וואָס איר וועט באַגערן". ער האָט מיך אויך נעפרעגט, צי האָב איך בײַ זיך נאַלאַנטעריי. אָ, יאָ, זאָג איך. איך האָב נעמוזט גיין צו מיר אויף קוואַרטיר און ברייננען די נאַלאַנטעריי. ער האָט בײַ מיר געקויפט פאַר צוויי הונדערט רייכסטאָלער. איך בין נעגאַנגען צום נענעראַל קלינגשפּאָרן און זאָג: „הערצאָג קאַרל האָט מיר נעזאָגט, איר האָט אַן אָרדער צו נעבן מיר ליפערונגען". זאָגט ער: „אָ, יאָ, וואָס ווילט איר ליפערן?" „זאָג איך, איך ווייס אַליין ניט, וואָס איר וואָלט נעוואָלט האָבן". זאָגט דער נענעראַל: „איך וועל זיך באַטראַכטן, איר וועט קרינן ענטפער". נאָכמיטאָג איז דער נענעראַל נעקומען מיט נאָך אייניגע נענעראַלן צו מיר אויף קוואַרטיר. דער גענעראַל האָט מיך שוין לאַנג נעקענט. זאָגט ער: „ליבער אהרון, איר קאָנט אונז טון אַ גרויסע טובה און איר זאָלט אויך דערפון האָבן. אונזער אַרמיי האָט ניט קיין פריש פלייש, און דאָ אין פינלאַנד איז פיה זעהר וואָלוועל. דאָ וואוינען צוויי קצבים, זיי האָבן נעליפערט פריש פלייש דעם לאַזאַרעט פאַר פאַרוואונדעטע און קראַנקע, אַקעגן צוואַנציג ליספונט אַ טאָג. איך האָב זיי נעגעבן אַן אַוואַנס. זיי נייען ניט אַרויס פון דער שטאָט, זיי קויפן נאָר דאָ אויפן מאַרק. ווען איך גיב זיי איין טאָג קיין אַוואַנס ניט, ליפערן זיי שוין ניט דעם אַנדערן טאָג. איך האָב מיט זיי אַן אָפּמאַך, איך צאָל זיי פיר און צוואַנציג שילינג דאָס ליספונט. אָבער ווען איר נעמט זיך ליפערן פאַר דער גאַנצער אַרמיי, נעמליך אַלע זעקס טאָג טויזנט ליספונט פריש פלייש, קרינט איר צו זעקס און צוואַנציג שילינג דאָס פונט". איך האָב געהאַט אויסגעשריבן פיר מענשן פון שטאָקהאָלם, וואָס האָבן נעזאָלט צו מיר קומען, וואָרום דאָ זיינען געווען אייניגע אידן אַלס מאַרקיטאַנטן, און יעדער נענעראַל האָט בײַ זיין פאָלק נעוואָלט האָבן אַן אייגענעם מאַרקיטאַנט. זאָג איך: „איך פאַרשטיי ניט דאָס פלייש־נעשעפט, איך וואַרט אַלע שעה זאָלן צו מיר קומען אייניגע פון אונזערע לייט. צווישן זיי איז פאַראַן איינער, וואָס קען די זאַך. ווי נאָר ער וועט קומען, וועט איר האָבן ענטפער". מיינע לייט זיינען נעקומען אויף מאָרגן. איך האָב זיי פירגעשטעלט די זאַך. איך האָב אָבער שוין נעקויפט אַן אָקס אויפן מאַרק צו מאַכן אַ פּראָבע, איידער זיי זיינען נעקומען. איך האָב זיי נעוויזן דעם אָקס און נעזאָגט, וואָס איך האָב פאַר אים באַצאָלט. דער קצב, וואָס איז דערבײַ נעווען, האָט אים נעשאַצט און נעזאָגט, אַז דאָס ליספונט וועט קאָסטן ניט קיין סך טייערער פאַר אַכצן שילינג. ער האָט דעם אָקס נעשאָכטן און ס'האָט זיך טאַקע אַזוי אַרויסנעשטעלט. איך האָב אַרויסנעשיקט אַ פּאָר פון מיינע לייט אויף דעם לאַנד, איינער פון זיי איז שוין לאַנג בײַ מיר נעווען. ער האָט גוט נערעדט שוועדיש און איז נעווען

אַ נעבווירענער פֿון לאָוויזאַ. איך פֿרעג אים, צי ווייסט ער, וואָס ס׳טוט זיך אויף דעם לאַנד, איך וויל קויפֿן אַביסל פּיה. זאָגט ער, אַז ער שאַפֿט מיר אין איין טאָג גוטע הונדערט שטיק. איך האָב מיט זיי מיטגעשיקט דעם ראָזינען יונג. זיי האָבן זיך אָנגעפּרעגט אויף דעם לאַנד, אויף מאָרגן זיינען זיי צוריקגעקומען און האָבן געזאָגט: ס׳איז פֿאַראַן צו קריגן גענוג פּיה און פֿאַר אַ גוטער פּרייז. האָב איך געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיטן גענעראַל קלינגשפּאָרן; איך ליפֿער אים אַ חודש צייט פֿריש פֿלייש, אַלע זעקס טאָג צו טויזנט ליספֿונט. די ליפֿערונג זאָל זיך אָנהויבן אין אַכט טאָג אַרום, וואָרום איך האָב ערשט באַדאַרפֿט בויען אַ שעכטהויז. איך קריג אַן אַוואַנס טויזנט רייכסטאָלער, נאָך יעדער ליפֿערונג זאָל איך באַלד קריגן געלט, בײַ דער לעצטער ליפֿערונג זאָל מיר אָפּגערעכנט ווערן דער אַוואַנס. איך האָב געמאָנט די טויזנט רייכסטאָלער. זאָגט ער: „איר וועט קריגן דאָס געלט, איך וואַרט אַלע מינוט געלט צו קריגן פֿון שטאָקהאָלם“. איך האָב אַרויסגעשיקט מיינע לייט, און זיי האָבן איינגעקויפֿט הונדערט שטיק פּיה. מ׳האָט מיר געגעבן זעקס סאָלדאַטן, וואָס זאָלן שעכטן און צעהאַקן דאָס פֿלייש פֿאַר יעדן פּאָלק באַזונדער, לויט די צעטלען פֿון די פּאָלק־קוואַרטירמייסטערס. מיט די ראָזינע צעטלען בין איך נאָכדעם געגאַנגען אין קאָמיסאַריאַט, דאָס איז געווען דאָרט, וואו גענעראַל קלינגשפּאָרן האָט געוואוינט. איך האָב געמאָנט געלט, אָבער ער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז נאָך ניט אָנגעקומען.

איך פֿלעג קריגן פֿון דערהיים צוגעשיקט אַלץ פֿרישע גאַלאַנטעריי־סחורה, כּמעט יעדע וואָך, נאָר מיין זון נתנאל איז געשטאָרבן, און ער האָט געהאַט זיין סחורה באַזונדער פֿאַר זיך, זיין פֿאַרמעגן און זיין פּרוים גרן, בכן האָב איך ניט געקאָנט קריגן אַזויפֿיל סחורה, וויפֿיל איך האָב אָפּגעזעצט, דאָך האָב איך קיין נויט אין געלט ניט געפּילט. איך האָב געמאַכט נאָך אַ קאָנטראַקט מיט דעם גענעראַל אויף הונדערט טויזנט ליספֿונט היי און אויף הונדערט טויזנט ליספֿונט שטרוי, דאָס ליספֿונט היי צו פֿיר שילינג און שטרוי צו צוויי שילינג, און האָב געקריגן אַן אָרדער, אַז צו וואָס פֿאַר אַ מאַגאַזין איך קום, מוז דאָס דער קריגס־קאָמיסאַריאַט בײַ מיר אָפּנעמען, כּדי איך זאָל קאָנען שיקן מיינע לייט אין אַזוינע ערטער, וואו ס׳איז צו קריגן אַ סך היי. איך האָב צוגעשטעלט מיין היי און שטרוי דעם מאַגאַזין אין טאַוואַסטהוס, אויך אין ה., וואָרום דאָ איז דאָס אַממייסטן געווען צו קריגן פֿאַר אַ גוטער פּרייז. איך האָב צוגעשטעלט פֿלייש אַ גאַנצן חודש און האָב קיין געלט ניט געקריגן. בײַ דער לעצטער ליפֿערונג האָב איך זיך שטאַרק געשטעלט פֿאַר געלט. איך האָב געזאָגט דעם גענעראַל: „איר האָט מיר צוגעזאָגט אַן אַוואַנס טויזנט טאָלער און איר האָט מיר נאָך ניט באַצאָלט“.

די לעצטע ליפֿערונג האָב איך נאָך ניט אָפּגעגעבן. „הער גענעראַל, — זאָג איך, — מער ליפֿער איך ניט, אויב איר באַצאָלט מיר ניט היינט“. איך בין דערגאַנגען, אַז ער האָט געקריגן אַביסל געלט און ס׳האָט דאָס געהאַלטן בסוד, וואָרום די אָפֿיצירן האָבן שוין זעקס וואָכן קיין געהאַלט ניט געקריגן, ווי זאָלן איצט עפּעס קריגן. דאָס בין איך דערגאַנגען דורך אַ גוטן פֿריינט פֿונם קאָמיסאַריאַט, האָט דאָס מיך שטאַרק פֿאַרדראָסן. ער זאָגט: „איך קאָן אייך קיין געלט ניט געבן, ווען איך האָב נישט. איך קוק אַרויס אַלע טאָג אויף געלט פֿון שטאָקהאָלם“. איך זאָג: „האָט איר ניט געזאָלט קיין קאָנטראַקט מאַכן, וואָרום איך האָב זיך פֿאַרלאָזט אויפֿן קאָנטראַקט“. ער ווערט אויפֿגערעגט: „וואָס פֿאַר אַ ליפֿעראַנט זייט איר, האָט צו טון מיט אייער נישטיגער פֿאָדערונג, ליפֿערט אָפּ, אָדער ניט“. ער האָט געטופּעט מיט די פֿיס, איז געוואָרן שטאַרק בייז און מיר געהייסן אַרויסגיין. זאָג איך: „געוויס וועל איך דאָ ניט בלייבן, אָבער דאָס איז דאָך שיין: ווען איינער מאָנט זיינס, הייסט מען אים אַרויסגיין, שיין באַצאָלט!“ דערמיט בין איך אַוועקגעגאַנגען. איך בין נאָך קיין האַלבע שעה אין דערהיים ניט געווען, אַז ס׳קומט דעם גענעראַלס קאָמענדאַנט און ברענגט אַ גרוס פֿונם גענעראַל: איך זאָל באַלד קומען צו אים. איך האָב געטראַכט, אַז דאָ קריג איך געלט. ווי איך בין אַריין אין שטוב, טראָגט ער מיר די האַנט אַנטקעגן און זאָגט: „ליבער אהרון, לאָמיר זיך אויסגלייכן. ווי נאָר איך קריג געלט, האָט איר דאָס. איר מוזט ליפֿערן נאָך אַ חודש“. וואָס האָב איך געזאָלט טון? איך האָב ווידער געמאַכט אַ קאָנטראַקט אויף אַ חודש. דעם גאַנצן חודש האָב איך ווייטער קיין געלט ניט געקריגן. ער האָט מיט מיר אַזוי גוט גערעדט, האָב איך זיך געלאָזט איבעררעדן און האָב געליפֿערט נאָך אַ דריטן חודש אויך. נו, זאָג איך, מער קאָן איך ניט ליפֿערן, איך האָב אָנגעקויפֿט אַ סך היי און שטרוי און פֿאַרטון אין דעם אַ סך געלט. זאָגט ער: „איך פֿאָר אין דריי טאָג אַרום קיין אַבאָ און איך וועל לייען בײַ דער שטאָטקאַסע הונדערט טויזנט טאָלער; איר קאָנט מיטפֿאָרן, וועט איר קריגן צען טויזנט טאָלער“. איך בין געווען צופֿרידן דערמיט. פֿון טאַוואַסטהוס און פֿון ה. האָב איך געקריגן בריוו, אַז מײַנע לײַט האָבן זיך צעריסן צווישן זיך און ווילן דאָרט צוזאַמען ניט בלייבן. איך האָב געהאַט דרייצען מענטשן. איך האָב אַליין געמוזט פֿאָרן אַהין און מיטנעמען נאָך אַ מענטש, אַזוי אַז איך האָב ניט געקאָנט פֿאָרן מיטן גענעראַל. ס׳איז געווען ניט ווייט פֿונם וועג, האָב איך אָפּגערעדט, אַז איך וועל זיין בײַם גענעראַל אין אַבאָ. צו דער אָפּגערעדטער צייט בין איך געקומען צו אים, אָבער די נסיעה איז געווען אומזיסט: דער גענעראַל האָט ניט געקריגן גאָרניט געליען. ער האָט געזאָגט, אַז ער פֿאָרט קיין טאַוואַסטהוס, וועט ער דאָרט קריגן געלט פֿון דער קאַנצעלאַריע־

קאַסע. איך בין אַרויסגעפֿאָרן קיין טאַװאַסטהוס אַ טאָג פֿריִער, באַשטעלט פֿאַרן גענעראַל אַ קװאַרטיר בײַם לאַנדמאַרשאַל װילעבראַנד. ער איז געקומען אַהער און באַטראַכט מײַן היים־מאַגאַזין. ער איז געגאַנגען צום רענטמײַסטער נאָך געלט, ער האָט געמײנט, אַז דאָ װעט ער טרעפֿן אַ שטאַרקע קאַסע, אָבער אין דער קאַסע איז געװען ניט מער װי פֿינף טױזנט רײַכסטאָלער. דאָ האָב איך געקריגן טױזנט פֿינף הונדערט רײַכסטאָלער. איך בין צוריקגעפֿאָרן קיין לאָװיזאַ. דער גענעראַל האָט געזאָגט, מיר װעלן זיכער קריגן געלט פֿון שטאָקהאָלם, אָבער קיין געלט האָבן מיר ניט געטראָפֿן. בײַ אַ סוחר האָט ער געליִען צען טױזנט רײַכסטאָלער, דערפֿון האָב איך געקריגן טױזנט טאָלער. דער גענעראַל האָט זיך ניט געװאוסט װאו אַהין צו טון פֿון די אַלע מענשן, װאָס ער איז שולדיק געװען. זאָגט ער: „איך מוז פֿאָרן צו אײניגע מאַגאַזינעס, איך קום אין דרײַ טאָג אַרום צוריק אַהײם“. אויף זײַן שטעל האָט ער אַװעקגעזעצט דעם אויבערלײטענאַנט באַראָן מונק און האָט געטרײסט אַלע בעלי־חובֿות: באַראָן מונק װעט קריגן געלט, װעט ער באַצאָלן. אָבער קיין געלט איז ניט אָנגעקומען. דער גענעראַל איז אויסן געװען פֿיר װאָכן, ביז לסוף איז אָנגעקומען געלט פֿון שטאָקהאָלם. דאָס דאָזיגע געלט איז געװען רײַכסגעלט [אַסיגנאַציעס]. מיר איז געקומען אַריבער צװאַנציק טױזנט רײַכסטאָלער, איך האָב געקריגן זעקס טױזנט רײַכסטאָלער. איצט האָב איך ניט געװאָלט מער ליפֿערן קיין פֿריש פֿלײש, װאָרום פֿיה איז טײַער געװאָרן, און אַריבער צװאַנציק מײַל אין דער געגנט איז דאָס שױן ניט געװען צו קריגן. ס'װאָלט מיר געקאָסט טײַערער, אײדער אין קאָנטראַקט בײַ מיר איז געשטאַנען. חוץ דעם האָב איך געליפֿערט קאָרן, גערשטן, אַרבעס, פּוטער, חזיר־פֿעטס, פֿלײש — אַלץ, װאָס איך האָב געקאָנט אויפֿקויפֿן אויף דעם לאַנד. איך האָב אויך געהאַט אַ באַפֿעל פֿונם קאָמיסאַריאַט, אַז װאו איך אָדער מײַנע לײַט קומען צו'ן אַ מאַגאַזין און װילן עפּעס אָפּליפֿערן, זאָל מען דאָס בײַ אונז צונעמען און געבן אַ קװיט דערויף. דער גענעראַל האָט מיך ניט געװאָלט אָפּלאָזן, איך האָב װידער געמוזט מאַכן אַ קאָנטראַקט אויף 2 חדשים צו ליפֿערן פֿריש פֿלײש, צו צװײ און דרײַסיק שילינג אַ ליספֿונט. איך האָב אויך ניט געקאָנט קריגן דאָס גאַנצע געלט בײַם קאָמיסאַריאַט. איך האָב אָבער שױן געהאַט אָפּגעזעצט אַזױפֿיל סחורה און בריליאַנטן, אַז מײַן אײדעם איז געװען זײער צופֿרידן, װאָרום מיר זײַנען געװען בײדע שותּפֿות.

איך האָב געקריגן אַ בריװ פֿון אונזער קהלה, צי װיל איך ניט בויען אַ הויז אויפֿן בית־הקבֿרות אויף מײַן אײגענעם חשבון; אויב ניט, קאָנען זײ קריגן אַ פּלאַץ מיט אַ הויז פֿאַר נײַנציק רײַכסטאָלער, װעלן זײ דאָס קויפֿן. איך האָב זײ ניט געענטפֿערט, װאָרום איך האָב זיך אַ סך אויסגעבראַכט און

האָב קײנמאָל גאָרניט געמאָנט באַ דער קהלה. איך האָב אויך געהאַט שריפֿטליך אַ תּביעה צו דער קהלה, דאָס װאָס איך האָב אויסגעלענט שכירות פֿאַרן רבֿ וכדומה פֿאַר אַ סך יאָרן. דעריבער האָב איך ניט געגלויבט, זײ זאָלן באַנײַן אַזאַ נבֿלה, בפֿרט אַז מיר האָבן שוין געהאַלטן דאָס בית־הקבֿרות אַריבער צװאַנציק יאָר און געהאַט דאָרט אַ סך מתים. װען זײ האָבן געזען, אַז זײ קריגן פֿון מיר קײן תּשובֿה נישט, זײַנען זײ גע־גאַנגען צו מײַן אײדעם מיט אַ געגאַר, זײ װילן באַקומען דאָס געלט, די דרײַסיק רײַכסטאָלער, װאָס אונזער הויז האָט געדאַרפֿט געװען צו בויען אַ הויז אויפֿן בית־עולם; אָפּגערעדט, אַז אויב איך קום אַהײם און בין דערמיט ניט צופֿרידן, זאָל ער דאָס געלט צוריקקריגן. ער האָט זיך געלאָזט נאַרן און האָט זײ געגעבן דאָס געלט.

באַ דער אַרמײ האָבן מיר שוין ניט געהאַט אַזאַ נויט אין געלט, װאָרום מיר האָבן געקריגן רײַכסגעלט. די קלענסטע אַסיגנאַציעס זײַנען געװען צװײ רײַכסטאָלער, אויך צװײ רײַכסטאָלער און פֿיר און צװאַנציק שילינג, אויך דרײַ רײַכסטאָלער, נאָכדעם איז שוין געגאַנגען גרויסע אַסיגנאַציעס. ס'איז אָבער געװען אַ גרויסער רוחק אין קלײנגעלט. איך האָב געקויפֿט אין באָרגאַ באַ אַ סוחר פֿון מײַנעטװעגן פֿאַר צװײ רײַכסטאָלער און זעכצען שילינג און האָב אים געגעבן אַן אַסיגנאַציע פֿון צװײ רײַכסטאָלער פֿיר און צװאַנציק שילינג. ער האָט מיר געזאָלט געבן רעשט אַכט שילינג. זאָגט ער: „איך האָב ניט קײן קלײן מינץ, איך האָב נאָר אַ צעטל פֿון אַכט שילינג“. דאָס איז געװען אַ געדרוקט צעטל און דאַרויף איז געשטאַנען: קעגן דעם דאָזיגן צעטל מײנעם צאָל איך, דער אונטערגעשריבענער, אַכט שילינג, נאָמען און דאַטע, סװעאַבאָרג; דער נאָמען אַן אומבאַקאַנטער. זאָג איך, װאָס איז דאָס פֿאַר אַ מאַן, װאָס מאַכט אַזױנע צעטלען? זאָגט ער, דאָס איז אײגנטליך אַ בעקער, זעהר אַ רײַכער מאַן, איצט האָט ער אַ קאַפּע מיט אַלערלײ סחורות און לעבנסמיטל. דער מאַן איז קאַראַנט. איך האָב גענומען דאָס צעטל, בין געגאַנגען צום גענעראַל און זאָג אים: „דאָס דאָזיגע צעטל האָט געלאָזט דרוקן אַ בעקער אין סװעאַבאָרג, און לויט געמען דאָס נערן. איר װײסט, אַז ס'פֿעלט אויס קלײנגעלט, און אַ סך סקאַנדאַלן זײַנען שוין פֿירגעקומען מיט סאָלדאַטן, װאָס האָבן ניט געקאָנט אויסבײַטן זײער געלט, זײ האָבן געגעבן זעכצען שילינג לאַוש אויף אַן אַסיגנאַציע פֿון דרײַ רײַכסטאָלער. דרוקט אַזױנע צעטלען און חתמעט זײ, אָדער לאָזט דרוקן אײער נאָמען אין אַ דרוק“. זאָגט ער: „גײט צו קאַמערהער פֿאַנע־יעלם און זאָגט אים, ער זאָל הײסן דרוקן אַזױנע צעטלען מיט זײַן חתימה“. איך בין געגאַנגען צו אים, האָב אים באַװיזן דאָס צעטל און זאָג, דער גענע־ראַל האָט באַפֿוילן, ער זאָל הײסן דרוקן אַזױנע צעטלען מיט זײַן חתימה.

זאָגט ער: „דאָס טו איך ניט, געררצן האָט דאָס דעם קאָפּ געקאָסט, קומט מיט מיר, מיר װעלן גײן צום גענעראַל, איך װעל אַלײן מיט אים רײדן״. מיר זײַנען געקומען צום גענעראַל, זאָגט ער צום גענעראַל: „פֿון מײַן נאָמען טו איך דאָס געװיס נישט; אויב דאָס קאָן גײן אין נאָמען פֿונם קרינס־קאָמיסאַריאַט, איז קאָן מען מאַכן, אַז די דרײַ קרוינען זאָלן געדרוקט זײַן צוזאַמען מיט דער קיניגליכער קרוין; דעמאָלט שטעל איך דאַרויף מײַן נאָמען״. זאָגט דער גענעראַל: אַזוינס קאָן מען ניט טון אָהן דעם קיניגס הסכּם. ס'איז געבליבן, מ'זאָל שיקן אַ קוריער צום קיניג, צי באַװילינט ער אַזוינס. אין עטליכע טאָג אַרום איז ער צוריקגעקומען: דער קיניג האָט באַװיליגט. דער גענעראַל האָט מיך געשיקט רופֿן און דערצײלט מיר, אַז ס'איז באַװילינט פֿונם קיניג, אָבער װאו זאָלן מיר דרוקן די צעטלען; װאו נעמען מיר דעם שטעמפּל מיט דעם שװערישן הערב, װאָס מ'מוז אויפֿדרוקן? דאַרפֿן מיר דערצו האָבן אַ פּרעס. זאָג איך: אין אַבאָ איז פֿאַראַן אַ דרוק, דאָרט איז פֿאַראַן אַ אוניװערסיטעט, דעם שטעמפּל װעל איך אַלײן מאַכן און אַ פּרעס װעל איך באַשטעלן, איך האָב געאַרבעט בײַ אַ מינץ־שלאָגן, קאָן איך דאָס. פֿרעגט ער מיך, צי װיל איך דאָס טון. זאָג איך: „באַשטעלט נאָר די צעטלען, און װען זײ װעלן זײַן אָפּגעדרוקט, װעל איך שוין באַזאָרגן דאָס איבעריגע״. צײַט דרײַ װאָכן איז אַלץ געװען אין אָרדענונג, ס'זײַנען געװען אָפּגעדרוקט אַכט־שילינג־צעטלען. װען ס'איז פֿאַרטיג געװאָרן הונדערט שטיק, האָט מען זײ מיר צוגעשיקט אַהײם. איך בין געגאַנגען צו די סוחרים און געזאָגט זײ: „איר קאָנט בײַ מיר קרינן אַזוינע צעטלען, און װען איר װעט אָנקלײַבן פֿאַר צװײ טאָלער, ד. ה. צװעלף שטיק, נעם איך זײ צוריק און גיב אײַך אַן אַסיגנאַציע פֿון צװײ רײַכסטאָלער״, װאָרום זײ האָבן ניט געװאָלט גלויבן, אַז מ'װעט זײ װידער אײַנלײזן.

איך האָב אָבער דערפֿאַר ניט גענומען קײן אַנדער געלט, נאָר באַנקאָ־צעטלען. ס'איז געװען אַ חלוק אין אַכט פּראָצענט. זײ האָבן ניט געקאָנט אַזױפֿיל דרוקן, און פֿאַנעיעלם האָט זײ גענוזט אונטערשרײַבן, װען אַלע פֿלעגן זײ בײַ מיר פֿאָדערן. װען דער גענעראַל האָט געזעהן, אַז עס גײט דערמיט אַזױ גוט, האָט ער געהײסן דרוקן צװעלף־שילינג־צעטלען. איך פֿלעג אַלע טאָג זײַן אין דער שטעמפּל־קאָנטאָר. װען איך האָב געזעהן, אַז זײ מאַכן שוין צװעלף־שילינג־צעטלען, האָב איך זיך מער דערמיט ניט געװאָלט אָפּגעבן. אַז מ'פֿלעג צו מיר קומען, פֿלעג איך אָפּשיקן אין דער שטעמפּל־קאָנטאָר. ס'האָט לאַנג ניט געװערט, האָבן זײ שוין געדרוקט צען (זעכצען?) שילינג־צעטלען און צװאַנציג־שילינג־צעטלען און דערנאָך פֿיר און צװאַנציג־שילינג־צעטלען און אַזױ װײַטער, װאָס אַמאָל מיט פֿיר שילינג

העכער ביז צװײ־רײַכסטאָלער־צעטלען, אַזױ אַז דער גאַנצער אַרמײ האָט מען געצאָלט מיט אַזאַ געלט. װער ס׳האָט געהאַט אַ תּביעה צום קאָמיסאַריאַט, האָט געקריגן באַצאָלט מיט „פּאַנעיעלמער“, אַזאַ האָט דאָס געלט געהײסן. אין פֿינלאַנד פֿלעגן דאָס אַלע נעמען, אָבער אין שטאָקהאָלם און אין גאַנץ שװערן איז ניט געװען אױסצובײַטן קײן אײן צעטל; מ׳האָט זײ ניט גענומען. מיט אַן אַנדער װײַנינסטנס פּופּצען פּראָצענט זײַנען געװען אײניקע סוחרים, װאָס זײ האָבן זײ גענומען, די, װאָס האָבן געפֿירט געשעפֿטן אין פֿינלאַנד, װאָרום דאָ זײַנען זײ געװען גילטיק אומעטום. דער קיניג איז געקומען װידער אין דער הױפּטקװאַרטיר אין לאַװיזאַ.

אונטער דער צײַט, װאָס דער קיניג איז דאָ ניט געװען, זײַנען אַ סך פּאָלקאָװניקעס און גענעראַלן אַרעסטירט געװאָרן און אָפּגעשיקט קײן שטאָקהאָלם. דער קיניג איז געפֿאָרן קײן הענפֿאָרס בײַ סװענסקזונד, צװײ מײַל פֿון פֿרידריכסהאַם — אַ רוסישע פֿעסטונג. איך האָב געקריגן אַ באַפֿעל צו קומען אין דער הױפּטקװאַרטיר. איך האָב געמוזט פֿאָרן קײן הענגפֿאָרס מיט מײַן רעזערװ־סחורה, אױך מיט דעם רינדפֿיה, װאָרום זײ האָבן דאָרט נאָרניט געקאָנט קריגן, ס׳איז געװען בלױז אַ דאָרף. איך האָב אױך מיטגענומען לעבנסמיטל. מיר האָבן דאָ געלאַגערט פֿיר װאָכן. דער רוסישער שכערנפֿלאָט איז געשטאַנען אױף דער אַנדערער זײַט סװענסקזונד, אונזער שכערנפֿלאָט איז געשטאַנען אין סװענסקזונד. די רוסן האָבן אונז ניט געקאָנט אַטאַקירן, כאָטש זײ זײַנען געװען שטאַרקער פֿאַר אונזער פֿלאָט. דער קיניג האָט געהײסן אַטאַקירן דעם רוסישן פֿלאָט, װאָרום ער האָט געזעהן בעסערע אױסזיכטן. אָבער דורך פֿאַרראָט האָבן זיך די רוסן אַלצדינג דערװאוסט; מיט אַן אָװנט פֿריהער האָבן זײ שױן געװאוסט, אַז מאָרגן װעט מען זײ אַטאַקירן און זײ האָבן געװאוסט אַלע אונזערע אױסרעכענונגען. מיר האָבן פֿאַרלאָרן די שלאַכט, און דאָס לאַנד־חיל האָט אױך געמוזט אָפּטרעטן. איך האָב אױך געמוזט אָפּטרעטן און האָב דערבײַ אַ סך פֿאַרלאָרן. בײַ דעם צוריקמאַרש האָב איך געטראָפֿן דעם קיניג אױפֿן לאַנדװעג מיט אײניקע פּאָלקן. ס׳איז צוגעקומען גענעראַל טױבע, װאָס איז געװען בײַם קיניג. װי ער האָט דערזעהן, אַז איך קריך אַראָפּ פֿון מײַן װאָגן, זאָגט ער: „אײער פֿיה איז שױן דאָ פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ שעה פֿריהער. דער קיניג האָט באַפֿױלן, די פּאָלקן זאָלן זיך פֿונאַנדעררוקן דורכצולאָזן אײער פֿיה“. אױף די דאָזיקע צװײ מײַל בין איך אױסגעשטאַנען אַ סך געפֿאַר. דאָ איז שױן די געפֿאַר ניט געװען אַזױ גרױס. מיר האָבן נאָך געהאַט אַ מײַל ביז צו דער שװעדישער גרעניץ. לסוף צו אָװנט צו זײַנען מיר װידער געקומען צו אונזער גרעניץ. איך בין געװען קראַנק פֿון די אַלע שרעקן און ערגערנישן, װאָרום דער צוריקמאַרש איז געװען זעהר געפֿערליך

און אַ סך זײנען געפֿאַלן פֿון בײדע זײַטן. איך האָב געמײנט, אַז איך װעל אומקומען אָדער געפֿאַנגען װערן. אױף מאָרגן זײנען מיר געקומען קײן לאָחױזאַ. איך בין געװען דרײַ טאָג קראַנק און האָב אַ סך פֿאַרלאָרן בײַ דעם צוריקמאַרש. דער קיניג האָט דאָס געװאוסט. אין עטליכע טאָג אַרום האָט מען מיך געשיקט רופֿן צו אַ קיניגליכן סעקרעטאַר, דאָס איז געװען דעם קיניגס האַנטסעקרעטאַר. איך בין געקומען, ער האָט מיך ניט געקענט, און איך אים אױך ניט. פֿרעגט ער מיר, צי איך הײס אהרון איזאַק. זאָג איך: יאָ. זאָגט ער: „איך גראַטוליר אײַך, דער קיניג האָט אײַך באַנגעדינט מיט אַן אַסעסאָר־טיטל, איך שיק דאָס קײן שטאָקהאָלם אין דער קאַנצעלאַריע, מ׳זאָל דאָס דאָרט פֿאַרטיג מאַכן. איר מוזט דערפֿאַר באַצאָלן זיבעציג רײַכסטאָלער, דאָס איז דערזעלבער ראַנג, װאָס קאַפּיטאַן, און יענץ קאָסט אױך אַזױפֿיל“. פֿרעג איך, װיפֿיל געהאַלט װעל איך קריגן? זאָגט ער: „איר װעט ניט קריגן קײן געהאַלט. פֿאַרקערט, איר מוזט נאָך צוצאָלן אַזױפֿיל װי אַ קאַפּיטאַן, דאָס קאָסט יערליך זעכציג רײַכסטאָלער“. זאָג איך: „אַ שײנעם דאַנק, אָבער װי פּאַסט דאָס, אַז איך שטײ אין מײַן יאַטקע און איר קומט נאָך פֿלײש: ,הער אַסעסאָר, אָט דאָ איז אַן אָנװײזונג אױף פֿלײש, ניט מיר צען ליספּונט פֿלײש׳. חוץ דעם, האָב איך שױן אַ טיטל ,הױפֿ־ליפֿעראַנט׳ פֿונם גענעראַל און קאָמיסאַריאַט“. זאָגט דער קיניגליכער סעקרעטאַר: „איך מוז דאָס איבערגעבן“. איך בין אַװעקגעגאַנגען. אַ סך אָפֿיצירן האָבן מיר באַגעגנט און האָבן מיר אָפּגעגעבן מזל טוב, זײ האָבן שױן געװאוסט פֿונם קיניגס חסד, אַז ער האָט מיר געגעבן דעם טיטל אַסעסאָר. דער קיניג איז געפֿאָרן קײן באָרגאַ, איך בין אױך אַהין געקומען. דאָס איז געװען אין פֿיר אָדער פֿינף װאָכן נאָך דעם, שיקט נאָך מיר דער סעקרעטאַר, איך זאָל צו אים קומען. איך בין געקומען צו אים, זאָגט ער מיר: „אין לאָחױזאַ, װען איר זײַט געװען בײַ מיר, האָב איך אַלץ איבערדערצײלט דעם קיניג, װאָס איר האָט מיר געזאָגט, ער האָט דאַרױף האַרציג געלאַכט. איך האָב אים אױך געזאָגט, אַז דער גענעראַל און דער קאָמיסאַריאַט האָבן אײַך שױן באַטיטלט מיט ,הױפֿליפֿעראַנט׳. ער האָט געזאָגט: ,אַזאַ טיטל איז דאָ בײַם הױף קײנמאָל ניט געװען, נאָר אַזױװי זײ האָבן אים שױן אַזױ באַטיטלט, איז זאָל ער האָבן אַזאַ טיטל מיט כּבֿוד און װערדינקײט׳. דעם אײנענעם טאָג האָב איך געשיקט קײן שטאָקהאָלם, איצט איז דאָס שױן פֿאַרטיג“. ער האָט דאָס מיר פֿירגעלײענט. איך פֿרעג אים, װאָס קאָסט דאָס אָנשרײַבן? זאָגט ער: „דער קיניג האָט מיר געהײסן, אויב איר װעט ניט װעלן באַצאָלן דאָס שרײַבגעלט, זאָל איך דאָס באַצאָלן. איצט װי איר װילט, ס׳קאָסט עלף רײַכסטאָלער“. איך האָב באַצאָלט די עלף רײַכסטאָלער. דאָס איז שױן געװען אָנהױב װינטער.

פרילינג איז דער קיניג געפאָרן צום גרויסן פּלאַץ, און ער איז געווען אויסן דריי חדשים, ער האָט געטוווט אָפּציהען בּאַ אַ ים־שלאַכט. זיי זיינען ווידער געקומען קיין סוועגסקזונד מיט זייער גאַנצן פלאָט. נאָך זיי איז אָבער אָנגעקומען דער פּרינץ נאַסוי אויך. מ'האָט מיר גערופן צום גענעראַל קלינגשפּאָרן. זאָגט ער: דער גאַנצער פלאָט האָט דעם זומער קיין פריש פלייש ניט געקריגן. זיי מוזן קריגן פריש פלייש, אַנדערש קריגן זיי סקאָרבּוט, בּכן זאָל איך ליפערן אַ חודש. מיין קאָנטראַקט איז פריהער געווען אויף פערציג שילינג דאָס ליספונט, איצט האָט ער מיר געבּאָטן אַ רייכסטאָלער, און איך האָבּ שוין פריהער געדאַרפט טרייבּן מיין פיה פון עסטערבּאָטן זיבּעציג מייל וועג. ער האָט פאַרלאַנגט אַלע זעקס טאָג אַכצען הונדערט ליספונט. זאָג איך: קיין קאָנטראַקט קאָן איך ניט מאַכן, וואָרום איך ווייס ניט, צי איך וועל אים קאָנען האַלטן, דערצו קאָן איך אָנהויבּן ערשט אין דריי וואָכן אַרום, איך וועל פון מיין זייט טון, וואָס איך קאָן. דאָס פלייש זאָל געליפערט ווערן אַ מייל פון סוועגסקזונד. איך האָבּ בּאַלד געשיקט מענשן, זיי זאָלן מאַכן אַ שעכטהויז. איך האָבּ געקריגן אַ קוריערפּאַס, צוויי קוריערן און בּין געפאָרן מיט איינעם פון מיינע לייט, אַזוי אַז אין דריי טעג און נעכט זיינען מיר געווען אין וואַזאַ. איך האָבּ דאָ געטראָפן מיינע לייט, וואָס האָבּן שוין איינגעקויפט עטליכע הונדערט שטיק און האָבּן שוין בּאַשטעלט טרייבּערס. איך האָבּ געהאַט בּריוו צום לאַנדמאַרשאַל טאַנדער־פעלדט, ער זאָל מיר בּאַהילפיג זיין און מיר געבּן לעגסמענער, זיי זאָלן צורייזן די פּויערים, זיי זאָלן מיר פאַרקויפן, ווייל עס איז נויטיג פאַר דער אַרמיי. איך האָבּ געהאַט בּאַ זיך פופצען טויזנט טאָלער, איך האָבּ דאָס געגעבּן מיינע לייט, און אין איינינע טעג האָבּן מיר אויפגעקויפט נאָך הונדערט שטיק און געמאַכט נאָך אַ טראַנספּאָרט. די פריהערדיגע צוויי הונדערט האָט מען שוין אַוועקגעטריבּן. איך בּין אַוועקגעפאָרן. אונטערוועגס האָבּ איך געטראָפן מיין פיה און מיינע טרייבּערס שוין אויף העלפט וועג. איך בּין אַליין געבּליבּן מיט זיי, כּדי זיי זאָלן זיך ניט רוקן צו לאַנגזאַם. איך בּין געקומען איינינע טעג פריהער אויפן אָרט, איידער איך האָבּ צוגעזאָגט. איך בּין געגאַנגען צום גענעראַל און זאָג: איך האָבּ שוין דאָ דריי הונדערט שטיק פיה. זאָגט ער: „מיר קריגן שלום“. איר קאָנט גלייך שעכטן אויף אַכצען הונדערט ליספונט פלייש, און דאַן וועט איר ווייטער קריגן אַ בּאַפעל. ווי האָבּן געהאַט אַ שלאַכט מיט פּרינץ נאַסוי, דער גאַנצער רוסישער פלאָט איז צעשלאָגן געוואָרן, און זיי האָבּן געמאַכט זעקס טויזנט מאַן געפאַנגענע און זעקס הונדערט אָפיצירן. איך האָבּ צוגעשטעלט די אַכצען הונדערט ליספונט פלייש, איך האָבּ געקריגן אַ בּאַפעל, איך זאָל קומען קיין סוועגסקזונד צום גענעראַל קלינגשפּאָרן. ער איז געווען אויפן קינינס שיף אַמפיאָן.

דאָ איז געװען דער גאַנצער גענעראַליטעט. דער גענעראַל האָט מיר געזאָגט: „איך קאָן אײַך נאָך ניט זאָגן, װי דאָס װעט זײַן, מיר האָבן געמאַכט שלום מיט די רוסן, דער שלום איז שױן אונטערגעשריבן, מאָרגן װעט איר האָבן ענטפֿער". דעם אײנענעם טאָג איז ער אָפּגעפֿאָרן קײן באָרנאַ. אױף מאָרגן האָב איך געקריגן אַ באַפֿעל, אַז אין דרײַ טאָג זאָל איך אָפּרוימען די רוסישע גרעניץ; אַלץ, װאָס װעט ניט זײַן אָפּגערוימט, װעלן די רוסן צו־נעמען. בכן האָב איך געמוזט פֿאַרזאָרגן, אַז אַלץ זאָל זײַן אָפּגערוימט קײן לאָװיזאַ, מײַן פֿיה און אַלץ, װאָס איך האָב געהאַט. איך בין געקומען קײן לאָװיזאַ. דער נענעראַל איז דאָ ניט געװען, ער איז געװען אין באָרנאַ. איך בין אַריבערגעפֿאָרן צו אים און זאָג: װאוהין זאָל איך איצט צושטעלן? זאָגט ער: דער פּלאָט גײט זיך פֿונאַנדער אױף אַ סך ערטער. זאָג איך: „איר האָט דאָך אָבער באַשטעלט אױף אַ גאַנצן חודש". זאָגט ער: „איר האָט אָבער ניט געװאָלט מאַכן קײן קאָנטראַקט מיטן קאָמיסאַריאַט, קאָן איך אײַך ניט העלפֿן. איר קאָנט אַריבערגײן מיט אַביסל פֿיה קײן העלסינגפֿאָרס, דאָרט שטײען נאָך עטליכע שיפֿן, אױך אין לאָװיזאַ אין לאַזאַרעט און דאָ אין לאַזאַרעט. די פֿאָלקן קריגן מער קײן פֿלײש ניט". דאָ העלפֿט ניט קײן רײדן און קײן בעטן, איך האָב געהאַט אַ סך פֿיה און איך האָב דאָס געמוזט פֿאַרקױפֿן די בירגערס און די פּױערים, איך האָב ניט געקריגן דערפֿאַר די העלפֿט, װאָס מיר האָט געקאָסט, דאָס פֿיה איז געװען זײער אָפּגעפֿאַלן פֿונם גרױסן מאַרש און פֿון װײניג עסן.

װען איך האָב געפּיטערט אױף אַ לאָנקע, װאָס איך האָב געגעבן פֿאַר איר פּופּציג רײַכסטאָלער, איז זי אין צװײ טאָג שױן געװען אַזױ װיסט, אַזױװי ס'װאָלט דאַרױף גאָרניט געװאַקסן. איך האָב געהאַט אַ תּביעה צום קאָמי־סאַריאַט פֿערציג טױזנט רײַכסטאָלער. דער קאָמיסאַריאַט איז געװען אין באָרנאַ, איך בין אַהין אַריבערגעפֿאָרן און האָב דערלאַנגט מײַן רעכענונג. דאָ איז שױן געװען אױך באַ גײַן טױזנט רײַכסטאָלער, װאָס מיר איז געקומען פֿון יאָר 1788, װאָס דעמאָלט איז נאָך אָנגעגאַנגען באַנקאָ. דער קרינס־קאָמיסאַריאַט האָט מיר געװאָלט צאָלן מיט אָבליגאַציעס, װאָרום זײ האָבן געהאַט אַ קיניגליכן באַפֿעל, אַז אַלע, װאָס האָבן תּביעות, אַלצײנס אָפּיצירן אָדער אַנדערע, זאָלן באַקומען אָנװײַזונגען אױף שטאָקהאָלם, און דאָרטן זאָלן זײ קריגן אָבליגאַציעס. אַזעלכע אָבליגאַציעס האָבן געהאַט אַ קורס פֿינף און צװאַנציג פּראָצענט װײניגער פֿאַר רײַכסגעלט. רײַכסגעלט איז געשטאַנען צען פּראָצענט נידעריגער קענן באַנקאָ. איך האָב דעריבער ניט געװאָלט נעמען אַזאַ אָנװײַזונג און בין געלענן אין באָרנאַ צען װאָכן און האָב אַרױס־געשטעלט שריפֿטליך קעגנטענות. לסוף האָב איך ניט געקאָנט גאָרניט פּועלן, מ'האָט מיך אָפּגעשיקט צום קיניג, ער קאָן מיר פֿאַרגיטיגן, זײ אָבער

קאָנען ניט אַנדערש, ווי מוז זיך פירן לויט דעם קיניגליכן באַפעל. בכן האָב איך געמוזט נעמען די אָנווייזונג פאַר מיין חוב, איך האָב דערבײַ פאַרלאָרן עלף טויזנט טאָלער אין דעם געלט. איך האָב זיך געטראַכט, דער קיניג וועט נעמען זיין מיט מיר גנעדיג און דאָס מיר פאַרגיטינן. אַזוי בין איך אָפּגעפאָרן אַהיים קיין שטאָקהאָלם.

איך בין אָפּגעווען דריי יאָר אין פינלאַנד. אונטער די גאַנצע דריי יאָר בין איך איין מאָל געווען אין דערהיים. אָבער וואָס פאַר אַן אומגליק האָב איך געטראָפן בײַ מיין אַהיים קומען! מיין איינציגע געליבטע טאָכטער, וואָס איך האָב זי האַרציג ליב געהאַט, וואָס זי איז מיר געווען איינגעבאַקן אין האַרצן, וואָס איך האָב זיך אַזוי געפרייט, איך וועל זי זעהן, איז געווען געשטאָרבן איינציגע טאָג פאַר דעם. איך האָב זיך ניט געקאָנט טרייסטן. אין שטוב בײַ זיך האָב איך געהאַט מיין שנור די אַלמנה, אַ יונג מענש פון 18 יאָר, מיין איידעם מיט זיין איינציג מיידעלע פינף יאָר אַלט. מיין טאָכטער האָט געלעבט מיטן מאַן אַכט יאָר, זי איז אַלט געווען 23 יאָר, ווען זי איז גע־שטאָרבן. מיין שנור האָט ניט געוואָלט פאָרן אַהיים צו איר פאָטער, ד. ה. מיין ברודער. איך האָב איר געזאָגט, — זי איז שוין געווען דריי יאָר אַן אַלמנה און האָט אַרויסגענומען עטליכע הונדערט טאָלער פון איר קאַפּיטאַל צו קליידן זיך, — איך האָב איר געזאָגט, אַז זי האָט בײַ מיר געהאַט אומזיסט קעסט און דירה, אָבער זי האָט שוין פאַרנוצט אונטער דער צייט בײַ דריי הונדערט רייכסטאָלער, בײַ איר פאָטער וואָלט זי דאָס ניט באַדאַרפט אויס־געבן. אָבער זי האָט געהאַט אַ שטיפמוטער, און יענע איז געווען צו שלעכט צו אירע שטיפקינדער. זאָגט זי: „ליבער פעטער, איידער איך זאָל פאָרן אַהיים, איז ליבער וועל איך זיך אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין". איך האָב ליב געהאַט מיין ברודערס קינדער אַזוי ווי מיינע אייגענע, און אַזוי ווי איך האָב מער קיין אייגענע קינדער שוין ניט געהאַט, בלויז דאָס איינציגע אייניקל, האָב איך איר געזאָגט: „אויב דיר געפעלט אַזוי, מיין טאָכטער, איז בלייב בײַ מיר. איך זעה אָבער ניט, אַז דו זאָלסט דאָ קאָנען חתונה האָבן, דאָ געפינט זיך פאַר דיר ניט קיין פּאַסיגער מאַן". זי האָט געוויינט: „ליבער פעטער, פאַרשטויס מיך ניט, איך וויל אין מיין לעבן מער ניט חתונה האָבן". איך האָב דאָס אַלץ געשריבן מיין ברודער.

אַקעגן אַ יאָר נאָך מיין טאָכטערס טויט זאָגט צו מיר מיין איידעם, צי קלערט ניט מיין שנור ווידער חתונה האָבן, זי וועט דאָך ניט פאַרזיצן. ס'איז נים געווען שווער זיך אָנצושטויסן, וואָס ער מיינט דערמיט. זאָג איך, איך האָב ניט געוואוסט, אַז ער וויל דאָס; זי איז געווען גאַנץ היפּש. ער האָט דאָס ניט געלייקנט. איך האָב איר געזאָגט, צי וויל זי ניט חתונה האָבן פאַר מיין איידעם, אָבער זי האָט מיר געגעבן אַ העסליכן אָפּשלאָג. דאָס האָט

מיר זעהר פֿאַרדראָסן, וואָרום ער איז געווען אַ פֿיינער, באַשיידענער מאַן. זאָג איך צו מיין איידעם, ס׳וועט דערפֿון גאָרניט ניט זיין. איך האָב ערנסט געשריבן מיין ברודער, ער זאָל אַהער קומען און אָפּנעמען זיין טאָכטער. איך האָב אים אויך געשריבן, אַז זי האָט מיר אָפּגעזאָגט חתונה צו האָבן פֿאַר מיין איידעם, בכן וואָלט געווען דאָס בעסטע, ער זאָל אַהער קומען און זי אָפּנעמען. לסוף האָב איך געקריגן תשובה פֿון מיין ברודער, אַז ער וועט קומען, עס האָט אָפּגעשטעלט אַ צייט, ווען ער פֿאָרט אַרויס פֿון דערהיים. ער איז אַהער געקומען. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון מיין איידעם פֿון לאַנג שוין, ווען ער איז נאָך געווען אין שווערין. ער האָט גערעדט מיט זיין טאָכטער און האָט איר קלאָר געשטעלט די זאַך, קיין גרעסער גליק קאָן זי ניט האָבן, ווי קריגן אַזאַ מאַן, וואָרום וואָס פֿאַר אַן אומגליק דאָס וואָלט געווען פֿאַר איר, ווען זי זאָל צוריקפֿאָרן קיין שווערין. זי האָט דאָס ניט געקאָנט אַקעגנטון איר פֿאָטער, און ס׳איז געוואָרן אַ וואָרט. איר פֿאָטער איז דאָ פֿאַרבליבן אַ שטיקל צייט, מ׳האָט געמאַכט חתונה, און ער איז אָפּגעפֿאָרן אַהיים.

אונזער קיניג איז געווען אין דראָטנינגהאָלם, און איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו ריידן מיט אים. לסוף, איך האָב שוין געהאַט לאַנג פֿאַרטיג אַ שריפֿט צום קיניג, און אַזוי ווי איך האָב די גאַנצע צייט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט מיט אים איינער אַליין צו ריידן, בין איך אַרויסגעפֿאָרן קיין דראָטנינגהאָלם און האָב שטענדיג געלויערט אין גאָרטן ביז איך האָב אים געטראָפֿן איינער אַליין. איך האָב אָנגעהויבן צו אים ריידן און געבעטן גנאָד. זאָגט ער: „וואָס איז אייער באַגער?“ זאָג איך: „אייער מאַיעסטעט, איר ווייסט וואויל, ווי געטריי איך האָב געדינט די צייט פֿון קריג און ווי איך בין באַצאָלט געוואָרן מיט גרויס שאָדן. מיין געלט איז געלעגן אין קאָמיסאַריאַט נאָך פֿונם יאָר 1788, ווען מיר האָבן נאָך געהאַט באַנקאָ; איצט האָבן זיי מיר באַצאָלט מיט אָבליגאַציעס, איך פֿאַרליר דערביי העלפֿט. זיי האָבן באַ מיר באַשטעלט פֿריש פֿלייש פֿאַרן פֿלאָט, און אַז איך האָב דאָס אויפֿגעשאַפֿט, האָבן זיי דאָס באַ מיר ניט גענומען און האָבן געזאָגט: „מיר האָבן שלום“. זאָגט ער: „יאָ, דאָס ווייס איך אַלץ, האָט איר ניט קיין שריפֿט?“ אָ, יאָ! און איך האָב אים געגעבן די שריפֿט. איך זאָג: איך האָב באַ די צוריקמאַרשן צוויי מאָל שאָדן געהאַט, און האָב מיר קיין איין מאָל ניט געמעלדעט, מ׳זאָל מיר פֿאַרגיטיגן. זאָגט ער: „אין עטליכע טאָג אַרום זאָלט איר זיך מעלדן צום שטאַטס־סעקרעטאַר אַקעזאָן, וועט איר קריגן ענטפֿער“. איך האָב אונטערטעניג געדאַנקט און בין מיר אַוועקגעגאַנגען. אין אַכט טאָג אַרום קום איך צו אַקעזאָנען און זאָג: „דער קיניג האָט מיר אָנגעוויזן צו אייך. איך האָב איינגעגעבן אַ שריפֿט און פֿון אייך זאָל איך קריגן ענטפֿער“. זאָגט ער: „איך ווייס ניט פֿון קיין שריפֿט, דער

קיניג האָט מיר אויך נאָרניט ניט געזאָגט, איר קאָנט קומען אַהער אין פֿערצען טאָג אַרום, איך װעל רײדן מיטן קיניג". דער ראָזינער שטאַטס־סעקרעטאַר איז קײן פֿרײַנט מיר ניט געװען. אין פֿערצען טאָג אַרום בין איך װידער געקומען צו אים. זאָגט ער: „איך האָב געקריגן אײַער שריפֿט, איך קאָן אײַך קײן ענטפֿער ניט געבן, ס'גײט ניט צו אַזױ גיך, דאָס מוז קומען פֿאַרן ראַט". איך פֿרעג, װען זאָל איך קומען נאָך אַמאָל. זאָגט ער: „דאָס קאָן איך ניט װיסן, װען ס'װעט קומען פֿאַרן ראַט". אין פֿערצען טאָג בין איך װידער געקומען צו אַקעװאָן און װידער געקריגן דיזעלבע תשובה. איך האָב געהערט פֿון אַנדערע גוטע פֿרײַנט, אַז מײַן שריפֿט איז געװען פֿאַרן ראַט, און דער רוב האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף מיר פֿאַרגיטינן, אָבער אײניגע (װער, האָט מען מיר ניט געװאָלט זאָגן) האָבן געזאָגט, אַז אין דעם פֿלײש־צושטעלן בין איך אַלײן שולדיג. זײ זײַנען דערנאַנגען אין קאָמיסאַריאַט, אַז איך האָב ניט געװאָלט מאַכן קײן קאָנטראַקט. מ'קאָן אים פֿאַרגיטינן צװײ טױזנט טאָלער מיט אָבליגאַציעס. אײנער האָט געזאָגט, איך קאָן נאָך אויסשטײן דעם שאָדן, איך האָב גענוג פֿאַרדינט. אָבער קײן שריפֿטליכן ענטפֿער האָב איך ניט געקריגן. איך בין געגאַנגען צו מײַן אַדװאָקאַט און האָב זיך װײטער געמאַכט אַ שריפֿט, אָבער אַלץ ניט געקריגן קײן ענטפֿער. איך האָב זיך געטרײסט, אַז איך װעל נאָך האָבן די געלעגנהײט אַלײן צו רײדן מיטן קיניג.

דערװײַל האָט גראַף מונק געשיקט נאָך מיר, איך זאָל צו אים קומען. איך האָב געזאָגט, אַז איך קאָן צו אים הײַנט ניט קומען. איך האָב מער מיט אים ניט געװאָלט האָבן צו טון, װײַל ער האָט מיר דעמאָלט מיט דעם בריליאַנטן־אײנקויף אָנגעמאַכט אַ שאָדן װײניגסטנס צען טױזנט טאָלער. דערצו איז ער ניט געװען מער קײן חשוב בײַם קיניג, ער איז געװען אין אומגנאָד. עטליכע טאָג נאָך דעם האָט ער װידער געשיקט נאָך מיר, איך זאָל צו אים קומען. איך בין גראָד ניט געװען אין דערהײם, האָט מײַן אײדעם געזאָגט, אַז װען איך װעל קומען אַהײם, װעל איך גײן צו אים. אַז איך בין געקומען אַהײם, זאָגט מײַן אײדעם, איך זאָל דאָך גײן צו אים. איך האָב ניט געװאָלט און זאָג צו אים, ער זאָל גײן. ער איז צו אים געגאַנגען, אָבער יענער האָט געזאָגט, אַז איך מוז צו אים קומען. איך האָב זיך געלאָזט איבעררײדן און בין אַװעקגעגאַנגען צו אים. זאָגט ער צו מיר: „איך האָב מיט אײַך מיטלײַד, איר האָט געליטן אַ סך שאָדן און ניט געקריגן קײן שום פֿאַרגיטינונג. װער ס'דינט ערליך און געטרײַ, דעם באַצאָלט מען ניט, אַזױ גײט דאָס מיר אויך. איך װיל אײַך צושאַרן אַ פֿאַרדינסט. איר װײסט דאָך, אַז איך האָב מײַנע גיטער אין פֿינלאַנד, און דאָס געלט, װאָס איך קריג פֿון דאָרטן, דאָס איז פֿאַנעיעלטס צעטלען, דאָ קאָן איך פֿון זײ ניט פּטור װערן

אָהן היזק. איך האָב דרײַסיג טױזנט טאָלער פּאַנעיעלמער, װאָס זאָל איך פֿאַרלירן אַקעגן רײַכסגעלט, װיפֿיל פּראָצענט?“ זאָג איך, זומער זײַנען זײ געװען געפֿאַלן אויף פֿופֿצען פּראָצענט, אָבער איצט איז װינטער, קומען קײן פֿינען ניט, װאָס האָבן דאָ עפּעס צו פֿאַרקױפֿן, קריגן רײַכסגעלט און בײַטן דערפֿאַר פּאַנעיעלמער. אויב דאָס געלט זאָל אויסלינגן ביז זומער, װײסט מען ניט, צי װעט דאָס ניט נאָך מער פֿאַלן, דאָס איז אַ שפּיל. דערצו האָב איך ניט אַזױפֿיל רײַכסגעלט. אָבער איך האָב צװאַנציג טױזנט טאָלער רײַכסגעלט, דאָס איבעריגע אין אָבליגאַציעס, דאָס קאָן איך געבן מיט היזק צװאַנציג פּראָצענט קעגן רײַכסגעלט. זאָגט ער: אַז דערמיט װאָלט ער געװען צופֿרידן, אָבער ער קאָן ניט פֿאַרלירן אויף די פּאַנעיעלמער מער פֿאַר פֿופֿצען פּראָצענט. זאָג איך: אַז דאַרױף קאָן איך ניט אײַנגײן, זאָל ער זיך אָנפֿרעגן אויף דער בערזע, װי זײ שטײען. זאָגט ער: „איך װיל ניט, עמיצער זאָל װיסן, אַז איך בײַט זײ אויס, איך װיל ניט האָבן קײן נאָמען פֿון קײן סוחר, דעריבער װיל איך מיט אײַך האַנדלען און איר מוזט שװײַגן. איך הרגע אײַך אַװעק, אויב איר װעט זאָגן, אַז איר האָט מיר אויסגעביטן פּאַנעיעלמער“. מיר זײַנען זיך ניט צוגעזעגנט/צונױפֿגעגאַנגען, פֿונם האַנדל איז גאָרניט געװאָרן, איך בין געגאַנגען אַהײם. מיר האָבן זיך מישב געװען אין דער זאַך, אַז מיר װאָלטן געקאָנט עפּעס פֿאַרדינען, װען מיר זאָלן זײ קריגן מיט אַכצען פּראָצענט דאַרונטער און זאָלן פֿאָרן דערמיט קײן פֿינלאַנד און אויסבײַטן זײ אויף אָבליגאַציעס. די אָבליגאַציעס שטײען מיט פֿינף און צװאַנציג פּראָצענט נידעריגער פֿאַר רײַכסגעלט און די פּאַנעיעלמער מיט פֿופֿצען פּראָצענט נידעריגער. מיר האָבן שױן געהאַט פֿריהער געקלערט פֿאָרן קײן לײַפּציג, ס'איז בײַ אונדז געבליבן, אַז אונטער אַכצען פּראָצענט קאָנען מיר זײ ניט נעמען, אויב מיר [illegible]לן עפּעס פֿאַרדינען, דערצו נאָך די מאַטערניש פֿאָרן אום װינטער קײן פֿינלאַנד. אין עטליכע טאָג אַרום שיקט ער װײַטער נאָך מיר און באָט מיר זעכצען פּראָצענט, איך װיל נישט, לסוף באָט ער מיר זיבעצען פּראָצענט. זאָג איך: „איך קאָן דאָס אַלײן ניט טון, איר װײסט, אַז מײַן אײדעם איז מיט מיר שותּפֿות. איך װעל זיך מיט אים מישב זײַן און אײַך געבן ענטפֿער“. איך בין געגאַנגען אַהײם און איבערגערעדט מיט מײַן אײדעם. מיר האָבן אים געקענט, ער איז געװען זײער קאַרג, מיר האָבן זיך געזאָגט: געװיס קאָן ער זײ ניט בעסער אויסבײַטן אין דער גאַנצער שטאָט, װײניגער זאָלן מיר ניט נעמען, אײנס פּראָצענט אויף דער סומע מאַכט אויס דרײַ הונדערט רײַכסטאָלער. בכן האָבן מיר געשיקט דורך אונדזער דינער אַ פֿאַרחתמעטן בריװ: מיר קאָנען ניט נעמען װײניגער װי מיט אַכצען פּראָצענט דאַרונטער. דאָס דינגען זיך האָט געדרויערט אוודאי פֿערצען טאָג. לסוף זײַנען מיר דורכגעקומען, ער האָט אונדז

באַשטעלט אַן אָוונט. מיר זיינען געקומען צו אים, איך האָב באַ זיך געהאַט די סומע געלט. זאָגט ער: „איך האָב מיט אייך געכטן אָפּגערערט אויף דרייסיג טויזנט רייכסטאָלער, אָבער איך האָב שוין אויף דריי טויזנט רייכסטאָלער אויסגעביטן באַם סוחר עקהאָלם צו זיבעצען פּראָצענט ראַרונ־טער". ער האָט מיר געוויזן אַ וועקסל אויף אַ חודש קרעדיט. זאָג איך, מיר וואָלט ניט אויסגעמאַכט, ער זאָל האָבן אויסגעביטן נאָך מער. ס'זיינען געווען לויטער צוויי־טאָלער־צעטלען. מיר האָבן אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס און נאָך אַ נאָזטיכל הינטער דעם פּעלץ, ער האָט אונז נאָך 'אַמאָל פאַרבאָטן, מיר זאָלן ניט זאָגן, אַז מיר האָבן אים אויסגעביטן. איך האָב זיך געגרייט צו פאָרן קיין אַבאָ. איך האָב מיטגענומען איינעם פון מיינע דינסטמענשן, איך האָב אויך מיטגענומען פינף הונדערט שטיק דוקאַטן, וואָרום אין פינלאַנד קרינט מען פאַר זיי מיט עטליכע שילינג מער, איידער דאָ. מיין באַדינער האָט אויך מיטגענומען פאַר עטליכע טויזנט רייכסטאָלער גאַלאַנטעריי־סחורה.

מיר זיינען געפאָרן קיין אַבאָ. איך האָב דאָרטן געהאַט עטליכע באַקאַנטע, אַ גאָלדשמיד, וואָס האָט באַ מיר שטענדיג גענומען דוקאַטן, אויך אַ גאַרבער, וואָס האָט געקויפט באַ מיר רינדלעדער בעתן קריג. איך האָב דאָרט אויך געהאַט אַ באַקאַנטן באַאַמטן פון קריגסקאָמיסאַריאַט. איך בין געגאַנגען צו דעם גאָלדשמיד און האָב אים געפרעגט, צי דאַרף ער ניט קיין דוקאַטן. ער האָט מיר אויסגעביטן הונדערט שטיק. איך פרעג אים, צי וויל ער מיר ניט אויסבייטן פאַנעיעלמער אונטער דער פּרייז. מיר זיינען דורכגעקומען פאַר עטליכע הונדערט רייכסטאָלער, און איך האָב באַ אים געקריגן רייכסגעלט. איך בין געגאַנגען צום גאַרבער, און יענער האָט מיר אויסגעביטן פאַנעיעלמער פאַר טויזנט פינף הונדערט רייכסטאָלער, האָב געקריגן באַ אים אַביסל באַנקאָ, אָבלינאַציעס און רייכסגעלט. איך האָב געשיקט מיין באַדינער אין צוויי קליינע שטעטלאַך אַ פּאָר מייל פון אַבאָ; דאָרט האָבן געוואוינט אַ סך מענשן, וואָס פלעגן שטענדיג קומען מיט האָלץ קיין שטאָקהאָלם. ער האָט היפּש אויסגעביטן און איז צוריקגעקומען. אין זיין אויסנוייזן איז געקומען צו מיר דער גאָלדשמיד און זאָגט, ער האָט נאָך עטליכע הונדערט רייכסטאָלער, וואָס ער וויל אויסבייטן. איך בין געגאַנגען צו אים, מיר האָבן זיך אויסגעגלייכט און איך האָב אים צוגעציילט 'די פאַנע־יעלמער. ער זאָגט: „האָט איר ניט קיין קליינע צעטלען, איצט זיינען זיי דאָ קנאַפּ פאַראַן. די צוויי־רייכסטאָלער־צעטלען זיינען שוין געווען אַזוי זעלטן, און איצט זעהט מען ניט קיין אַנדערע, נאָר די צוויי־רייכסטאָלער־צעטלען. דאָ קומען פאַר אַזוינע פאַלשקייטן, מ'האָט שוין דאָ אַרייגעזעצט לייט, וואָס האָבן געמאַכט פאַלשע צוועלף־שילינג־צעטלען און צוויי־רייכסטאָלער־צעטלען. מ'קאָן ניט זיין גענוג אָפּגעהיט, דערצו קומט דאָס אויס זעהר חרושדיג,

װאָס מ'זעהט נאָר די צװײ־רײכסטאָלער־צעטלען". זאָג איך: דאָ קאָן קײן פאַלשקײט ניט זײן, זײ זײנען אַלע דאָ געדרוקט בײַ דעם היגן בוכדרוקער, מ'קאָן בײַ אים אָנפרעגן. איך האָב שױן דאָ געהאַט אױסגעביטן זיבעצען טױזנט רײכסטאָלער, איך האָב שױן אױך געהאַט געשיקט פאַר זעקס טױזנט רײכסטאָלער אָבלינאַציעס אַהײם צו מײן אײדעם. ס'איז מיר געבליבן נאָך אַביסל אױסצובײַטן און איך האָב שױן געקלערט פאָרן קײן לײפּציג.

עטליכע טאָג נאָך דעם, װי איך בין געװען בײַ באָרנסטרעם, — אַזױ האָט געהײסן דער גאָלדשמיד —, זײנען געקומען צו מיר דרײ מאַן פון דער שטאָט־װאַך, אַן אונטעראָפיציר און אַ גרױסער המון. זײ זײנען האַסטיג אַרײן, האָבן פאַרחתמעט מײן קיפערט, האָבן מיך אַרױסגעשלעפּט פון מײן צימער און האָבן דאָס פאַרחתמעט, און איך האָב געמוזט מיט זײ מיטגײן אַלס אַרעסטירטער אין דער קאַנצעלאַריע. די גאַנצע שטאָט איז געװען אױף. איך האָב ניט געװאוסט װאָס, איך האָב זיך פּירגעשטעלט: מײן באַרינער האָט פאַרקױפט עטליכע זאַכן אין שטאָט און האָט זיך ניט געמעלדעט אין קאַנצעלאַריע מיט זײן פּאַס, דעריבער רופט מען מיך. איך בין אַרײן אין שלאָסקאַנצעלאַריע: זי איז פול געפּאַקט מיט מענשן. דער גאָלדשמיד איז דאָ געשטאַנען, דער לאַנדסעקרעטאַר און אַ נאָטאַריוס איז געזעסן. דער גאָלדשמיד פרעגט מיך, צי האָב איך מיט אים ניט געביטן, און װאָס האָבן מיר אױסגעביטן. זאָג איך, איך האָב דאָ מײן טאַשנביכל, און האָב איבערגעלײענט פון דאָרט, װאָס ער האָט געקריגן בײַ מיר פון דוקאַטן און פּאַגעיעלמער. ער האָט אױך געהאַט זײן רעכענונג, זאָגט ער, ס'איז ריכטיג. „האָט איר ניט געזאָגט, אַז איך מעג זיך אָנפרעגן בײַם היגן בוכדרוקער, צי די דאָזיגע צעטלען זײנען ריכטיג, װײל קײן אַנדערע צעטלען, חוץ הי, זײנען ניט געדרוקט געװען?" זאָג איך: יאָ! זאָגט ער: „דאָ שטײט דער הער מאַגיסטער — אַזאַ טיטל האָט געהאַט דער בוכדרוקער, יענער זאָגט: אײערע צעטלען זײנען פאַלשע; ער האָט זײ ניט געדרוקט". דערבײַ איז געשטאַנען נאָך אַ סעקרעטאַר, ער האָט געהײסן לונד. ער איז געװען אין דער שטעמפּלקאָנטאָר אין באָרנאַ, װאו ס'האָט געשטעמפּלט די אַכט־שילינג־צעטלען, װאָס איך האָב דאָס אױסגערעכנט. דער דאָזיגער סעקרעטאַר האָט זײ אונטערגעשריבן. מ'פרעגט אים, צי איז דאָס זײן אונטערשריפט. זאָגט ער, ס'זעהט אױס נוט נאָכגעמאַכט, אָבער ס'איז פאַלש. אהרון האָט געמאַכט די ערשטע, מסתמא האָט ער געמאַכט די לעצטע אױך. ס'איז מיך באַפאַלן אַזאַ שרעק, אַז איך בין געפאַלן חלשות. לסוף האָט מען מיך אױפגעמונטערט, אױפגעהױבן און אַװעקגעזעצט אױף אַ שטול. דער לאַנד־סעקרעטאַר איז געװען זעהר אַ לײטישער מענש, זאָגט ער צו מיר: „װאָס זײט איר אַזױ איבערגעשראָקן, איר מוזט דאָס װיסן, בײַ װעמען האָט איר זײ

גענומען". איך בין געקומען צו זיך און זאָג, איך וועל דאָס געוויס זאָגן, אָבער דאָ זיינען צו פיל מענשן, וואָרום איך האָב זי געקריגן באַ אַ גרויסן מאַן. אין קאַנצעלאַריע זיינען געווען די אַלע, וואָס האָבן באַ מיר געביטן. דער לאַנדסעקרעטאַר האָט זיי געבעטן, זיי זאָלן אָפּטרעטן. זיי זיינען אַלע אָפּגעטרעטן, אָבער דער פיסקאַל האָט ניט געוואָלט. ער זאָגט: „איך בין דער אָנקלאָגער, איך דאַרף דאָס אויך וויסן". אָבער מ'האָט אים געהייסן זיך דערווייטערן. ס'איז געבליבן ניט מער ווי דער לאַנדסעקרעטאַר, דער נאָטאַריוס און איך. דער לאַנדסעקרעטאַר פרעגט מיך, באַ וועמען האָב איך זיי גענומען, זאָג איך: באַם גראַף מונק. ער איז געבליבן שטיל און האָט געקוקט אויפן נאָטאַריוס אַ היפּשע ווײלע. איך האָב זיך דאָס באַמערקט און קלער זיך, דאָ איז עפּעס. לסוף זאָגט ער: „ליבער פריינט, איך האָב אייך קיינמאָל ניט געקענט, אָבער איך האָב אַ סך פון אייך געהערט, אַז איר זייט דאָ געווען באַ דער אַרמײ און אַן ערליכער מאַן. האָט איר עדות, אַז איר האָט זיי באַ אים געקריגן?" ניין, קיינער איז דערבײ ניט געווען חוץ מיר און מיין אײדעם. איך האָב מיט אים אָפּגעמאַכט אויף דרייסיג טויזנט טאָלער, און ווי איך בין צו אים אויף מאָרגן געקומען אָפּנעמען דאָס געלט, האָט ער נאָר געהאַט זיבן און צוואַנציג טויזנט טאָלער. ער האָט מיר געוויזן אַ וועקסל פונם סוחר עקהאָלם אויף אַ חודש. באַ אים האָט ער אויסגעביטן מיט אַ פּראָצענט וועלוועלער דרײ טויזנט רײכסטאָלער, מער ווייס איך ניט צו זאָגן. דער נאָטאַריוס האָט דאָס אַלץ פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל, נאָכדעם זאָגט ער: „מיין פריינט, אייער קיפערט, וואָס איר האָט, וועל איך הייסן אַהער אַרויפטראָגן, איר קאָנט דאַרויף אַרויפלייגן אייער שטעמפּל. איר וועט האָבן הויז־אַרעסט מיט סאָלדאַטן". מ'האָט אַריינגערופן דעם פיסקאַל. דער לאַנדסעקרעטאַר זאָגט צו אים, ער זאָל אַרויפברײנגען מיינע זאַכן און מיר געבן הויז־אַרעסט מיט סאָלדאַטן. זאָגט דער פיסקאַל: „איך וועל ניט געבן קיין הויז־אַרעסט, ס'שטייט אין געזעץ, ווען מ'כאַפּט אײנעם מיט פאַלש געלט, זאָל מען אים שמידן אין קייטן און שטאַרק היטן". בכן זאָל מען מיך אַריינזעצן אין קעלער אונטער דער קאַנצעלאַריע. זאָגט דער לאַנדסעקרעטאַר, ער זאָל אַזוי ניט האַנדלען, דער דאָזיגער מאַן איז ניט קיין גנב. ער אָבער זאָגט, אַז ער פירט זיך לויט אונזער געזעץ. זאָגט דער לאַנדסעקרעטאַר: „גייט אַריין אַהין און גלייכט זיך אויס". ס'איז געווען אַ באַזונדער קאַמער אין דער קאַנצעלאַריע. ווי מיר זיינען אַריינגעגאַנגען, — איך האָב געהאַט דוקאַטן אין קעשענע, — האָב איך גענומען אַ האַנט פול און האָב דאָס אים אַריינגעשטעקט אין האַנט. ער האָט זיי ניט געציילט, איך האָב זיי אויך ניט געציילט. ער האָט מיר געדאַנקט, געדריקט די האַנט און זאָגט: „איך בין אייער פריינט". מיר זיינען צוריק

אַרייננעגאַנגען. דער לאַנדסעקרעטאַר פרעגט, צי מיר האָבן זיך שוין אויסגעגלייכט. זאָגט דער פּיסקאַל: „איך גיי מיט אים אויף זיין קוואַרטיר, וויפיל סאָלדאַטן וואַך זאָל איך נעמען?“ זאָגט דער לאַנדסעקרעטאַר, נאַנץ נענוג צוויי מאַן. זאָגט דער פּיסקאַל, מ'קאָן ניט וויסן, ס'איז מיגליך, אַז דער המון זאָל אים באַפאַלן, ווי ריידן אַזוי שלעכט, דער המון; בעסער וועט מען נעמען פיר: צוויי פאַרן טויער און צוויי פאַר דער טיר. דער נאַנצער המון איז אונז נאָכגעגאַנגען, מיר זיינען געקומען צו דער קוואַרטיר, האָבן זיי זיך אַלע געוואָלט אַריינרייסן. דער פּיסקאַל האָט געמוזט ברייננען נאָך צוויי מאַן וואַך. פון שרעק בין איך קראַנק געוואָרן און געלעגט זיך צו בעט.

ס'איז געקומען צו מיר צו גיין מיין אַ גוטער פריינט, אַ קאַפּיטאַן, האָט מיטגעפילט מיין צער, ער זאָגט צו מיר: „ליבער אהרון, איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרטרויען, איך שווער אייך. ס'קאָן מיגליך זיין, אַז איך זאָל אייך העלפן, זאָגט מיר נאָר דעם אמת, וואו האָט איר דאָס גענומען“. איך בין געווען זיכער אין דעם מענטשנס ערליכקייט און האָב אים דערציילט די נאַנצע געשיכטע. זאָגט ער: „דאָס איז גוט, מונק איז מיינער זעהר אַ גוטער פריינט, איך שיק צו אים באַלד אַ קוריער, ער זאָל אַהער שרייבן, אַז מ'זאָל אייך אַרויסלאָזן, ער וועט ניט לייקענען. איר קאָנט שרייבן אַ בריוו צו אייער איידעם און ערגערט זיך ניט, ס'וועט אַלץ גוט זיין“. איך האָב באַלד אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיין איידעם, דער קאַפּיטאַן האָט אַוועקגעשיקט אַ קוריער קיין שטאָקהאָלם. ס'איז געווען אַזאַ אויפלויף, אַז די סאָלדאַטן האָבן געהאַט גענוג צו טון אָפּצוהאַלטן דאָס פאָלק. מ'האָט וועגן דעם ױסמעלדעט דעם בירגערמייסטער. דאָס איז געווען אַ בראַווער מאַן. ער האָט געהייסן, מ'זאָל מיר געבן אַ גוט אָרט אין ראַטהויז. מיין בעל־הבית, וואו איך האָב געוואוינט, האָט מיר אַרויפגעשיקט אַ גוט בעט. איך בין אָבער געווען זעהר קראַנק, דריי טאָג האָב איך גאָרניט געגעסן, און דער פּיסקאַל, אויך מיין באַרינגער האָבן געוואָלט נישט אַנדערש, איך זאָל שיקן נאָך אַ דאָקטאָר. איך האָב ניט געוואָלט קיין דאָקטאָר, איך האָב מורא געהאַט, זיי זאָלן ניט אָפּמאַכן מיטן דאָקטאָר, ער זאָל מיר עפּעס איינגעבן צום שטאַרבן. דער בירגערמייסטער און די ראַטמענער זיינען אַלע אַריינגעגאַנגען צו מיר און האָבן מיך צוגערעדט, אָבער איך האָב ניט געוואָלט הערן פון קיין דאָקטאָר. ס'איז צו מיר אַריינגעקומען איינער, גערעדט צו מיר אויף דייטש, ער האָט מיך געקענט, מיך אָנגערופן באַם נאָמען. „איר קענט מיך ניט? איר זייט געקומען קיין שטאָקהאָלם פונקט, ווען איך בין געקומען. איך בין געווען באַם כירורג לערנען און בין זעהר אָפט געווען באַ אייך“. איך האָב אים דערקענט. ער זאָגט: „איך בין דאָ פעלדשער אין פאָלק, איך וועל אייך עפּעס פאַרשרייבן; אויב איר וועט דאָס ניט איינגעמען, קאָנט איר

נעפּערליך קראַנק װערן און שטאַרבן". זאָג איך: ס'איז דאָך אַלצאײנס, שטאַרבן פֿון אַ קרײנק אָדער פֿון אַ רעצעפּט. זאָגט ער: „מײנט איר באמת, אַז מ'װיל אײך פֿאַרסמן; איך װאָלט זיך קײנמאָל ניט נעריכט, אַז איר זאָלט מיך האַלטן פֿאַר אַזאַ פֿאַרדאָרבענעם מענשן, איך װעל אַלײן פֿריהער אײננעמען אַביסל". ער האָט מיר פֿאַרשריבן אַ רעצעפּט, האָט דאָס מיר נעבראַכט און האָט דערפֿון אַלײן אײננענומען. דער מענש האָט מיר אַ סך גוטס נעטאָן, האָט מיר נעהאָלפֿן צו מײן נעזונט. איך האָב געהאַט אַ סך גוטע פֿרײנט, װאָס פֿלעגן קומען צו מיר און טרײסטן.

צו גראַף טונק איז נעקומען דער קוריער מיט דעם בריװ צו מײן אײדעם. ער האָט נעשיקט רופֿן מײן אײדעם, האָט אים אָפּנעגעבן דעם בריװ און זאָגט, װאָס פֿאַר אַן אומגליק דאָס איז, װאָס איך בין געפֿאָרן קײן אַבאָ, „אָבער איר װעט זעהן, אַז איך בין ערליך, איך װעל זעהן אַרױסצונעמען אײער שװער". ער איז נעגאַנגען צו נענעראַל קלינגשפּאָרן –, דאָס איז געװען דער גובער־נאַטאָר איבער פֿינלאַנד —, און האָט אים מורה נעװען, אַז ער האָט באַ מיר אויסנעביטן די פּאַנעיעלמער; ער זאָל אַזױ גוט זײן און שרײבן דעם מאַניסטראַט אין אַבאָ, זײ זאָלן מיך ניט באַלײדינן, איך בין אַן ערליכער מאַן. דער בירגערמײסטער האָט נעקרינן דעם בריװ. ער אַלײן איז צו מיר נעקומען, דער בירגערמײסטער, און פֿרענט מיך, צי האָט ער מיך באַלײ־דינט. זאָג איך: „איר האָט מיר אַ סך גוטס נעטאָן". ער האָט מיר איבערנעלײענט נענעראַל קלינגשפּאָרנס אַ בריװ, זײ זאָלן מיך ניט האַלטן שטרײנג, זײ זאָלן מיר מאַכן באַקװעמליכקײטן. איך בין אַן ערליכער מאַן, ס'װעט זיך אַלץ באַװײזן צום סוף. „נו, — זאָגט דער בירגערמײסטער, — איך האָב אײך שױן נעכטן געזאָגט, אויב איר װילט גײן ערגעץ, איז נעמט מיט אײך מיט אַ סאָלדאַט. מיר װײסן שױן אַ סך". װאָרום דער גראַף האָט שױן נעשיקט זעקס טױזנט רײכסטאָלער אין שלאָסקאַנצעלאַריע, אויך אַזױנע פּאַנעיעלמער, מ'זאָל דאָס אים אויסבײטן אויף רײכסגעלט. אָבער דער בירגערמײסטער האָט דאָס מיר ניט דערצײלט.

ס'איז נעקומען אַ סוחר פֿון לאָװיזאַ צו אַ סוחר קײן אַבאָ, אײנער פֿון די גרעסטע סוחרים. ער איז נעװען אַ ראַטמאַן, ער האָט נעהײסן טראַפּ. ער האָט נעװאָלט באַ טראַפּן קויפֿן סחורה און איז איבער נאַכט געװען באַ טראַפּן. דער האָט אים דערצײלט, אַז מ'האָט מיך דאָ אַרעסטירט, איך האָב דאָ נעביטן אַ סך פּאַנעיעלמער, און אַלע פֿאַלשע. איך מוז נאָך דער־מאָנען, אַז דער לאַנדסעקרעטאַר, װי דער פֿיסקאַל האָט אים נעבראַכט מײן קיפֿערט, האָט נעזאָגט: „איך קאָן דעם דאָזינן פּראָצעס ניט אָננעמען, איך מוז מאָרגן אָפּפֿאָרן װענן קרױנגעשעפֿטן און קום צוריק אַהײם ניט פֿריהער

ווי אין פערצען טאָג אַרום. טראַגט אָפּ דעם קיפערט די קעמנערסראַטן, מאָרגן וועל איך אַהין אָפּשיקן דעם פּראָטאָקאָל אויך". בכן איז ווי נאָר איך בין נעזונט געוואָרן, האָב איך נעמווט אַלע טאָג נייַן אַהין, האָבן שוין אַלע געוואוסט, וואָס איך האָב נעזאָגט אין דער שלאָסקאַנצעלאַריע. דער לאָוויזער סוחר זאָגט: „איך האָב אייערנעכטן נעבעטן באַם סוחר ענאָניוס דריי הונדערט רייכסטאָלער פּאַנעיעלמער, ער האָט נעקרינן פון דער פּאָסט אַ גרויסן פּאַקעט מיט פּאַנעיעלמער, ס'קאָן זיין, אַז די זיינען אויך פּאַלשע". זאָגט טראַפּ: „לאָזט מיך אַ קוק טון". האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דאָס זיינען טאַקע די אייגענע. טראַפּ איז נעקומען צו מיר און דאָס אַלץ מיר דערציילט. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע טרייסט. ס'איז געווען אַן אַפּטייקער פון סענטסמיכעל, ער איז נעקומען קיין אַבאָ באַלד ווי איך בין אַרעסטירט געוואָרן. ווען איך בין שוין געווען פיר וואָכן אַרעסטירט, איז דער אַפּטייקער ווידער געקומען קיין אַבאָ און דערציילט, ס'איז נעקומען צו אים אַן אָפיציר און האָט אים געפרעגט, צי וויל ער ניט בייטן פּאַנעיעלמער פאַר רייכסגעלט. זאָגט ער: „יאָ, דאָס קאָן איך טון, וויפיל האָט איר פּאַנעיעלמער?" זאָגט ער: „איך האָב פאַר דרייסיג טויזנט רייכסטאָלער". זאָגט ער: „ברייַנגט אַרייַן אייער קיפערט, מיר וועלן זעהן דורכקומען". דער אַפּטייקער האָט אים געבעטן, ער זאָל עפענען דעם קיפערט, ער האָט באַ אים געוואָלט בייטן עטליכע טויזנט רייכסטאָלער, און אַז ער האָט זיך צו זיי צוגעקוקט, זיינען זיי אַלע געווען פּאַלשע. ס'איז געווען נאָר אַ קליינער סימן, מ'זאָל דאָס דער־קענען. דער אַפּטייקער זאָגט צו אים: „מיין פריינט, די דאָזיגע צעטלען זיינען אַלע פּאַלשע, איך קאָן זיי אייך ניט לאָזן, איך מוז זיי האָבן באַ זיך, אַ איד זיצט אַרעסטירט אין אַבאָ, ער האָט אויך געביטן אַזוינע פּאַלשע צעטלען. אָבער אַז איר וועט מיר אויסזאָגן דעם אמת, באַ וועמען איר האָט זיי נעקריגן, וועל איך אייך ניט אומגליקליך מאַכן". יענער זאָגט, ער האָט זיי באַקומען אויף קאָמיסיע פון גראַף מונק, ער זאָל זיי אויסבייטן. זאָגט דער אַפּטייקער: „איך וועל אייך ניט אומגליקליך מאַכן, אָבער מאַכט זיך אַליין ניט אומגליקליך און בייט ניט אַזוינע פּאַלשע געלטן". זאָגט ער: „איך וועל קיין איין שטיק ניט בייטן, איך פאָר באַלד צוריק קיין שטאָקהאָלם און גיב זיי צוריק אָפּ מונקען". אַזוי האָט דער אַפּטייקער דערציילט, און איך האָב דאָס באַלד געקריגן צו וויסן; דאָס איז מיר געווען אַ גרויסע הילף צו מיין אומשולד. אָבער מיין איידעם אין שטאָקהאָלם האָט דערפון גאָרניט נעוואוסט, ער האָט נאָך אַלץ נעמיינט, אַז מונק וועט דאָס לייקענען. דערצו נאָך בין איך אין פינלאַנד, וואו גראַף מונק איז אַ געבוירענער און האָט דאָ אַלע זיינע פריינט, דער אַמטהויפּטמאַן נעהער אויך צו זיין פאַמיליע. אָבער ער איז ניט געווען אין דערהיים, וואָרום ס'איז געווען רייכסטאָג אין געפלע.

מיין איידעם איז דעריבער נעפאָרן קיין נעפלע צו ריידן וועגן מיר מיטן קיניג. ער האָט נערעדט מיטן קיניג, האָט אים פירגעשטעלט מיין אומגליק: אין אַבאָ קען איך קיינעם ניט, און אַזאַ שווערער אַרעסט. דער קיניג האָט אים נעטרייסט און נעזאָגט: „איך וועל שיקן קיין אַבאָ, פאָרט אַהיים".

ס'איז נעווען זעהר אַ שווערער ווינטער, מיטן גלייכן וועג האָט מען קיין אַבאָ ניט נעקאָנט פאָרן איבער די אָזערעס, נאָר מ'האָט נעמוזט פאָרן פון צפון־ווייט אַרום און אַרום; דאָס איז נעווען באַ דריי הונדערט מייל. דער קיניג האָט נעשיקט פיר נעפלע אַ פאָלקאָווניק יענערהאָרן און אַ באַפולמעכטינן קיין אַבאָ; זיי און דער יוסטיצקאַנצלער יעאָריוס אין אַבאָ זאָלן דאָס זיין די קאָמיסיע, זיי זאָלן מיך פאַרהערן. זיי זיינען נעווען דריי וואָכן אין וועג פון נעפלע קיין אַבאָ. כמעט אַלע טאָג פלעגט מען מיך רופן צו די קעמנערס־ראַטן און אויספרעגן, אָבער אַלץ קליינינקייטן: ווען איך האָב אויסגעביטן און וואָס האָב איך דערפאַר נעקרינן. אָבער דער עיקר איז נעווען דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט אין דער שלאָסקאַנצעלאַריע, האָב איך דאָ אויך אַנדערש ניט געקאָנט זאָגן. פון די צוויי שטעט, וואוהין איך האָב נעשיקט מיין באַרינער, און ער האָט דאָרט אויסגעביטן עטליכע טויזנט רייכסטאָלער, איז מען אויך נעקומען אַהער און מ'האָט זיך באַקלאָגט, זיי ווילן צוריק האָבן זייער געלט. איך האָב געזאָגט: איך פאַרלאָז זיך אויפן געריכט, ווי זיי וועלן זאָגן, וואָרום געלט האָב איך נעהאַט אין מיין קיפערט. איין אָוונט, איך בין געזעסן אין מיין וואַכשטוב, קומט צו מיר אַריין דער באַפולמעכטינטער ריקמאַן פון שטאָקהאָלם און זאָגט מיר, מאָרגן צען אַזייגער זאָל איך קומען צום פאָלקאָווניק יענערהאָרן, דער קיניג האָט אים געשיקט פון נעפלע אַהער. ער האָט מיר דערציילט פון מיין איידעם, אַז ער איז נעווען באַם קיניג, און דער קיניג איז נעווען זעהר גנעדיג און נערעדט מיט אים. צו מאָרגן איז ריקמאַן נעקומען און האָט מיך נערופן. איך בין אַריינגעקומען, איז געזעסן יענערהאָרן און יוסטיצקאַנצלער יעאָריוס, וואָס איך האָב אים ניט געקענט. יענערהאָרן זאָגט צו מיר: „הייסט איר אהרון איזאַק?" יאָ, זאָג איך. זאָגט ער: „איך האָב אַ גרוס צו אייך פון גוסטאַוו דעם דריטן. ער ווייסט, אַז איר זייט אַן ערליכער מאַן. דאָ האָט איר צוועלף פאַנעיעלמער צעטלען, זיי זיינען באַהעפט מיט אַ פאָדים, און דער קיניג האָט דאַרויף זיין שטעמפּל געלעגט. איז דאָס פון די צעטלען, וואָס איר האָט אויסגעביטן באַ מונקן?" זאָג איך: יאָ! ער האָט מיך אָנגעהויבן פאַרהערן. „איר האָט דאָך געמאַכט די שטעמפּלען צו די ערשטע פאַנעיעלמער, דאַרפט איר דאָך דערקענען אייער אַרבעט". זאָג איך: ס'זיינען פאַראַן נאָך שטעמפּלקריצער, וואָס מאַכן דאָס אַזוי גוט, ווי איך. ער האָט גענומען אַ צעטל נים קיין פאַלש און ווייזט מיר די שטעמפּלען איינס קעגן אַנדערן און זאָגט: „זיי זיינען ביידע

גלײַך, איר האָט זײ בײַרע געמאַכט, דאָס איז זיכער". ער האָט מיר געשטעלט אַ סך פֿראַגן. דאָס האָט געדויערט איבער צװײ שעה. לסוף זאָגט ער צום יוסטיצקאַנצלער: „װאָס זאָגט איר דאַרױף, ער װיל ניט מודה זײַן, כּלומרשט האָט ער ניט געװאוסט, אַז דאָס זײַנען געװען פֿאַלשע צעטלען?" זאָגט דער יוסטיצקאַנצלער: „איך האָב שױן געכטן געזען די אַקטן און מוז אָפֿן זאָגן, אַז איך קאָן אהרון איזאַק ניט בּאַשולדיקן, אַז ער האָט געװאוסט, אַז דאָס איז פֿאַלשע צעטלען, װאָרום װען ער זאָל דאָס האָבן געװאוסט, װאָלט ער אַהער ניט געקומען, װאו אַלע אַנדערע צעטלען זײַנען געװען געדרוקט און װאָלט ניט צוגערעדט, מ'זאָל זיך אָנפֿרעגן בּאַם הינן בּוכדרוקער". יעגערהאָרן נעמט דאַן אַרױס אַ בּאַפֿעל פֿונם קיניג און לײענט: „דער איר אהרון איזאַק זאָל פֿאָרן קײן שטאָקהאָלם מיט דעם בּאַפֿולמעכטיגטן דיקמאַן, אָבער דיקמאַן זאָל אים ניט הײסן, װי אַזױ צו פֿאָרן, אהרון איזאַק פֿאָרט לױט זײַן בּאַדערפֿניש". ער פֿרעגט מיך, װען איך װיל פֿאָרן. זאָג איך, איך האָב דאָ נאָך אַ סך צו טון, איך װיל צוריק אײַנלײזן די צעטלען, װאָס איך האָב דאָ אין שטאָט אױסגעבּיטן אַזױפֿיל, װיפֿיל איך האָב בּאַ זיך רײַכסגעלט. זאָגט יעגערהאָרן, דאָס קאָן איך טון, װי איך װיל, קײנער קאָן מיר דאָ ניט שטערן, דער אָרדער איז פֿונם קיניג. „װען איר װעט װעלן אַרױסגײן, קענט איר מיטנעמען מיט דיקמאַנען". דאָס איז געװען דאָנערש־טאָג. איך בּין אַרומגעגאַנגען און האָב צוריק געבּיטן די פֿאַנעיעלמער אַזױפֿיל, װיפֿיל איך האָב געהאַט רײַכסגעלט. פֿרײַטאָג אָװנט זײַנען געקומען דרײַ קאָמיסאַריאַט־בּאַאַמטע קײן אַבאָ און פֿרעגן מיך, צי איך בּין שױן פֿרײַ. זײ האָבן געהערט, אַז איך בּין שױן אַרױס רײן, זײ װילן מאָרגן פֿאָרן קײן שטאָקהאָלם, צי װיל איך ניט פֿאָרן מיט זײ? זאָג איך: נײן, מאָרגן איז שבּת, און צװײטנס פֿעלן מיר פֿינף טױזנט רײַכסטאָלער, װאָס איך מוז אומקערן פֿאַר פֿאַנעיעלמער. דאָס האָבן געהערט די לײַט פֿון די צװײ קלײנע שטעטלאַך, זאָגן זײ, װען איך זאָג זײ צו, אַז זונטאָג פֿאָר איך מיט זײ, איז װאַרטן זײ אױף מיר. זאָג איך, איך קאָן פֿון דאַנען ניט אָפּפֿאָרן, איך מוז נאָך אײַנלײזן פֿאַנעיעלמער פֿאַר פֿינף טױזנט רײַכסטאָלער און איך האָב ניט קײן רײַכסגעלט. זאָגן זײ, אַז זײ װעלן דאָס שאַפֿן, איך זאָל זײ נאָר זאָגן, אַז זונטאָג פֿאָר איך מיט זײ. איך האָב זײ געמוזט געבּן אַ האַנט, אַז זונטאָג פֿאָר איך מיט זײ. זײ זײַנען געגאַנגען אין ראַטהױז און האָבן זיך געבּעטן געבּן די רעכענונג, װיפֿיל דאַרף איך נאָך אײַנלײזן פֿאַנעיעלמער, זײ װילן האָבן די רעכענונג אין בּאַצאָלן דאָס געלט. זאָגט דער בּירגער־מײַסטער, זײ קאָנען קריגן די רעכענונג און בּאַצאָלן, אָבער די פֿאַנעיעלמער קריגן זײ ניט, זײ װערן אַלע פֿאַרפּאַקט אין קיפֿערט און מ'שיקט זײ אָפּ מיט אהרון איזאַקן קײן שטאָקהאָלם, זײ װעלן פֿאַרחתמעט װערן מיטן מלוכה־

שטעמפּל. זאָגן זיי, די פּאַנעיעלמער דאַרף מען ניט. אָבער איך האָב ניט געוואוסט, ווער האָט באַצאָלט דאָס געלט. זונטאָג אין דער פֿריה בין איך זיך געגאַנגען געזעגענען מיט די אַלע מענשן, וואָס זיינען מיר באַקאַנט געוואָרן בעת איך בין געווען אַרעסטירט. קיין באַפּולמעכטיגטער איז מיט מיר ניט געגאַנגען, נאָר איך און מיין באַדינער. מיר זיינען געקומען צו מיר אויף דער קוואַרטיר, די דריי קאָמיסאַריאַטלייט זיינען אויך דאָ געווען קוואַרטיר. דער האַפּן האָט זיך געשטעלט, אַזוי אַז מיר האָבן געקאָנט פֿאָרן אין שליטנס. יערער האָט געמוזט האָבן צוויי שליטנס. ס׳זיינען מיטגעפֿאָרן נאָך אייניגע פֿאַרשוינען. מיר זיינען אָפּגעפֿאָרן. ווי מיר זיינען געקומען עטליכע מייל פֿון אַבאָ אין אַ נאַסט־הויז, זיינען דאָ געשטאַנען אַ סך שליטנס. דאָ איז געווען אַ ראָטהער, דער שטאַטסאויפזעהער, אַ פֿיסקאַל, אייניגע סוחרים. דער טיש איז געווען פֿול מיט קאַווע, שאָקאָלאַד, קוכן. ס׳איז געווען אַקעגן עלף אַזייגער. דאָ האָבן מיר געמוזט טרינקען קאַווע, שאָקאָלאַד, נאָכדעם האָט מען זיך גענומען צו בראָנפֿן, וויין, פּונש. דאָס האָט געדויערט ביז אַזייגער דריי. אַלע זיינען געווען מלא, נאָר איך בין געווען באַם פֿאַרשטאַנד. איך פֿרעג דעם בעל־הבית, צי דאַרף איך באַצאָלן מיט דער געזעלשאַפֿט. ניין, ניין, ס׳איז שוין אַלץ באַצאָלט. די הערן פֿון אַבאָ האָבן שוין געכטן אַהער אַלץ געשיקט צו מכבד זיין דערמיט די הערן. נו, האָבן מיר זיך צעזעגנט; ווער ס׳האָט געוויינט, ווער ס׳האָט געלאַכט, אָבער אַלע זיינען געווען מלא, מיר זיינען אַוועקגעפֿאָרן. איך פֿרעג די קאָמיסאַריאַטלייט, ווער האָט געצאָלט. זיי האָבן מיר ניט געוואָלט זאָגן. זיי זאָגן: אין שטאָקהאָלם וועל איך זיך דאָס דערוויסן. אין שטאָקהאָלם בין איך דאָס אויך ניט דערגאַנגען. דאָ זיינען זיי געווען גוטע דריי וואָכן, און איידער זיי זיינען אָפּגעפֿאָרן, זיינען זיי זיך געקומען געזעגענען און האָבן געהאַלטן די רעכענונג, האָב איך באַצאָלט.

אָבער ווי מיר זיינען געקומען קיין שטאָקהאָלם מיט די דריי קאָמיסאַריאַטלייט מיט זייערע באַדינער, האָבן אונז אַלע נאָכגעקוקט. ריקמאַן האָט געזאָגט, איך מוז מיט אים גיין אין פּאָליציי, וואָרום ער האָט ניט געהאַט קיין אָרדער, אַז איך מעג בלייבן אין דערהיים, ער דאַרף ערשט האָבן אַן אָרדער פֿון פּאָליציי וועגן די פּאַנעיעלמער, וואו זאָלן זיי בלייבן. מיר זיינען געפֿאָרן אין פּאָליציי. מיר זיינען דורכגעפֿאָרן גראַף מונקס הויז. ווען איך בין געקומען אין פּאָליציי, זאָגט דער פּאָליצמייסטער: „איך קאָן אייך ניט אָפּלאָזן אַהיים, איך האָב קיין באַפֿעל ניט, איך ווייס אויך ניט, וואוהין זאָל איך אַהינטון דאָס געלט און די אַקטן. איך וועל הייסן, אַז איר זאָלט בלייבן אין פֿיסקאַלקאַמער ביז איך וועל קריגן אַ באַפֿעל. שיקט אַהיים און זאָלן צו אייך קומען אייער פֿרוי און אייער איידעמס“. אַזוי ווי מיר זיינען

אַזוי געשטאַנען, קומט אַריין גראַף מונקס באַדינער מיט אַ פֿאַרחתמעט פּאַפּיר, אינעװייניג זיינען געלעגן זעקס פֿאַנעיעלמער. ער האָט געשריבֿן דעם פּאָליצמייסטער: „אַזוי װי איך האָבֿ געהערט, אַז אהרון איזאַק איז אָנגעקומען אַהער אַלס אַרעסטאַנט, שיק איך אייך דאָ זעקס צעטלען, אויבֿ זיינע צעטלען זיינען אויך אַזוינע, בעט איך אַרויסלאָזן אַהרון איזאַקן, ער האָט זיי מיר אויסגעבֿיטן פֿאַר זיבֿן און צװאַנציג טויזנט רייכסטאָלער". נו, זאָג איך, איצט קאָן איך שוין אַהיים גיין. זאָגט ער: „איך מוז װעגן אייך פֿריהער מעלדן באַ דעם ריקסדראָט, איך װעל זעהן װי װייט מיגליך, אַז איר זאָלט נאָך היינט קאָנען גיין אַהיים". ער איז צוריקגעקומען און זאָגט, ער קאָן מיר נאָך קיין ענטפֿער ניט געבֿן, ער מוז פֿריהער ריידן װעגן דעם מיטן קיניג און אים װייזן גראַף מונקס פּאַפּיר. מאָרגן צען אַזייגער קריגט ער ענטפֿער. איבֿער נאַכט זאָל איך בלייבֿן אין פּאָליציי. מיינע לייט האָבֿן מיר געבֿראַכט אַ בעט. צומאָרגנס צען אַזייגער איז דער פּאָליצמייסטער װידער אַװעק. אַרום צװעלף אַזייגער איז ער צוריקגעקומען, האָט געבֿראַכט אַן אָרדער, אַז איך קאָן גיין אַהיים, אָבֿער אַ פּאָליציי־באַדינער זאָל באַ מיר בלייבֿן, ביז מונק װעט קומען מיט מיר פֿאַרן געריכט. ער דאַרף דאָס זאָגן פֿאַרן געריכט און מאָרגן טוט ער דאָס. אויף מאָרגן בין איך מיט אַן אויפֿזעהער געגאַנגען אין געריכט, אָבֿער גראַף מונק איז אַליין ניט געקומען. ער האָט געשיקט אַ פֿאָרשטייער, ער האָט געהייסן אָלאָף האָלם. ער האָט געהאַט זעקס אַזוינע צעטלען און האָט געשריבֿן דאָסזעלבֿע, װאָס ער האָט געשריבֿן דעם פּאָליצמייסטער. אָבֿער אין געריכט האָט מען געזאָגט: גראַף מונק מוז אַליין קומען און אויסגעפֿרעגט װערן, װאו האָט ער געקריגן די צעטלען. מ'האָט אונז געהייסן קומען מאָרגן. איך בין געגאַנגען אַהיים און האָבֿ געקריגן אַ פּאָליציי־באַדינער פֿאַר אַ שומר. דער שומר האָט זיך געקלאָגט, ער קאָן איינער אַליין די װאַך באַ מיר ניט האַלטן, באַ מיר אין װאוינונג זיינען פֿאַראַן צו פֿיל טירן און צװיי טרעפּ. האָבֿ איך געקריגן צװיי סאָלדאַטן, צו איינעם אויף יעדער טיר, װאָס גייט אַרויס אויף טרעפּ. אויף מאָרגן זיינען מיר װידער געגאַנגען אין געריכט, אָבֿער גראַף מונק איז װידער ניט געקומען. ער האָט װידער געשיקט זיין פֿאַרטרעטער אָלאָף האָלם און יענער האָט געזאָגט, אַז צו אים איז געקומען אַ פֿינישער סוחר און האָט אים פֿירגעלעגט אויסבייטן דרייסיג טויזנט פֿאַנעיעלמער, האָט ער זיי אים אויסגעבֿיטן. אָבֿער זיי האָבֿן געזאָגט, מיר קאָנען אַנדערש ניט, דער גראַף אַליין מוז קומען מאָנטאָג. דעמזעלבֿן אָװנט האָט מען, ליידער, דערשאָסן דעם קיניג אין מאַסקאַראַד. מאָנטאָג זינען מיר װידער געקומען אין געריכט, אָבֿער דער גראַף איז אַלץ ניט געקומען, נאָר זיין פֿאַרטרעטער. ס'איז אויך געקומען אַן אַדװאָקאַט פֿיסקאַל, װאָס האָט אויך געזאָלט מיטפֿאָרשן

די זאַך. ער האָט מיך נעפּרעגט איינינע פראַגעס, ער האָט געהאַט פאַר זיך די פּראָטאָקאָלן און האָט מיך געפרעגט, ווי אַזוי בין איך געקומען צו אים בײַטן. אַלאַף האַלם האָט אויך נים געלייקנט. אָבער דערפון איז נאָר־ נים געוואָרן. מאָרגן זאָלן מיר ווידער קומען און דער גראַף זאָל אויך קומען. מיר זיינען געקומען, דער גראַף איז ווידער ניטאָ. זאָג איך צום קאַמער־ פּרעזעס: „איר האַלט מיך פאַר אַ פאַרברעכער און איר האָט אַוועקגע־ שטעלט צוויי סאָלדאַטן אין מיין וואוינונג. איך וויל מער די וואַך נים האָבן בײַ זיך, איר קאָנט מיך דאָ האַלטן אַרעסטירט אין ראַטהויז. איך ניי מער נים אַהיים, איך וויל דאָ האָבן מיין אַרעסט". זאָגט דער אַרוואָקאַט פיסקאַל: „מיר האָבן נים קיין בּאַפעל אייך האַלטן אַרעסטירט דאָ". זאָג איך: „איר מעגט טון וואָס איר ווילט, מיט גוטן ניי איך נים אַהיים, סיידן איר וועט מיר נויטן מיט גוואַלד". ווי האָבן מיר געהייסן אַרויסגיין אויף עטליכע מינוט, האָבן מיך צוריק אַרייַנגערופן און זאָגן, זיי וועלן גיין אין הויפ־ געריכט און אָנפרעגן, ווי זאָלן זיי זיך האַלטן. דער קאַמערפּרעזעס און דער אַרוואָקאַט פיסקאַל זיינען געגאַנגען אין הויפגעריכט, אין עטליכע שעה אַרום זיינען זיי צוריק געקומען און פרעגן מיך, צי וועל איך צופרירן זיין, אויב איך וועל האָבן בײַ זיך אַן אויפזעהער, קיין חרפה איז דאָס נים, און לאַנג וועט דאָס נים געדויערן אויך. זאָג איך: דערמיט בין איך צופרירן. ס'איז ווידער דערפון נאָרנים געוואָרן, אין צוויי טאָג אַרום האָט מען אונז ווידער געשיקט רופן. לסוף האָט דער געריכט געפּסקעט, אַז דער גראַף זאָל מיר בּאַצאָלן פאַר מיינע פאַגעיעלמער, דאָס איז געווען אַקעגן אַכצען טויזנט טאָלער, וואָס זיינען געווען אין געריכט, אָבער וואָס איך האָב אויסגעביטן דאָ אין שטאָקהאָלם. דאַרויף זאָגט אַלאַף האַלם, אַז די דאָזיגע האָט ער שוין איינגעלייזט, מיט די דאָזיגע צעטלען האָב איך נים געהאַט צו טון; ווי נאָר די לייט, וואָס איך האָב בײַ זיי אויסגעביטן, האָבן דערהערט, אַז איך בין אַרעסטירט אין אַבאַ, האָבן זיי אָנגעקלאָגט מיין איידעם, האָט זיי אַלאַף האַלם איינגעלייזט. מיר אָבער מוזן בּאַצאָלן די אוסקאָסטן. איך האָב מיר אָבער אַלץ געלאָזט געפעלן, אַבי נאָר פטור צו ווערן פונם פּראָצעס.

דער קיניג איז געשטאָרבן פון דער וואונד נאָך דעם, ווי ער איז געלעגן דרייצען טאָג קראַנק. איך בין נאָך אַלץ געווען אין הויזאַרעסט. בּאַלד ווי דער קיניג איז געשטאָרבן האָט מען מיך בּאַפרייט פון דעם הויזאַרעסט. דער פאָרשטייער אַלאַף האַלם האָט געזאָגט, איך זאָל קריגן מיין געלט, מ'זאָל איבערציילן אין געריכט די פאַגעיעלמער, וואָס ליגן אין מיין קיפערט. מ'האָט אונז געהייסן קומען אין עטליכע טאָג אַרום, וועט אַלצדינג רעכט ווערן. מיין רעכענונג איז שוין געלעגן לאַנג אין קיפערט נאָך פון אַבאַ אָן. מיר זיינען געקומען אין געריכט, זאָגט מען מיר, איך זאָל גיין צום גראַף, וועל

איך קרינגן מײַן געלט. זאָג איך: נײַן, איך גײ ניט אַהין, וואָרום איך האָב געוואוסט, אַז ער איז אַ היציגער מענטש און איך קאָן אים מער ניט פֿאַרשווײַגן. אָלאָף האָלם זאָגט, אַז מײַן געלט איז שוין אָנגענרײַט. זאָג איך: „קאָנט איר דאָך מיר דאָ בּאַצאָלן". אָבּער אין געריכט זאָגט מען מיר, איך זאָל אָקעגנקומען און נײַן אָפּנעמען מײַן געלט, כּדי זײ זאָלן ניט האָבּן קײַן איבערינע טרחה. איך האָבּ זיך געלאָזט אײַנרײַדן און בּין אַוועקגעגאַנגען צו אים. זאָגט ער, איך זאָל אים געבּן די רעכענונג. ער האָט זי דורכגעקוקט און זאָגט: „דאָ איז אײַך שוין צוגענרײַט געלט, אַזוי ווי איך האָבּ דאָס געקריגן בּאַ אײַך, אָפּגערעכנט אַכצען פּראָצענט". זאָג איך: „מײַן פֿאָדערונג איז זיבּעצען טויזנט טאָלער, וואָס איך האָבּ איבּערגעגעבּן אין געריכט און דערפֿאַר דאַרף איך קריגן רײַכסגעלט. געגוג אַז איר האָט בּאַקומען צען טויזנט רײַכסטאָלער פֿאַר דערוועלבּער פּרײַז, וואָס איך האָבּ אײַך אויסגעבּיטן. דערצו האָבּ איך נאָך געהאַט אויסצושטײן אַ פּראָצעס און האָבּ דערבּײ געווים פֿאַרלאָרן טויזנט רײַכסטאָלער". זאָגט ער: „אויבּ איר ווילט ניט נעמען דאָס געלט, איז גײט צו אַלדי שוואַרצע יאָר". איך האָבּ געקענט זײַן היציגן טעמפּעראַמענט, דעריבּער האָבּ איך אים ניט אָפּגעענטפֿערט און בּין אַרויסגעגאַנגען. איך זעה: אויפֿן הויף שטײט אַ גרויסער נײַער רײַזעוואָגן און זײַנע לײַט פּאַקן אים. ער איז שוין פֿריהער געווען אין אומגנאָר בּאַם קיניג, פֿאַר דעם סקאַנדאַל [מיטן געלט] זאָל ער אַרויסגעשיקט ווערן פֿונם לאַנד אויף זעקס חדשים. איך האָבּ מורא געהאַט, אַז ער וועט אַוועקפֿאָרן, וועל איך פֿאַרלירן מײַן געלט, בּין איך בּאַלד געגאַנגען צום הערצאָג קאַרל און האָבּ אים דערצײלט די גאַנצע געשיכטע. קײַן שריפֿט האָבּ איך ניט געהאַט, איך האָבּ מורא געהאַט, אַז איך וועל דאָס ניט בּאַווײַזן בּיז ער וועט אַוועקפֿאָרן. זאָגט דער הערצאָג: „גײט גלײַך צום יוסטיצקאַנצלער און זאָגט אים, ער זאָל אים בּאַלד נעבּן הויזאַרעסט". איך בּין געגאַנגען צום יוסטיצקאַנצלער און זאָג אים, אַז דער הערצאָג האָט מיך געשיקט, ער זאָל דעם גראַף געבּן הויזאַרעסט. זאָגט ער, דאָס איז ניט זײַן זאַך, ער טאָר דאָס ניט. זאָג איך, אויבּ אַזוי מוז איך צוריקגײן צום הערצאָג און בּרײַנגען אַן אָרדער, אָבּער די צײַט איז קלײן. זאָגט ער, איך זאָל קומען אין אַ שעה אַרום. אין אַ שעה אַרום בּין איך ווידער געקומען, אָבּער ער איז נאָך ניט געווען אין דערהײם. איך האָבּ געוואַרט אַ האַלבּע שעה, איז ער געקומען און זאָגט, איך זאָל גײן צום רײַכספּראָקוראָר. איך בּין געגאַנגען צום פּראָקוראָר. זאָגט דער פּראָקוראָר: „איך זאָג אײַך אין הערצאָגס נאָמען, איר זאָלט זיך ניט ערגערן וועגן אײַער געלט, דער גראַף האָט שוין הויזאַרעסט". איצט בּין איך געווען צופֿרידן. אַלע מײַנע גוטע פֿרײַנט, די גרעסטע פּערזאָנען, האָבּן מיר געזאָגט, איך וואָלט געווען דער

גרעסטער נאַר, ווען איך זאָל ניט מאָנען קיין פֿאַרניטיגונג פֿאַר מיין שאָדן און שאַנד. לויט דעם שווערישן רעכט, ווען איינער באַשווינדלט דעם אַנדערן מיט פֿאַלש געלט, מוז דער שווינדלער שטראָף צאָלן דעם באַשווינדלטן העלפֿט פֿון דעם קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אים אָפּגענאַרט, ד. ה. אַז ער וואָלט מיר באַדאַרפֿט באַצאָלן די העלפֿט פֿון זיבן און צוואַנציג טויזנט רייכסטאָלער. איך האָב אָבער ניט געוואָלט אַזויפֿיל מאָנען, איך האָב גענומען אַן אַדוואָקאַט, האָב פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס און האָב געמאָנט זעקס טויזנט רייכסטאָלער פֿאַר מיין שאָדן און שאַנד, פֿאַר צייט פֿאַרלירן און פּראָצענט פֿאַר געלט. דערווייל איז איין טאָג קלאָר געוואָרן, אַז דער גראַף האָט אַרויסגעלאָזט אַזוינע פֿאַלשע פֿאַנעיעלמער פֿאַר ניין און ניינציג טויזנט און ניין הונדערט רייכסטאָלער. בכן האָט ער געמוזט געבן זיכערקייט מיט געלט פֿאַר דער דאָזיגער סומע, וואָס ער האָט ניט איינגעלייזט. דעם גראַף האָט מען געהייסן אַרויספֿאָרן פֿון לאַנד, און ער האָט דאָ געלאָזט אָלאָף האָלם פֿאַר זיין פֿאָרשטייער. אַ צייט לאַנג האָב איך געפֿירט דעם פּראָצעס מיט אָלאָף האָלם און לסוף האָבן מיר זיך אויסגעגלייכט, איך זאָל קריגן פֿיר טויזנט רייכסטאָלער פֿאַר מיין שאָדן און שאַנד, פֿאַר מיינע הוצאות און פּראָצענט. בלאַ אַלעם דעם האָב איך ניט געוואוסט, וואו איך זאָל מיין געלט קריגן. איך בין געלאָפֿן אין אַלע עקן און האָב ניט געקאָנט דערגיין, וואו ער האָט דעפּאָנירט זיין געלט. לסוף האָט מען מיר אָנגעוויזן, איך זאָל קריגן באַצאָלט פֿון דער מלוכה־קאָנטאָר, איך האָב געקריגן אין אַ יאָר אַרום זיבן הונדערט רייכסטאָלער, אין אַ פֿערטל יאָר אַרום נאָך טויזנט און אַזוי ווייטער אין פֿיר—פֿינף יאָר. פֿון די פֿיר טויזנט רייכסטאָלער האָב איך געהאַט זעהר ווייניג. מיינע הוצאות אין אַבאַ זיינען געווען קליין, עלף וואָכן בין איך געווען דאָרט אין אַרעסט, דאָ דריי וואָכן, אַ האַלב יאָר האָט געדויערט דער פּראָצעס. דאָ קאָן שוין יעדער פֿאַרשטיין, וואָס דאָס קאָסט. מיין געלט איז געשטאַנען אַזאַ לאַנגע צייט ניט פֿאַרווענדט.

בעת איך בין אויסגעגעוועזן פֿון דאַנען דריי יאָר אין פֿינלאַנד די קרינסצייט האָט היגער קהל אָפּגעטאָן פֿאַרשיידענע שפּלות [מאוסע זאַכן]. איך בין געקומען אַהיים און געטראָפֿן די קהלה צעריסן. איך האָב געהאַט מיין בית־הכנסת [שולכן] בלאַ מיר אין שטוב, דאָך האָב איך געצאָלט מיין חלק אויפֿן רב, שוחט און שמש. אָבער איך האָב זיך ניט געוואָלט כלל מיט זיי אָנקערן, וואָרום זיי האָבן זיך גענומען אַ בית־הקברות און האָבן ניט געהאַט ניט קיין בית־הכנסת, ניט קיין מקוה, און בלויז מיר צו להכעיס. איצט זיינען זיי געקומען און זאָגן, מיר זאָלן צוזאַמען מאַכן אַ קהלה. דער רב האָט זיך אַריינגעלעגט אין דער זאַך און זאָגט, מ'זאָל בויען אַ הויז אויפֿן בית־עולם; דאָרט ליגן שוין זעקס און צוואַנציג מתים, און דער נייער בית־עולם איז ניט

חײט, קאָן מען די´ עטליכע מתים איבערטראָגן אויפן אַלטן בית־עולם. מיר זײַנען זיך צונויפגעקומען, האָב איך פֿירגעלעגט, אַז איך װעל אויסלײגן אויפן בנין דרײַ הונדערט רײַכסטאָלער און פֿינף שטיק קאַכל־אויװנס און װעל אויספֿועלן בײַם מאַגיסטראַט אויף מײַנע הוצאות אַ נאָרטן בײַם הויז, ס׳זאָל לכל הפּחות אײַנטראָגן אַ פּאָר הונדערט פּלאַטן אַ יאָר, אויך װעל איך זעהן, ס׳זאָל זיך קאָנען פּיטערן אַ פּאָר קיה אַלץ אויף מײַנע הוצאות. יוסף שװאַן איז דעמאָלט געװען פּרנס, ער נופֿאָ איז מיט מיר געפֿאָרן, װאו איך האָב געקויפֿט געהילץ צום בויען. איך האָב אָנגעהויבן בויען, גענומען מאָגען געלט. זאָגן זײ, פֿריהער זאָל איך פֿאַרטון מײַנע דרײַ הונדערט טאָלער. איך האָב זיך ניט געשפּאַרט. װען איך האָב שוין געהאַט פֿאַרבויט פֿיר הונדערט טאָלער, האָב איך װײטער גענומען מאָנען געלט, זאָגט מיר דער שײנער קהל: „מיר האָבן חרטה, איר קאָנט אײך צונעמען דעם בית־הקברות, מיר דאַרפֿן אים ניט“. זאָג איך: „דאָס איז מיר אַלצאײנס, אָבער קהל אויפֿן װאָרט געטרױ איך מער ניט, איר זאָלט דאָס מיר זאָגן פֿאַרן געריכט“. װאָס האָב איך געהאַט פֿאַר אַ ברירה? איך האָב שוין אָנגעהויבן צו בויען, האָב איך געמוזט קריכן װײטער און האָב פֿאַרבויט טױזנט זיבן הונדערט רײַכסטאָלער. זײ האָבן אָנגעהויבן צו בויען אויף דעם נײַעם בית־הקברות, אַ קלײנער פּלאַץ, געלעגן אונטערן באַרג. אויפֿן באַרג װאַלגערט זיך שטענדיג מיסט פֿון בהמות; װען ס׳רעגנט, לױפֿט די אומרײנקײט פֿון דעם מיסט אויף דעם בית־הקברות. אַװדאי האָבן זײ שוין דאָרט מער פֿאַרבויט, אײדער איך. בכן בין איך נעגאַנגען צום אונטערשטאַטהאַלטער און האָב געבעטן צונויפֿרופֿן קהל, און װי זײ זײַנען געקומען, זאָג איך, די ראָזינע האָבן זיך מיט מיר אויס־געגלײַכט, אַז איך זאָל אויסלײגן דרײַ הונדערט רײַכסטאָלער, און דערצײל די גאַנצע מעשה, װי זי איז געװען. ער פֿרעגט זײ, צי איז דאָס אמת. זײ האָבן ניט געלײקנט, נאָר דער אויסרײד איז, זײ האָבן געמײנט, ס׳װעט קאָסטן פֿיר—פֿינף הונדערט רײַכסטאָלער. זאָג איך, הײסט דאָס, אַז איך האָב געזאָלט אויסלײגן דרײַ הונדערט טאָלער און פֿינף קאַכל־אויװנס, װאָס קאָסטן װײניגסטנס זעכציג רײַכסטאָלער, צי שטימט דאָס מיט אַזאַ חשבון? דער שטאַטהאַלטער האָט פֿאַרשטאַנען, װאָס פֿאַר אַ שװינדלער דאָס זײַנען, זאָגט ער, זײ זאָלן זיך מיט מיר פֿאַרגלײַכן. זאָגן זײ, זײ װעלן מיר געבן צװײ הונדערט רײַכסטאָלער צו שטײַער. זאָג איך, איך װיל מיט זײ קײן פּראָצעסן ניט פֿירן. װען איך האָב שוין געהאַט פֿאַרבויט פֿיר הונדערט רײַכסטאָלער און האָב געמאָנט בײַ זײ געלט, האָבן זײ מיר געזאָגט, זײ האָבן חרטה, זײ װילן דערפֿון ניט װיסן, איך קאָן אים צונעמען זיך, זײ דאַרפֿן אים ניט. איך האָב זײ דאַרויף געענטפֿערט, אַזױנע לײַט געטרױט מען ניט אויפֿן װאָרט, איך בין דערמיט צופֿרידן, אָבער איר זאָלט דאָס זאָגן פֿאַרן געריכט. ער

פרעגט זיי, צי איז דאָס ריכטיג. זאָגן זיי: יאָ. איז געבליבן, אַז דער בית־עולם בלייבט פאַר מיר, ווי האָבן דאַרויף קיין שום פּרעטענזיעס ניט. איך האָב געבעטן, מ׳זאָל מיר געבן אַ פּראָטאָקאָל דערפון. זאָגט דער שטאַט־האַלטער, איך זאָל קומען אין איינינע טאָג אַרום, וועל איך האָבן דעם פּראָטאָקאָל. אין עטליכע טאָג אַרום בין איך ווידער געקומען צום שטאַט־האַלטער, זאָגט ער: „אייערע לייט זיינען דאָ נאָך אַמאָל געווען. זיי זאָגן, דער קיניג האָט אייך דעם פּלאַץ אומזיסט געגעבן פאַר אַ בית־עולם, פאַר אַלע אידן, דעריבער קאָנען זיי אייך דאָס ניט אָפּגעבן“. זיי אַליין ווילן דאָ קיין חלק ניט האָבן כל זמן זיי לעבן, אָבער זייערע קינדער און קינדס־קינדער האָבן דאָ אַ חלק גלייך מיט מיר, וואָרום דער קיניג האָט דאָס געגעבן פאַר אידן. דער שטאַטהאַלטער זאָגט: „איך קאָן אייך דעם פּראָטאָקאָל ניט געבן, וואָרום דאָס איז געווים, אַז אַלע הינע אידן האָבן אַ חלק אין דעם בית־עולם, אָבער וועגן דעם הויז קאָנט איר טאָגען אייער רעכט“. דערויף האָב איך געענטפערט, אַז איך וויל זיך ניט לאָדן און בין מיר אַוועקגעגאַנגען. אַ שטיקל צייט נאָך דעם זיינען מיר זיך ווידער צונויפגעקומען, האָבן זיי ווייטער אָנגעהויבן: לאָמיר זיך פאַרגלייכן, זיי האָבן מיר געבאָטן, זיי וועלן מיר געבן פון דער קהלה צוויי הונדערט רייכסטאָלער פאַר מיינע הוצאות אויפן בית־עולם, אָבער אויפן הויז האָבן זיי קיין פּרעטענזיעס ניט. נאָר אויב איך וויל דאָס פאַרקויפן איז די קהלה בר־מיצרא, אָבער מער פאַר טויזנט טאָלער קריג איך נישט. דאָס האָבן זיי געמאַכט בכתב דורך אונזער מורה צדק ר׳ שמעון קאַלקאַר, אָבער די צוויי הונדערט טאָלער זאָל איך ערשט שפּעטער קריגן. איך שרייב דאָס נאָר, כּדי צו ווייזן, וואָס פאַר אַ מענשן דאָס זיינען געווען, וויפיל איך האָב אידן טובות געטאָן און ווי זיי האָבן מיר באַצאָלט מיט שלעכטס. איך האָב ניט פאַרלאַנגט קיין געצאָלט אָדער כבוד, נאָר ס׳זאָל בלייבן אַ זכר פאַר מיין פאַמיליע. אונזער רב, ר׳ לייב פּנחס, איז קראַנק געוואָרן והלך לעולמו, ווי דאָ איז אָנגעוויזן. מיר האָבן אויפגענומען ר׳ שמעון קאַלקאַר אַלס מורה־צדק און האָבן געגרונדעט אַ הויז באַם הינן ראַט־הויז אויף 25 יאָר פאַר אַ מנין און האָבן געבויט אַ בית־הכנסת. איך וחתני ר׳ יצחק האָבן דאָ אויך אויסגעלעגט געלט און נדבות געגעבן. איך האָב זיך פירגענומען קיינמאָל מיט זיי זיך ניט צונויפקומען, בסודם אל תבוא נפשי ובקהלם אל תחד כבודי [אין זייער ראַט זאָל ניט קומען מיין זעעל און אין זייער פאַרזאַמלונג זאָל מיין כבוד ניט איינשטיין]. איך וואָלט געקאָנט באַשרייבן, וואָס דאָס זיינען געווען פאַר אַ מענשן, אָבער איך וויל זיי ניט באַליידיגן פאַר זייערע קינדער.

איך בין געפאָרן קיין לייפּציג. אָחי אברהם האָט געהאַט נאָך אַ טאָכטער פון זיין ערשטער פרוי ושמה פייגלכע. די דאָזיגע פייגלכע איז אַ סך

אויסגעשטאַנען פון איר שטיפמוטער. אָחי אברהם האָט זיך ווייניג וואָס געקימערט וועגן אַ שדוך פאַר איר. חתני אייזיק האָט נעהאַט אַ שוועסטער אין בלייכראָדען, איר מאַן האָט געהייסן ר׳ בענדעט. ער האָט געהאַט אַ זון ושמו מיכל. מיר האָבן אַ סך געהערט פון דעם מיכלען, אַז ער איז אַ פיינער מענש און האָט זיך פאַרדינט אַ היפּשן קאַפּיטאַל. איך האָב אים געשריבן שוין פון דאַנען, אַז איך וועל קומען קיין שווערין, דאָרט האָב איך אַ ברודער ושמו אברהם בריצען, ער האָט אַ טאָכטער הבתולה פייגלכע, איר שוועסטער איז זיין מוטערס ברודערס אַ ווייב, אויב דאָס מיידל וועט אים געפעלן, און ער איר אויך און ס׳וועט ווערן אַ שדוך, איז נעם איך אים מיט קיין שטאָקהאָלם און ווער מיט אים שותּפות, וואָרום מיינע ברודערס קינדער זיינען בּאַ מיר געווען אַזוי גוט, ווי מיינע אייגענע. און טאַקע דערפאַר האָבן זיי געהאַלטן פון מיר מער, איידער פון זייער אייגענעם פאָטער. ער האָט מיר געשריבן, אַז ס׳וועט אים זעהר ליב זיין אַריין אין מיין משפּחה און ער וועט צו דער באַשטימטער צייט זיין אין שווערין. איך בין געקומען קיין שווערין און זאָג אים (מיין ברודער) פונם שדוך און דערצייל אים, אַז איך בין געווען אין קאָפּנהאַגן, און אין דער אייגענער קוואַרטיר האָט זיך אויפגעהאַלטן יעקוב נוספערץ פון געטינג. איך האָב געוואוסט, אַז מיכל בענדעט איז בּאַ זיי נאָך פאַר צוויי יאָרן געווען בוכהאַלטער אין קאָנטאָר. ווי איך בין נאָר אַביסל באַקאַנט געוואָרן מיט ר׳ יעקובן, האָב איך אים געפרעגט אויף מיכל בענדעט, ער האָט אים נחאַלטיג געריםט פאַר זיין בריהשקייט און ערליכקייט און האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַוועק אין פרייסישן לאַגער און איז געוואָרן אינטענדאַנט מיט זיין בריהשקייט און האָט פאַרדינט לכל הפּחות צען טויזנט רייכסטאָלער. ר׳ יעקוב האָט ניט געוואוסט, אַז מיר קערן זיך אָן מיט אים, נאָך ווייניגער האָט ער געוואוסט פונם שדוך. דאָס אַלץ האָב איך דערציילט מיין ברודער. מיין ברודער איז געווען זעהר צופרידן און זאָגט: „דו מוזט ריידן מיט פייגלכע, ס׳האָט איר שוין אָנגעשלאָגן אַ סך שדוכים, אָבער זי האָט אָפּגעשלאָגן, אפשר וועסטו בּאַ איר בעסער פועלן“. איך בין שוין פינף יאָר ניט נעהאַט געווען אין שווערין. בכן בין איך געגאַנגען צו איר און האָב איר פירגעשטעלט דעם שדוך. אָבער ווי איך האָב נאָר אָנגעהויבן צו ריידן פונם דאָזיגן מענשן, זאָגט זי צו מיר: „ליבער פעטער, איך ווייס, אַז איר האָט מיך ליב און איך האָב אייך ליב אַזויווי מיין פאָטער; ווילט איר מיר ווייטער אויך געטריי זיין, איז רעדט מיט מיר ניט פון קיין שדוך“. איך בין איבעראַשט געוואָרן פון אירע רייד. זאָג איך צו איר: „וואָס קלערסטו זיך, ס׳גייט דיר שוין דאָס צוואַנציגסטע יאָר, דיין פאָטער איז אַ מענש אין די יאָרן און איז קרייענקליך, חלילה טאָמער קומט עפּעס פיר, ווי וועסטו אויסזעהן? קיין מוטער האָסטו ניט,

װאָס זאָל װערן פֿאַר דיר, דו ביסט אַ בר־דעה, באַטראַכט זיך". זי איז אָבער געבליבן בײַ אירס, זי װיל ניט חתונה האָבן. זאָג איך צו איר: „מײַן טאָכטער, זאָג מיר אױס, האָסטו אפשר עמיצן צוגעזאָגט? מעג ער זײַן דער אָרעמסטער יונג, איז האָסטו אים, און ס'זאָל אַלץ געטאָן װערן אין דער בעסטער אָרדענונג, אײדער איך פֿאַר אָפּ פֿון דאַנען". זי האָט זיך געשװאָרן בײַ גאָט, אַז זי האָט ניט קײנעם, װאָס זי זאָל פֿון אים קלערן. בכן האָב איך בײַ איר גאָרניט געקאָנט פּועלן. איך האָב דאָס געזאָגט מײַן ברודער. ער איז געװאָרן שטאַרק בײז און זאָגט: „פֿון מײַנעטװעגן מעג זי פֿאַרזיצן, אײדער איך זאָל איר נאָך זאָגן אַ װאָרט דערפֿון". איך בין געגאַנגען צו איר שװעסטער שרהקע און איר מאַן ר' הערץ און דערצײלט זײ די גאַנצע זאַך און זאָג: „דו, שרהקע, און דײַן מאַן, איר מוזט רײדן מיט איר, װאָרום דער מענטש װעט דאָ זײַן אין עטליכע טאָג אַרום". — „ליבער פֿעטער, אויב איר האָט ניט געקאָנט פּועלן, איז קאָנען מיר געװיס ניט, דאָך װעלן מיר בײדע צו איר גײן און זיך אויסטענהן מיט איר". זײ האָבן דאָס געטאָן, אָבער זײ האָבן אַזױפֿיל געפּועלט, װיפֿיל איך האָב געפּועלט. אין עטליכע טאָג אַרום איז געקומען בענדעט אין אָװנט קײן ‑שװערין און האָט זיך גענומען אַ קװאַרטיר. אויף מאָרגן איז אײנער געקומען צו מײַן ברודער אין הויז, האָט זיך אויף מיר נאָכגעפֿרעגט, איך בין גראָד ניט געװען. איך בין געגאַנגען אַהין: מײַן נוטער בענדעט איז דאָ. איך האָב אים האַרציג באַגריסט, אָבער אינמיטן האָב איך זיך דערשראָקן, איך האָב אַ קלער געטאָן, אַז די הוצאות זײַנען אַרויסגעװאָרפֿן. איך האָב אים מיטגענומען צום ברודער אין הויז. מײַן ברודער האָט געהאַט נאָך צװײ קלײנע טעכטער מיט זײַן פֿרוי, די עלטסטע איז אַלט געװען אַקעגן אַ יאָר דרײַצען. זי איז אַרויסגעלאָפֿן צו איר שװעסטער פֿײגלכע און געזאָגט איר: „דײַן חתן איז געקומען". מײַן פֿײגלכע איז אָבער ניט אַראָפּגעגאַנגען, זי איז אויך ניט געקומען צו מיטאָג צום טיש. בענדעט פֿרעגט מיך, װאו איז זי; זאָג איך, זי פֿילט זיך ניט מיט אַלעמען. אַזױ זײַנען אַריבער דרײַ טעג, זי האָט זיך ניט געװיזן. דעם דריטן טאָג אין אָװנט בין איך געזעסן מיט בענדעטן פֿאַר דער טיר, ס'איז געװען אַ שײנער לינדער דרויסן. פֿײגלכע האָט געעפֿנט איר פֿענסטער, מיר האָבן דאָס דערהערט, איז בענדעט אויפֿגעשטאַנען און װי זי האָט געװאָלט אַרויסקוקן, האָט איר בענדעט געמאַכט אַ קאָמפּלימענט. זי האָט אים געמוזט ענטפֿערן. זי האָט צוריק פֿאַרמאַכט איר פֿענסטער, און ער איז צוריקגעגאַנגען צו זיך. בין איך שױן בײז געװאָרן, בין אַרויף צו איר און זאָג: „מאָרגן אין דערפֿריה זאָלסטו אַראָפּגײן, ביז אַהער האָב איך געזאָגט, אַז דו ביסט קראַנק, אָבער איצט, אַז ער האָט דיך געזעהן בײַם פֿענסטער, אַז דו ביסט ניט קראַנק, מוזטו מיר

מאָרגן אין דערפריה אַראָפּגיין, איך הײס, מיט גװאַלד װעט אים דיר קײנער ניט אָנװאַרפן״. איך האָב איר נעזאָגט מוסר. „יאָ, ליבער פעטער, אָבער זײט ניט בײז, איך װעל קומען״. צו מאָרגנס איז בענרעט געקומען אויף קאַװע און איך האָב אַראָפּגעבראַכט פײגלכען אויך. פײגלכע איז געװען אַ שײן מײדל און זעהר קלוג. בענרעט איז געװען אַ פײנער יונג, ער האָט איר געמאַכט אַ היפּשן קאָמפּלימענט. איר שװעסטער לאה האָט די גאַנצע צײט פאַרבראַכט מיט אים. אַ מײדל פון דרײצען יאָר איז געװען אַזױ קלוג און בריהש. זי האָט פאַרשטאַנען צו שפּילן איר ראָליע און פלעגט זאָגן איר שװעסטער פײגלכע: „ס'אַ גליקליכע דו ביסט, װאָס דו נעמסט אַזאַ חתן, זײן גלײכן געפינסטו דאָ ניט״. און האָט געחנפט בענרעטן אויך. זי פלעגט מיט אים שטענדיג גײן שפּאַצירן. לסוף, אין אָװנט, נאָך דעם אָװנטעסן, זײנען מיר אַרויסגעגאַנגען פאַר דער טיר זיצן אויף דער באַנק. לאה האָט זיך געזעצט נעבן בענרעטן, האָט אים גענומען פאַר דער האַנט: „ליבער בענרעט, אין אַזאַ שײן װעטער זיצן אַזױ שטיל גײט ניט. קומט, מיר װעלן גײן אַביסל שפּאַצירן״. איז ער אויפגעשטאַנען, האָט גענומען לאהן אין אײן זײט און פײגלכען אין דער אַנדערער זײט. זי האָט שוין געמװט מיטנײן, און זײ זײנען אַװעק צו דער שװעסטער שרהקע. דער שװאָגער הערץ האָט געטריבן מיט זײ אַ סך שפּאַס, אַזױ אַז זײ זײנען נעהענטער באַקאַנט געװאָרן; זײ האָבן געגעסן אָװנט־ברויט, און שרהקע מיט איר מאַן האָבן אונז באַגלײט אַהײם. אויף מאָרגן האָב איך שוין מיט פײגלכען געקאָנט רײדן רוהיגער װעגן דער זאַך. מײן ברודער האָט זיך געקליבן פאָרן קײן פּירמאָנט צום קװאַל צוליב זײן געזונט. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל מיט אים מיט־פאָרן קײן פּירמאָנט, און אַזױװי דאָס איז סך־הכּל דרײצען מײל פון בלײכ־ראָדע, װעלן מיר פאַרבעטן אַהין זײן פאָטער און איך פּירמאָנט שרײבן תּנאים. בענרעט איז געװען זעהר צופרידן; מיר זײנען צװאַמען געפאָרן און האָבן דאָרט געשריבן תּנאים און נאָכדעם צוריק אַהײם געפאָרן קײן שװערין. די חתונה האָט מען אָפּגעלעגט אויף אַ יאָר. אין די תּנאים איז אויך געװען אויסגערעדט, אַז איך נעם מיכל בענרעט פאַר אַ שותּף.

פון שװערין בין איך געפאָרן אַהײם און האָב בענרטן מיטגענומען קײן שטאָקהאָלם. אויף צירונג איז ער כּלל קײן מבין ניט געװען. ער איז געװען אַ קענער פון אַלערלײ זײדענע סחורות און װײסע סחורות, אָבער אין צירונג האָט ער ניט געװאוסט דעם חלוק פון בריליאַנטן ביז ראָזענשטײן, נאָך װײניגער האָט ער פאַרשטאַנען פּרײזן. ער איז אָפּגעװען בײַ אונז אַ גאַנץ יאָר ביז דער חתונה. פאַר דער צײט האָט ער זיך זעהר אַ סך אויסגעלערנט, ממש צו באַװאונדערן. ער האָט דאָ אַ סך געהאַנדלט מיט הערצאָג קאַרל און מיט דער פּרינצעסן, האָט פאַרדינט זײנע חתונה־הוצאות. סוף יאָר

איז ער געפֿאָרן קײן שװערין. מײַן אײדעם יצחק מיט זײַן פֿרױ זײַנען מיט אים געפֿאָרן אױף דער חתונה און זײַנען בשלום געקומען מיט זײַן יונגער פֿרױ אַהײם לכּאָן. ער איז געװען זעהר חשוב אין הױף, געװאָרן הױפֿיװעליר בײַם מלך, אין אַ קורצער צײַט איז ער געװאָרן גוט באַקאַנט בײַ אַלע שׂררות, אַזױ אַז אונזער האַגרל האָט זיך פֿאַרטאָפּלט.

איך האָב צוגענומען אַ יונגעמאַן פֿון פּרענצלױ מיטן נאָמען שלום צו לערנען אים שטײנקריצן. ער האָט שױן פֿריהער געלערנט חותם־קריצן און האָט געטױגט צו דער אַרבעט. איך האָב אים צוגענומען אױף פֿיר װאָכן אױף פּראָבע, אײדער איך האָב געמאַכט מיט אים אַ קאָנטראַקט, כּדי צו באַקענען זיך מיט אים. היות װי איך האָב געזעהן, אַז ער איז אױפֿריכטיג, שטיל, אָרנטליך, פֿון אַ פֿײַנער פֿאַמיליע, און ניט אומװיסנד, אױך זעהר פֿלײַסיג, ער האָט אַלצדינג זעהר גיך איבערגענומען, האָב איך מיט אים געמאַכט אַ קאָנטראַקט, אַז ער זאָל בײַ מיר לערנען דרײַ יאָר, די לעצטע צװײ יאָר זאָל ער שױן האָבן אַ קלײנעם חלק פֿון דער מלאכה. נאָך די דרײַ יאָר זאָל ער האָבן די העלפֿט פֿון דער מלאכה, ער האָט באַראָרפֿט שטענדיג אַרבעטן, װאָרום מײַנע געשעפֿטן האָבן מיך ניט געלאָזט שטענדיג אַרבעטן. אונטער זײַנע לערניאָרן האָט ער זיך אָנגעקליבן עטליכע הונדערט רײַכס־טאָלער, דערבײַ האָט ער זיך פֿײַן געקלײדעט. איך האָב פֿון אים געהאַט פֿאַרגעניגן, האָב פֿון אים געהאַלטן װי פֿון אַן אײגן קינד. איך האָב אים קײנמאָל קײן קרום װאָרט ניט געזאָגט, װאָרום ס׳איז אים ניט געקומען אױך. איך האָב געהאַט בײַ זיך מײַן ברודער משהס טאָכטער, זי האָט זיך בײַ מיר אױפֿגעהאַלטן פֿון קינדװײַז אָן, זינט זי איז אַלט געװאָרן פֿינף יאָר. זי איז געװען זעהר אַ געראָטענע פֿון קינדװײַז אָן. איצט איז זי אַלט געװען פֿופֿצען יאָר, אַ שײן מײדל און זעהר אַ װירטן.

איך בין געװען זיכער, אַז מײַן שלומען איז זי ניט דערװידער. איך האָב געהאַלטן בײַ פֿאָרן קײן לײפּציג. אײניגע טעג פֿאַר דעם זאָג איך צו שלומען, ער זאָל מיר געשטאַטן, אױב ס׳װעט זיך ראָרט מאַכן אַ גוטער שדוך, װעל איך געװיס טון פֿאַר אים ראָס בעסטע. אָבער ער זאָגט, נײן, ער װיל נאָך ניט חתונה האָבן. זאָג איך: „און װי װאָלט געװען, איך זאָל אײך געבן מײַן לאהן?" „אָ, יאָ, — זאָגט ער, — אױב איר מײנט ראָס ערנסט, װאָלט איך דערמיט זעהר צופֿרידן געװען". איך האָב געשיקט רופֿן מײַן ברודער משה און זאָג: „שלום װיל נעמען דײַן לאהן, װילסטו זי אים געבן?" זאָגט ער: „װאָס דו װעסט טון, װעל איך זײַן צופֿרידן". איך האָב געהײסן צונרײַטן און אױף מאָרגן האָבן מיר געשריבן תּנאים. די חתונה האָט מען אָפּגעלעגט אױף אַ יאָר, װאָרום לאה איז אַלט געװען קױם פֿופֿצען יאָר.

אין אַ יאָר אַרום איז געווען חתונה. מיין ברודער משה האָט געהאַט נאָך אַ טאָכטער, וואָס עטליכע יאָר נאָך דעם איז זי אויך געוואָרן אַ מיידל פון אַ יאָר פופצען. איך האָב געהאַט באַ זיך אַ מענטשן, מיין ברודער משהס שטיף־זון, וואָרום מיין ברודער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אלמנה, און יענע האָט געהאַט אַ זון, אַ קינד פון צוויי יאָר. מיט דער דאָזיגער פרוי האָט ער געלעבט סך־הכל עטליכע יאָר, זי איז געשטאָרבן, און ער האָט נאָך אַמאָל חתונה געהאַט און געהאַט מיט דעם נייעם ווייב זיבן קינדער. דער דאָזיגער זלמן איז געווען זיין שטיף־זון. היות ווי ער האָט אים אויפגעצויגן, האָט זלמן געשעצט מיין ברודער און זיין פרוי אַזוי ווי אייגענע פאָטער־מוטער. מיין ברודערס פרוי האָט שטאַרק געהאַלטן פון אים, זי האָט אים אָנגעקערט אַ קוזינע אויך. האָט זי אים געזאָגט, ער זאָל נעמען איר טאָכטער אסתּר. ער איז געקומען צו מיר און דערציילט דאָס מיר. זאָג איך: „דו קאָנסט טון, ווי דו פאַרשטייסט, אויב דו ווילסט זי נעמען, וועל איך דיר געבן אויס־שטייער, וואָרום מיין ברודער משה איז ניט קיין מענטש פון קאַפּיטאַל און האָט אַ שטוב פול מיט קליינע קינדער“. דער שדוך האָט זיך אויסגעפירט, זיי האָבן חתונה געהאַט און זיינען געווען גליקליך.

איך בין געפאָרן קיין לייפּציג און האָב געקויפט סחורה פאַר אונזער קראָם, שטיינער און פערל; איך האָב זעהר גוט געקויפט, וואָס קיינמאָל האָב איך בעסער ניט געמאַכט. אויך מיין איידעם אייזיק האָט אין דערהיים בעת מיין אויסנזיין געמאַכט גוטע געשעפטן. כאָטש אַלע היגע אידן האָבן געטראָגן אויף מיר גרויס קנאה, בין איך דאָך ברוך השם געווען זעהר חשוב באַ אַלע שררות אויך בחצר־המלכות [אין קיניגליכן הויף] און בין געווען בכל יום הולך ומתגבר [וואָס אַ טאָג אַלץ גרעסער]. וואָס דער הויף האָט נעראַרפט פון צירונג איז גענומען געוואָרן נאָר באַ אונז דורך מחותּן בענדעט און ניט פאַר קיין פרוטה אַחת מן אינו נמולים [פון קריסטן]. והשם יטיב לנו [גאָט זאָל אונז העלפן] ווייטער. איך מוז דאָ אויך דערמאָנען מיינע שונאים, וואָס האָבן שטענדיג געקלערט מיך אונטערדריקן, צונעמען באַ מיר דאָס ברויט פאַר דעם גוטס, וואָס איך האָב זיי געטאָן. ס'זיינען געווען צוויי ברידער, פון האַנאָווער געבּירטיג, זיי האָבן אייגנטליך געשטאַמט פון די הילדעסהיימער רבנים, ושמם משה ל. ואחיו זיסקינד. דער דאָזיגער זיסקינד האָט דאָ חתונה געהאַט מיט אליהו מאַרשטראַנדס אַ טאָכטער און האָט געהאַט מיט איר זיבן קינדער. ער האָט געמאַכט פלטה [אָנגעזעצט], נאָכדעם האָט ער זיך באַזעצט אויפן לאַנד און האָט אַרענדירט אַ הויף. דאָס האָט אים ניט געגליקט, האָט ער גענומען אַ טוכפאַבריק, אָבער דאָס האָט אים אויך ניט געגליקט. זיין פרוי איז געקומען אַהער געוואויר ווערן צו אירע עלטערן, וויל דאָס איז געווען סך־הכל פיר מייל פון דאַנען. אונטער

דער צייט, ווען זי איז ניט געווען אין דערהיים, האָט ער געגרופּן אַ שוועדישן פּאַסטאָר און האָט זיך אָפּגעשמדט מיט די קינדער. די פרוי האָט נאָר־ניט געוואוסט דערפון בּיז זי איז געקומען אַהיים. לסוף זיינען זיי זיך צעגאַנגען, ער האָט איר געגעבּן גט און האָט די קינדער געלאָזט בּאַ זיך. ער האָט ראָ חתונה געהאַט מיט אַ בּירגערטאָכטער. דער סוף איז געווען, אַז ער איז פון ראַנען אַנטלאָפן פון חובות און האָט מיטגענומען מיט זיך זיין פרוי.

זיין עלטערער בּרודער איז שוין פריהער געווען אַ בּעל־פּלטה [אַן אָנזועצער]. נאָכדעם בּעת דער מלחמה האָט ער געהאַט קליינע ליפערונגען, ער האָט געהאַט איינינע נוטע פריינט, וואָס האָבּן אים געוואָלט אויסהעלפן. ער האָט זיך בּאמת צוריק אַרויפגעאַרבּעט, ער האָט געהאַט אַפּיסל נאַלאַנטעריי־סחורה אויף קרעדיט און האָט דערבּיי ניט שלעכט פאַרדינט. אָבּער ער האָט תמיד געוואָלט שפּילן די גרויסע ראָליע, ער האָט זיך געדונגען אַ שיינע דירה, האָט געקויפט פיין מעבּל, ער האָט געהאַלטן אַ שוועדישע דינסט, פונם נידעריגסטן שטאַנד, אַ געמיינע זאַך. הערצאָג קאַרל איז יענע צייט געווען רעגענט, וואָרום דער קיניג איז נאָך ניט געווען בּגרות. האָט ער דערלאַנגט אַ שריפט צום הערצאָג, אַז ער וויל נעמען אַ שוועדיש מיידל, און די קינדער, וואָס ער וועט מיט איר האָבּן, וועט ער שמדן. דער הערצאָג האָט דאָס בּאַוויליגט און האָט געגעבּן אַ בּאַפעל, זיי, ד. ה. משה ל. מיט זיין כּלה זאָלן קומען אין דער שלאָסקאַנצעלאַריע, דערבּיי זאָל אויך זיין אַ שוועדישער פּאַסטאָר און צוויי אידישע פרנסים, ס'זאָל געמאַכט ווערן דער חתונה־קאָנטראַקט. אַזוי איז דאָס טאַקע פירגעקומען. ער האָט מיט איר געהאַט קינדער און האָט זיי געשמדט. און בּאַ אַלעם דעם, ווי ס'איז נאָר געקומען אַ יום־טוב, פלעגט ער קומען אין שול אַריין, אויך ווען ער האָט געהאַט יאָר־צייט. ער פלעגט הייסן בּאַקן חלה אויף שבּת, פלעגט נעמען כּשר פלייש, אָבּער בּלויז פאַרשטעלט, מ'האָט געוואוסט, אַז ער קאָן ניט לעבּן ווי אַ איד. דערוויל האָט ער אָנגעהויבּן צו לעבּן גרויס, האָט זיך געשאַפן אַן עקיפּאַזש מיט פערד; זיין פרוי האָט געהאַלטן שטאַט, האָט זיך געדונגען אַ לאַנדגוט, וואו זיי פלעגן פאַרבּריינגען דעם זומער. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, האָט ער זיך געשטעלט. לסוף האָט ער זיך אויסגעגלייכט, ער האָט אַ סך אידן בּאַשווינדלט אויף אלפים. איך האָבּ גראָד פאַרלאָרן ניט מער ווי הונדערט אַכצען רייכסטאָלער. אָבּער קיינער האָט קיין פעניג ניט געקריגן: אַזוי איך, אַזוי אַנדערע אידן, וואָס האָבּן געמאָנט בּאַ אים אַ סך טויזנטער, און זיינען רואינירט געוואָרן. מ'האָט אָפּגעשריבּן זיין מעבּל, אָבּער ער האָט ניט געוואָלט געבּן קיין איינס פּראָצענט. ער איז אַנטלאָפן פון ראַנען, די פרוי און קינדער איבּערגעלאָזט דאָ. נאָכדעם זיינען מיר דערגאַנגען, אַז ער איז אין ענגלאַנד, מיר האָבּן זיך אויך דערוואוסט, אַז

ס׳גייט אים זעהר שלעכט, קיין קלייד אויפֿן לייב און קיין ברויט. ער האָט געשריבן זיין פֿרוי, זי זאָל גיין צו זיינע פֿריינט, זיי זאָלן עפּעס מאַכן פֿאַר אים און אים שיקן קיין לאָנדאָן. זיין פֿרוי האָט אַזוי געטאָן און איז געגאַנגען צו זיינע שווערישע פֿריינט. זיי האָבן געמאַכט פֿאַר אים איינינגע און צוואַנציג רייכסטאָלער, און זי האָט דאָס אים אָפּגעשיקט קיין לאָנדאָן. זיין פֿרוי האָט דאָ אויך געליטן נויט. ווי לאַנג זי האָט געהאַט מעבל און קליידונג צו פֿאַרקויפֿן האָט זי ווי עס איז דורכגעלעבט מיט די קינדער, זי האָט געהאַלטן אַ שיינק אויך, אָבער ס׳איז איר ניט געגאַנגען. ס׳איז בײַ איר דאַריבער געבליבן אים נאָכפֿאָרן קיין לאָנדאָן און זי איז טאַקע אַוועקגעפֿאָרן פֿון דאַנען מיט די קינדער, איך וויל ניט אָנרופֿן דאָ בײַ די נעמען אַנדערע שונאים מיינע, וואָס האָבן מיר ניט פֿאַרגינט. זיי האָבן אַלע געהאַט אַ שלעכטן סוף. ווער פֿון זיי ס׳איז איבער דלות אַנטלאָפֿן פֿון דאַנען, ווער ס׳האָט קראַפּירט אין דלות. איך האָב זיך קיינמאָל אין קיינעם ניט נוקם געווען. אויב זיי זיינען אָנגעקומען צו מיר, פֿלעג איך זיי נאָך אַ סך טובֿות טון, איך פֿלעג זיי געלט אויסלייען, אפֿילו פֿון דער תּפֿיסה אויסגעלייזט, וואָס דאָס האָט מיר נאָך געקאָסט צוויי הונדער רייכסטאָלער. ווען איך זאָל באַשרייבן די דאָזיגע אַלע היסטאָריעס, ווי אַזוי זיי האָבן גערודפֿט מיך און מיין פֿאַמיליע, וואָלט דאָס דאָזיגע בוך צו קליין געווען, אָבער איך זעה באַשיינפּאַרליך, אַז גאָט איז שטענדיג געווען מיר צו הילף און האָט געבראָכן מיינע פֿיינט און איך האָב פֿאַרשפּאָרט אַפֿילו אַ האַנט צולייגן. איך האָב געלעבט אַזוי ווי אַ איר דאַרף לעבן, און ס׳האָבן מיך ניט געאַרט אַנדערע, זאָלן זיי טון, וואָס זיי ווילן.

איך מוז אויך דערמאָנען, אַז המלכות גוסטאַף דער דריטער איז געווען זעהר בחסד מיט אירן. איך בין דאָ געהאַט אָפּגעווען דריי יאָר, האָב איך געקריגן אַ בריוו פֿון אַמסטערדאַמער קהל. דער טיטל איז געווען: צו אידישע פּרנסים. דאָרט איז געשטאַנען, אַז דאָ בחצר המלכות איז פֿאַראַן איינער מיטן נאָמען יעקב בלאָנדעל. ער איז אַ געבוירענער אַ קריסט, ער איז אָבער געוואָרן אַ איד, האָט זיך מל געווען אין אַמסטערדאַם, האָט חתונה געהאַט מיט אַ אידיש מיידל און האָט אויך אַ טאָכטער מיט איר. פֿאַר עטליכע יאָרן איז ער פֿון דאַנען אָפּגעפֿאָרן, האָט דאָ איבערגעלאָזט זיין פֿרוי און קינד, און מ׳האָט דאָ זיכערע ידיעות, אַז ער איז דאָ בײַם הויף. ס׳איז דאַריבער לפֿי דת תּורתנו [לויט אונזער תּורה] מ׳זאָל זיך אָננעמען פֿאַר דער דאָזיגער פֿרוי, ער זאָל איר געבן גט. די פֿרוי איז נאָך אַ יונג מענש. איך האָב ניט געקאָנט דערניין, ווער דאָס איז. אַ יאָר פֿאַר דעם האָט הערצאָג קאַרלס קאַמערדינער פֿאַרבעטן מיך און מיין פֿרוי צו זיך שבת נאָכמיטאָג אויף קאַווע. ווען מיר זיינען געקומען אַהין, איז דאָרט געווען

נאָך איינער, אַ פרעמדער מיט זיין פרוי. איך האָבֿ זיך געגריסט, דער פרעמדער מיט זיין פרוי האָבֿן מיך זעהר העפליך געדאַנקט, און ער האָט מיר געזאָגט: „גוט שבּת, בּרוך הבּא". זאָג איך: „ווי קומט איר צו ריידן אידיש?" זאָגט ער: „איך קען די גאָרע אידישע רעליגיע" און ער האָט מיר אָנגערופן אַלע אידישע ימים־טובים. אָבֿער גערעדט האָט ער ניט ווי אַ איד. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין זיינע קינדערשע יאָרן האָבֿן זיינע עלטערן געוואוינט אין אַ אידיש הויז, יענע האָבֿן געהאַט זין אין זיינע יאָרן; בּאַ זיי האָט ער דאָס געלערנט און מיט זיי פלעגט ער שטענדיג אידיש ריידן. פון דעם הערצאָגס קאַמערדינערס פרוי האָבֿ איך געהערט, אַז זי רופט אים הער קאַמערדינער. איך האָבֿ זיך אָבֿער מער מיט אים ניט געטראָפן; ס'איז מיר אויך גאָר ניט איינגעפאַלן אויף דעם מענשן, ווען איך האָבֿ בּאַקומען דעם בּריוו פון אַמסטערדאַם. איך האָבֿ געשריבֿן קיין אַמסטערדאַם, אַז אַזוינער איז דאָ ניט פאַראַן. עטליכע וואָכן שפּעטער האָט מיך דער דאָזינער קאַמערדינער געטראָפן אין גאַס, האָט גערעדט צו מיר אויף אידיש און האָט מיך געבֿעטן, איך זאָל שבּת קומען צו אים מיט דער פרוי אויף קאַווע. איך האָבֿ אים געדאַנקט און האָבֿ געזאָגט, אויבֿ איך וועל פריי זיין. נאָכדעם זאָג איך: „זייט מוחל, ווי אַזוי איז אייער געשעצטער פאָרנאָמען". זאָגט ער: בֿלאַנדעל. האָבֿ איך מיך אָנגעהויבֿן אָנצושטויסן. זאָג איך: „אייער נאָמען איז יעקובֿ?" — „אַ, פון וואַנען ווייסט איר דאָס?" זאָג איך: „איך ווייס נאָך מער, איר זייט אַ איד". ער איז געוואָרן אויפגעבֿראַכט. „הער, וואָס זאָגט איר, ווילט איר, איך זאָל דערלאַנגען אויף אייך אין געריכט?" „אויבֿ איר וועט מיך אָנקלאָגן אין געריכט, וועל איך אין געריכט בּאַווייזן, אַז איר זייט אַ געמלעטער און איר האָט אַ אידיש ווייבֿ און אַ טאָכטער. איך האָבֿ געהאַט אַ בּריוו פון אַמסטערדאַמער קהל, איר זאָלט שיקן אייער פרוי אַ גט, אויבֿ איר וועט דאָס ניט טון, וועט אַמסטערדאַמער קהל שרייבֿן צום קיניג". ווי ער האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן שטילער. אונטן איז ער געווען געקליידט אין שוואַרץ, זיין פרוי איז געשטאָרבֿן. ער האָט אָנגעהויבֿן צו מיר ריידן ווייך און האָט זיך מודה געווען. ער האָט זיך געקלאָגט, זיין פרוי האָט זיך זעהר שלעכט אויפגעפירט קעגן אים און האָט אים רואינירט. ער וויל איר אָבֿער געבֿן אַ גט, זאָל מען צוגרייטן דעם גט, וועט ער זיך חתמענען, צום בּית־דין וועט ער ניט גיין, ליבֿער וועט ער אַוועקפאָרן, און זי זאָל קיינמאָל ניט דערגיין, וואו ער איז. זאָג איך: „איר ווייסט דאָך, ווי אַזוי ס'גייט צו בּאַ אַ גט, אַזוי גייט דאָס נישט". ער האָט געשוואָרן, אַז אַנדערש ניט, ליבֿער וועט ער מאָרגן אָפּפאָרן פון דאַנען. זאָג איך, איך וועל ריידן מיט אונזער רבֿ, אויבֿ ס'איז מיגליך, וועט דאָס זיין אַזוי. (מיר האָבֿן געהאַט פאַר אַ רבֿ — ר' בּעריש). מאָרגן זאָל ער קומען אַהין און

אַהין, װעט ער האָבּן ענטפער. איך האָבּ מורא געהאַט, טאָמער פאָרט ער אַװעק. אויף מאָרגן האָבּ איך זיך מיט אים געטראָפן. איך זאָג צו אים, אונזער רב האָט געזאָגט, אַז אַליין אויף זיך שטעלט ער ניט, ער מוז נאָך האָבּן דריי רבּנים, װאָס זיי זאָלן אויך דערצו איינשטימען, אָבּער דאָס מוז געװערן צום װייניגסטן אַכט װאָכן צייט, איידער ער װעט קריגן תּשובה. זאָגט ער: „פון מיינעטװעגן קאָן איך װאַרטן יאָר און טעג". בּכן האָבּ איך געהאַט גענוג צייט צו שרייבּן קיין אַמסטערדאַם. איך האָבּ געשריבּן קיין אַמסטערדאַם די גאַנצע געשיכטע און האָבּ געשריבּן, איך קאָן מיט גוטן ניט פּועלן, ער װעט געװיס ניכער אַװעק פון דאַנען, װאָרום ער שעמט זיך, פריהער געבּוירן אַלס קריסט, דערנאָך געװאָרן אַ איד און איצט װידער געװאָרן אַ קריסט, ער האָט מורא פאַר אַ גרויסער שטראָף. איך קאָן זיך דעריבּער דערמיט ניט אָפּגעבּן. װען איר זאָלט שרייבּן דעם מלכות, װאָס ער איז בּאַ אים זעהר בּחסר, איז קאָן ער אים צװינגען. ער איז האָרפריזירער בּאַ דער מלכּה מיטן טיטל קאַמערדינער. איך האָבּ אָבּער מער קיין תּשובה ניט געקריגן. אַ יאָר נאָך דעם איז דער קיניג געפאָרן פון דאַנען קיין חין און איז געװען אין אַמסטערדאַם אויך. דאָ איז ער אַריינגעגאַנגען צו ר׳ טוביה האַאַג צו בּאַטראַכטן דאָרט בּריליאַנטן. בּלאָנדעלס פרוי איז אויך דאָרט געװען. די פרוי איז צוגעגאַנגען צום קיניג און אים פירגעשטעלט איר אומגליק: זי װיל האָבּן פון אים אַ גט, און ער װיל ניט גיין צום רב. דער קיניג איז געװען זעהר גנעדיג און האָט איר געזאָגט, זי זאָל זיך ניט זאָרגן, ער װעט איר געבּן אַ גט בּאַם רב. מיר האָבּן דאָ דערפון גאָרניט געװאוסט. דער יוסטיצקאַנצלער גראַף װאַכטמייסטער שיקט איינמאָל נאָך מיר, איך זאָל צו אים קומען. ער זאָגט מיר, ס׳זיינען געקומען בּריװ פונם קיניג: דער קיניגינס קאַמערדינער האָט אַ אידישע פרוי, און ער זאָל איר געבּן גט בּאַם רב. איך זאָל זיך דאָ אַריינלייגן, ס׳זאָל געטאָן װערן. זאָג איך: דאָס קאָן אַזוי געשװינד ניט צוגיין, ס׳מוז פריהער שיקן אַ מענשן קיין אַמסטערדאַם, װאָס ער זאָל דאָרטן בּאַם בּית־דין װערן דער שליח פון דער פרוי, אָדער די פרוי מוז אַהער קומען, דאָס קאָן אַ סך קאָסטן. זאָגט ער, װיפיל בּערך? זאָג איך, געװיס הונדערט שטיק דוקאַטן. זאָגט ער: „קומט מאָרגן װידער, װעט איר האָבּן ענטפער". דער קאַמערדינער איז אָרעם, אָבּער די קיניגן האָט געהאַט בּריװ פונם קיניג, אַז ער זאָל געבּן גט, קאָן זי דאָס אים אָפּציהען פון זיין געהאַלט. דאָס איז גראָד געװען דעמאָלט, װען מיר האָבּן געקריגן ר׳ לייבּ פּנחס פאַר רב, ער איז דאָ געװען סך־הכּל עטליכע חדשים. איך האָבּ דאָס אים דערציילט, איך האָבּ אים געװאָלט צושאַרן הונדערט דוקאַטן פאַרן גט. ער איז געװען זעהר צופרידן. אויף מאָרגן קום איך נאָך אַמאָל צום יוסטיצקאַנצלער, זאָגט ער: „יאָ, איך האָבּ אַ בּאַפעל צו בּאַצאָלן די הונדערט

דוקאַטן". זאָג איך, דער רבֿ האָט ניט וואָס אויסצולייגן, ער מוז האָבן פֿאָראויס אַ העלפֿט. זאָגט ער: „ווילט איר מיר געבן שריפֿטליך, אַז ס'וועט זײַן אַ גט, באַצאָל איך באַלד די העלפֿט". זאָג איך: „איך דאַרף וועגן דעם איבערריידן מיטן רבֿ". זאָגט ער: „איך קער זיך מיטן רבֿ ניט אָן". זאָג איך: „אָבער דער רבֿ דאַרף געבן דעם גט". ס'איז געבליבן, אַז מיר בײדע זאָלן חתמענען. איך בין געקומען מיטן רבֿ צו נראַף וואַכטמייסטער, ער האָט צונויפֿגעשטעלט אַ שריפֿט, מיר האָבן דאָס בײדע געחתמעט, און דער רבֿ האָט געקריגן פֿופֿציק דוקאַטן. יעקובֿ בלאָנדעל האָט זיך געמוזט שטעלן פֿאַרן בית־דין און געבן גט לפי דין ודת תורתנו [לויט דעם געזעץ פֿון אונזער תורה], און דער רבֿ האָט געקריגן זײַן געלט. דער דאָזיגער בלאָנדעל איז דאָך געבליבן קאַמערדינער בײַ דער קיניגן און האָט נאָך אַמאָל חתונה געהאַט מיט אַ בירגער־טאָכטער. פֿאַר עטליכע יאָרן איז ער געשטאָרבן.

אַהער איז געקומען אײנער פֿון סטרעליץ ושמו דוד ש. ער האָט געגאָסן אַזוינע צינערנע שנאָלן און פֿלעגט דערמיט גײן אויפֿן לאַנד. ער האָט זיך אָבער דערמיט ניט געקאָנט שפּײַזן. ער איז געקומען אַהער און איז געגאַנגען צו ר' אליהו סטרעליץ, דער האָט געהאַט אַ טאַבאַקפֿאַבריק. ער האָט אים געבעטן, ער זאָל אים געבן אַביסל רויכערטאַבאַק און שמעקטאַבאַק אויף קרעדיט, ער וועט דערמיט גײן אויפֿן לאַנד. ר' אליהו האָט אים געגעבן אויף קרעדיט. ער איז אַרומגעפֿאָרן אין די נאָהענטסטע קלײנע שטעטלאַך און האָט דאָס אָפּגעזעצט. ווען ר' אליהו האָט געזעהן, אַז ער זעצט גוט אָפּ, האָט ער אים וואָס אַמאָל פֿאַרגרעסערט דעם קרעדיט. דער דאָזיגער ר' דוד איז געקומען צו מיר און האָט מיך געבעטן, ער וויל זיך דאָ נעמען קיום [וואוינרעכט] אַלס אַ קאָרקנמאַכער. אַזוינע קיומים האָבן דאָ ניט טײַער געקאָסט. איך זאָל אים געבן אַן אַטעסטאַט, אַז ער איז אַן ערליכער מאַן, אַנדערש קאָן ער דאָ קײן קיומים ניט קריגן, אָהן אַן אַטעסטאַט פֿונם פּרנס. זאָג איך צו אים: „ליבער פֿרײַנט, איך קען אײַך ניט, ווי אַזוי זאָל איך אײַך אַטעסטירן, אַז איר זײַנט אַן ערליכער מאַן?" זאָגט ער: „ר' אליהו סטרעליץ דער קען מיך פֿון סטרעליץ נאָך, אַז איך בין אַן ערליכער מאַן און ער ניט מיר טאַבאַק אויף קרעדיט פֿאַר אַ סך הונדערטער טאָלער". זאָג איך צו אים: „ברײַנגט מיר שריפֿטליך פֿון ר' אליהון, אַז איר זײַט אַן ערליכער מאַן, אַז ער נעמט דאָס אויף זיך, אויבֿ איך זאָל אַמאָל האָבן דערפֿון צרות". ער האָט דאָס מיר געבראַכט שריפֿטליך, און איך האָבּ אים געגעבן אַן אַטעסטאַט. ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, איז בײַ אים אַרויס אַ סקאַנדאַל מיט ר' אליהון. ר' אליהו פֿלעגט פֿאַרשרײַבן די חשבונות מיט אים אין אַ בוך, וואָס ער פֿלעגט אים

מיטנעמען אויף דער רײזע, און בײַ זיך האָט ער אויך געהאַט אַ בוך, װאו ער פֿלעגט פֿאַרשרײַבן דאָסזעלבע. װען זײ האָבן זיך צערעכנט, האָט געפֿעלט אַריבער דרײַ הונדערט רײַכסטאָלער. די ביכער זײַנען ניט געװען נומערירט. אליהו האָט אָנגעקלאָגט רודן, און ס'האָט דערלאַנגט אַזױ װײַט, אַז דער געריכט האָט געזאָגט, זײ קאָנען דאָ ניט קלוג זײַן, זײ פֿאַרשטײען ניט קײן העבֿרעאיש, זאָלן זײ פּרובֿן דורכקומען צװישן אידן, װאָס פֿאַרשטײען דאָס יאָ. זײ האָבן זיך פֿאַרלאָזט אויף מענשן. דער דאָזיגער דוד האָט דאָ געהאַט מיט זיך אַ זון ושמו מיכל. ער פֿלעגט שטענדיק אַרומפֿאָרן מיטן פֿאָטער איבער לאַנד. די דרײַ בוררים האָבן זײ ניט געקאָנט אויסגלײַכן. אײנער זאָגט: „מײַן בוך איז גערעכט, װאָרום ר' אליהו האָט דאָ אַלײן פֿאַרשריבן, אין זײַן בוך מעג ער שרײַבן, װאָס ער װיל, ס'גײט מיר ניט אָן". בכן האָבן זײ ניט געװאוסט, װאָס צו טון. זײ האָבן ניט געװאָלט געבן רודן קײן שבועה, װאָרום ער האָט געזאָגט, ער װעט שװערן, אַז ער האָט מער ניט געקרינן, װי אין בוך שטײט. האָבן זײ געװאוסט, אַז דער זון מיכל איז זעהר אַן ערליכער יונג און אַ פֿרומער. האָבן זײ אים געשיקט רופֿן און זאָגן אים: „איר װײסט, אַז דער געריכט האָט אונז די זאַך איבערגעגעבן מיר זאָלן די זאַך אויספֿאָרשן, און אײַער פֿאָטער און ר' אליהו האָבן זיך צעשריבן, אַז זײ װעלן פֿאָלגן אונזער פּסק. בכן איז דאָס געװענדט אָן אײַך, איר פֿלעגט אַרומפֿאָרן מיטן פֿאָטער. איר זאָלט בײַלד גײן אין שול אַרײַן און געבן אַ שבועה, אַז אײַער פֿאָטערס בוך איז ריכטיג, אַז דאָ איז ניט געשען קײן נבלה־שטיק". אָבער ער האָט דאָס ניט געװאָלט טון און האָט מודה געװען, װי זײַן פֿאָטער האָט דאָס געטאָן. בכן האָבן זײ געמאַכט אַ פּשרה, און ר' אליהו האָט דערבײ פֿאַרלאָרן צװײ הונדערט רײַכסטאָלער.

װי נאָר ער האָט זיך פֿאַרװערבֿט עטליכע הונדערט טאָלער, האָט ער זיך גענומען קיומים און האָט אַראָפּגעבראַכט אַהער זײַן פֿרױ מיט די איבעריגע זעקס קינדער. דאָס איז געװען נאָך דער רוסישער מלחמה. דאָ האָט מען געהאַט צו טון מיט בײַטן אָבלינאַציעס און רײַכסגעלט [אַסיגנאַציעס]. קײנער האָט ניט געװאָלט פֿאַרטרױען רודן קײן געלט, ער זאָל דאָס גײן אויסבײַטן. איז ער געגאַנגען צו ר' לײב נאַק, און דער האָט אים געטרױט עטליכע הונדערט רײַכסטאָלער. װען ער האָט געזען, אַז ער צאָלט אים פּינקטליך און פֿאַרדינט בײַ אים עפּעס, האָט ער אים געגעבן אַ גרױסן קרעדיט, אַ סך טױזנטער רײַכסטאָלער. לסוף איז צװישן זײ אַרױסגע־שפּרונגען אַ סקאַנדאַל. קײנער האָט ניט געװאוסט, װאָס דאָ איז געװען, אָבער זײ זײַנען געװאָרן שונאים. ר' לײב האָט געזאָגט, יענער האָט אים אַזױ באַשװינדלט, אַז ער שעמט זיך דאָס אויסצוזאָגן. ער האָט געמאַכט

גרויסע נבלות צווישן אינו נימולים [קריסטן] אויף עטליכע אלפים רייכס־טאָלער, דאָס, וואָס מ'ווייסט דערפון. קיין איד האָט מיט אים קיין געשעפטן ניט געהאַט. פלעגט ער שטענדיג זאָגן, ער מוז אויספירן, אַז אַלע אידן זאָלן מוזן אַוועק פון דער מדינה.

ווען ער האָט געקרינן אַ פאַרמעגן, האָט ער געהאַלטן, אַז ער איז דער גרעסטער מענש אין דער וועלט. אַזוי איז דאָס בײַ אַזויגע לייט, וואָס האָבן אויף זייער לעבן נאָרניט פאַרמאָגט, און אַז זיי קומען צו עפּעס, פאַרלירן זיי דעם קאָפּ. ער האָט אויפגעטאָן אַזוינע שטיק, וואָס מ'קאָן זיי אַלע ניט באַשרייבן. ער האָט זיך באַשטעלט אַ זילבערנע בלעך אויפצוהייננגען אויף אַ ספר תורה, אַ פרוכת אויך, אָבער קיין ספר תורה האָט ער ניט געהאַט. האָט ער דאָס געבראַכט אין בית־הכנסת, דער שמש זאָל דאָס אַיפהיינגען. אויף אַ געוויינטליכן פרוכת איבערגעמאַכט פון אַן אַלט קלייד איז געשטאַנען אויס־גענייט: זאת נדב הקצין ר' דוד ואשתו ובניו. דאָס אייגענע איז געשטאַנען אויסגעקריצט אויף דער זילבערנער בלעך. מ'האָט דאָס אַראָפּגענומען און מ'האָט געשיקט צו אים דעם שמש, ער זאָל זאָגן, צי האָט ער דאָס מגרר געווען אין בית־הכנסת, דאַן נעמט מען דאָס, און ער קריגט דאָס שוין ניט צוריק. אויב אָבער ער מיינט ניט אַזוי, קאָן ער דאָס האַלטן בײַ זיך, ס'וועט ניט אָנגענומען ווערן, מ'דאַרף דאָס ניט, ס'איז פאַראַן גענוג חפצים אָהן דעם. איז ער אַוועקגעלאָפן צום שטאַטהאַלטער מיט דער זילבערנער בלעך און כיטן פרוכת, געמאַכט גרויסע מסירות און האָט געבעטן, מ'זאָל שיקן רופן אַלע אידן אין דער שלאָסקאַנצעלאַריע. דער שטאַטהאַלטער האָט דאָ ניט געוואוסט וואָס צו טון. מיר האָבן אים דערקלערט: „זאת נדב", הייסט אַ געשיינק געמאַכט, מיט פרוי און קינדער, אַזוינס מוז בלייבן אין דער שול, מיר האָבן אַ סך אַזוינע אין דער שול, מיט נעמען אויך דאַרויף, אָבער אָהן „זאת נדב", וואָרום דאָס איז אַ געשיינק. ער אָבער, אַן אומוויסנדיגער מענש, האָט זיך געשפּאַרט, דאָס איז ניט קיין געשיינק. זאָגט דער שטאַטהאַלטער: „מאָרגן וועל איך אייך געבן ענטפער". מיר זיינען געגאַנגען אַהיים. דער שטאַטהאַלטער האָט געשיקט אָנפרעגן דעם רב, ער זאָל אים צווישן געבן, וואָס באַטייטן די ווערטער „זאת נדב". האָט דער רב געענטפערט, אַזוי ווי מיר האָבן געזאָגט. האָט ער געשיקט רופן דעם דאָזיגן ש. און זאָגט אים, ער זאָל אַראָפּנעמען דעם „זאת נדב", וועט ווערן אויס פראָצעס. און דערבײַ איז דאָס געבליבן, ער האָט אַראָפּגענומען דעם „זאת נדב".

אין עטליכע חדשים אַרום איז פירגעקומען אַן אַספה פון דער גאַנצער קהלה, מ'האָט גערופן אַלע בעלי־בתים. ער איז געקומען מיט זיין זון, יענער איז נאָך געווען אַ בחור. ער האָט זיך פאַרשריבן בײַ הערצאָג קאַרל אַלס

אַ מענש באַ אים אויף דער קיך, וואָרום ער איז נאָך ניט געווען קיין בעל־
קיומים. קהל זאָגט: „ס'האָט אייך אַהער ניט גערופן, איר קאָנט דאָ ניט
בלייבן, איר זיינט קיין בעל־הבית ניט און קיין בעל־קיומים". האָט אונזער
שנאָלן־מאַכער אָנגעהויבן צו שרייען, האָט גענומען אַ שטעקן און האָט
אויסגעשלאָגן צוויי פענסטער, און האָט אָנגעהויבן צו שרייען גוואַלד, און
איז אַרויסגעשפּרונגען און האָט נאָך אַלץ געשריגן גוואַלד אויף דער גאַס.
קיינער פון אונז האָט אים קיין קרום וואָרט ניט געזאָגט, מיר זיינען אַלע
געזעסן אַרום טיש. דער שמש זאָגט: „ווי איך האָב אים געבעטן
געזאָגט, ער זאָל קומען אויף דער אספה, ענטפערט ער, איך וועל קומען
און וועל זיי אויסברעכן די פענסטער אויך". מיר האָבן אים אָנגעקלאָגט צו
פּאָליציי. ער האָט באַקומען אַ פּסק: ער זאָל מחילה בעטן אין שול און זאָל
באַצאָלן פופציג טאָלער קנס. האָט ער געזאָגט, ער וועט דערלאַנגען אַן
אַפּעלאַציע. אָבער קיינער פון קהל האָט ניט געוואָלט ווייטער
האָבן צו טון מיט אים און דערביי איז דאָס געבליבן, וואָרום
ער האָט געקריגן אַזויפיל ולוולים אין פּאָליציי, אַז מיר האָבן זיך
אַליין געשעמט. אָבער ער האָט ניט געהאַט ניט קיין בושה, ניט קיין שאַנד.

נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט מאַכן אַ שילד איבער זיינע פענסטער אין זיין
דירה, און דאַרויף איז געווען אויסגעמאָלט אַלע סאָרטן געלט. מיט איינינע
סוחרים האָט ער אָפּגערעדט, אַז ווען זיי פאַרקויפן וועקסלען, זאָלן זיי ניט
נעמען קיין רייכסגעלט, נאָר זיי זאָלן זיך הייסן געבן באַנקאָגעלט. ער האָט
געמיינט באַ זיי נעמען דאָס באַנקאָ מיט רוחים. זיי האָבן אַזוי געטאָן. דאָס
באַנקאָ האָט גענומען שטייגן טאָג אויף טאָג, ווער ס'האָט נאָר געוואָלט האָבן
וועקסלען און האָט ניט געקאָנט קריגן, האָט געמוזט גיין צום דאָזיגן שנאָלן־
מאַכער און אים באַצאָלן, וויפיל ער האָט זיך געהייסן. דער קיניג האָט דאָס
דערהערט, אַז דער קורס שטייגט טאָג אויף טאָג נישט צו באַשרייבן. דעם
קיניג האָט מען געזאָגט, אַז אידן זיינען דאָ שולדיג, זיי האָבן אָנגערייצט די
סוחרים, יענע זאָלן אויפטרייבן דאָס באַנקאָ, זיי האָבן אפילו שילדן איבער
די טירן, אויסגעמאָלט אַלע סאָרטן געלט. ס'איז אַרויס אַ באַפעל פונם
קיניג: אידן האָט מען געטאָן אַ חסד, וואָס מ'האָט זיי אַריינגעלאָזט אַהער
אין דער מדינה צו וואוינען. היות אָבער ווי זיי טוען קעגן לאַנדרעכס און
האָבן געמאַכט אַ וועקסל־באַנק, זאָלן זיי פאַרטריבן ווערן פון דער מדינה, ווי
נאָר מ'וועט הערן, אַז ווער ס'איז פון זיי האָט אויסגעביטן אפילו איין שטיבער.
אויך זאָלן זיי באַלד אַראָפּנעמען די שילדן. דער דאָזיגער קיניגליכער באַפעל
איז געווען זעהר שאַרף, איז געוואָרן אָפּגעדרוקט און איז געקומען אין
וואָכנבלאַט. צווישן דעם עולם איז געוואָרן גרויס רשעות [יידנהאַס], מ'האָט
גערעדט, אַז אַלע אידן זיינען שולדיג און מ'דאַרף זיי אַלע פאַריאָגן פון דער

מרינה. קהל איז זיך פּאַלד צונויפֿגעקומען, ס׳האָט געמאַכט אַ שריפֿט צום קיניג און ס׳האָט דאָס אָפּגעדרוקט אין װאָכנבלאַט, ס׳האָט זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז קײנער פֿון הינע אידן פֿאַרנעמט זיך ניט מיט געלט בײטן, חוץ דעם ראָזינען דורן, קײנער האָט אויך קײן שילד ניט װענן געלט בײטן, חוץ דעם ראָזינען דורן. ס׳האָט אים אָפּט געװאָרנט, ער זאָל אַראָפּנעמען די שילד, די װעלט רעדט אַזױ פֿיל פֿון אים, אָבֿער ער האָט זיך ניט געמאַכט דערפֿון. דער שטאַטהאַלטער האָט געשיקט רופֿן דורן אין קיניגס נאָמען. ס׳האָט געהאַט געזאָגט, אַז דער שטאַטהאַלטער האָט אַ באַפֿעל אים אַרויסצושיקן פֿון דער מרינה, אָבֿער דער שטאַטהאַלטער איז געװען זעהר אַ לײטישער מענש און האָט אים געהאָלפֿן. קײן איד האָט אים ניט אָנגערירט. װען אידן זאָלן געװען װעלן אָננעבֿן אויף אים מסירות, װאָס פֿאַר אַ שלעכטס ער האָט זײ שוין אָנגעטאָן, װאָלט ער געװיס געװוּס אָפּטרעטן פֿון דער מרינה. אָבֿער ס׳איז ניט געװען גם אחד [אַפֿילו אײנער), װאָס זאָל אים שלעכטס טון, כאָטש ער האָט דאָס צען מאָל אַזױפֿיל פֿאַרדינט און האָט פֿריהער געטסרט אידן. ער פֿלעגט שטענדיג זאָגן, ער װעט זיך ניט קילן, ביז מ׳װעט ניט פֿאַרטרײבֿן אַלע אידן פֿון דער מרינה. ער איז געװען כמעט אַ משוגענער, און אַלץ פֿון באַרימערײ װעגן, מ׳זאָל פֿאַר אים מורא האָבֿן. אָבֿער נאָך דער ראָזינער מעשה איז ער געװאָרן שטיל און האָט מער ניט געשראָקן, אָבֿער װעמען ער פֿלעגט באַגעגנען פֿון קהל אין גאַס, פֿלעגט ער אים שעלטן מיט קללות נמרצות. קהלס לײט האָבֿן זיך באַקלאָגט אויף אים בײַ דעם אויבערשטאַט־האַלטער; האָט מען אים אָנגעזאָגט פֿון דער שלאָסקאַנצעלאַריע, אַז װיבאַלד עמיצער פֿון די קהלה־פֿירער װעט זיך נאָך אַמאָל קלאָגן אויף אים, װעט מען אים אָהן געריכט און אָהן אַ פּסק תּפֿוס נעמען [אַרעסטירן]. איז ער לסוף שטיל געװאָרן.

ס׳איז געװען נאָך אײנער, משה פֿײהעס, האָט ער זיך אויך רעקלאַמירט אַלע װאָך אין טאָגבלאַט, אַז ער בײט אַלע סאָרטן געלט. אים האָט מען דאָס אויך פֿאַרבאָטן מיט אַן אָנזאָג, אַז מ׳װעט אים פֿאַרטרײבֿן פֿונם לאַנד. ער איז געװען אַ דלפֿון, האָט שוין אײנמאָל פּלטה געמאַכט הינע אידן; ער האָט אויך אָנגעמאַכט אַ סך סקאַנדאַלן. ער איז ניט קײן איד, ניט קײן קריסט. ער איז אָבֿער באַלד שטיל געװאָרן. אין קורצן נאָך דעם איז ער געגוסען געװאָרן תּפֿוס איבער חובֿות. אַזױנע שלעכטע מענשן, װאָס פֿלעגן אַרומלױפֿן אויף דער װעלט, האָבֿן אַ סך געשװינדלט. אָבֿער װי זײ פֿלעגן זיך מיט שװינדל מאַכן אַביסל געלט, װאָס זײ זײנען ניט געװײנט געװען צו האָבֿן, איז פֿלעגן זײ טרײבֿן תּקיפֿות און װעלן שפּילן די גרױסע ראָליע, אָבֿער דאָס האָט זײ ניט געגאָלטן, און זײ זײנען געװאָרן שטיל, װײל זײ קאָנען גאָרניט אויספֿירן.

דאָס זיינען די בעלי־בתים, וואָס וואוינען דאָ, און בעלי־קיומים [מיט וואוינרעכט] און בייזיצער, אויך הרב און משובדים [כלי־קודש] והמלמדים, וואָס געהערן צו דער אויפגעריכטער שול, וואו מ׳צאָלט פאַר יעדעס קינד:

1. אֲנִי אהרון בריצען, בַּעַל־קִיומים און נושׂא בְּעול [שטייער־צאָלער]
2. חֲתָנִי אייזיק
3. מחותָּנִי בענדעט
4. בְּנוֹ זיסקינד
5. וַחֲתָנוֹ ר׳ יצחק
6. ר׳ גומפּרעכט כַּ״ץ
7. ״ חֲתנו שמואל כַּ״ץ
8. ״ לייב נאָרקעפּינג
9. ״ יוסף סגל
10. ״ הירש, ר׳ יואלס זוי
11. ״ יעקוב וואַרשוי
12. ״ אברהם כהן
13. ״ לייב לאָם
14. ״ אהרון לאָם, ר׳ לייבס ברודער
15. ״ דוד לאָם
16. ״ דוד סטרעליץ
17. ״ אהרון ווייסל
18. ״ יואל ציינדאָקטאָר
19. ״ משה פּאַקעס
20. ״ זלמן שווערין
21. ״ יצחק דרוקער
22. ״ יעקוב דאַנציגער
23. ״ הירש קאַרלסקראָן
24. ״ לייב, דוד לאַמס איידעם
25. ״ אהרון, לייב לאַמס זון
26. ״ וחתנו ר׳ שלום פּאַך
27. ״ ״ ״ זלמן פּערלבערג
28. ר׳ לייב דעמיץ
29. ״ מאַנעס קריוויטס
30. ״ בענאָ פייטל קריוויטס
31. ״ בענאָ בנימין קריוויטס
32. ״ שמואל ביוצאָוו
33. ״ שלום, קויפמאַנס איידעם
34. ״ הירש, מאַנעס קריוויטס איידעם
35. ״ יעקוב נאָרקעפּינג
36. ״ שמואל בן ר׳ קאָפּעל
37. ״ ברוך בן מאַנעלע
38. ״ אברהם, ברכיהס זוי
39. ״ קויפמאַן
40. ״ יצחק פּאַך
41. ״ יעקוב סגל
42. ״ הירש סגל
43. ״ יוסף מאַרשטראַנד
44. ״ שלמה כַּ״ץ
45. ״ הירשל
46. ״ מעווועלע
47. ״ רפאל
48. ״ לייב קאַרלסרו
49. ״ אברהם קאַרלבערג
50. ״ יעקוב קאַרלסרו
51. ״ אליהו מאַלבין
52. ״ שלמה פּאָפּלע שוואַקסמאַכער
53. ״ גדליה
54. ״ לייב שוחט
55. ״ רעוועל

56. ר' מאיר שמש
57. • שלמה נאָרקעפּינג
58. • אליעזר
59. • מיכל העלסינגער
60. • דוד מאַלכין
61. • זוסמאַן
62. • חיים ציינדראָקטאָר
63. ר' מיכל סטרעליץ
64. • מאיר סטרעליץ
65. • הירש סטרעליץ
66. • יצחק סטרעליץ
67. • חיים שיק
68. • נתנאל ציינדראָקטאָר
69. • אבֿרהם קאַרלסרו

איך בין איצט געוואָרן 73 יאָר. חתני יצחק און מיין ברודערס איידעם בענרעט זיינען מיינע חברים [שותּפים], ווי האָב איך איבערגעגעבן דעם גאַנצן משא ומתּן, אויך האָב איך אַ צוואה געמאַכט, אַז קיינער לאַחר מותי זאָל זיך ניט קימערן וועגן משא־ומתּן, אָדער זעהן די ביכער, וואָרום די קנאָה ושנאָה איז צו גרויס בּאַ זיי.

עס געפינט זיך איצט אַ שפּל ומשופל [אַ געמיינער, נידעריגער מאַן] ושמו משה פייהעם אָדער משה פאַקעס, אַ מוסר, וואָס האָט געמאַכט מסירות אויף אָרעמע מענשן, וואָס וואוינען שוין דאָ כּמה שנים, אַז זיי צאָלן ניט קיין שטייער, טרייבן האַנדל מיט פרעמדע פאַרבאָטענע סחורה, כּדי מ'זאָל זיי פון דאַנען פאַרטרייבן. דערווייל האָט ער נאָך גאָרניט אויסגעפירט, די לייט האָבן זיך פאַרענטפערט סיי בּאַ פּאָליציי, סיי בּאַ דער עצה [שטאָטראַט], אָבער קהל האָט וועגן דעם גאָרניט געטאָן, און איך מיש זיך ניט אין קיין זאַך.

איך האָב זיך פירגענומען פאַר כּמה שנים: בסודם אַל תבוא נפשי ובקהלם אל תחד כּבודי [אין זייער ראַט זאָל מיין זעעל ניט זיין און אין זייער פאַרזאַמלונג זאָל מיין כּבוד ניט איינשטיין]. מיינע חברים זיינען בּרוך השם אָנגעזעהן אצל חצר המלכות; חברי מיכל בענרעט איז אצל המלכות הויפּ־וועליר. המלכות קויפט ניט פאַר קיין פּרוטה אַחת מן נמולים ואינו נמולים [בּאַ אידן און ניט־אידן] חוץ בּאַ אונז, והמלכּה וכל שרים [און די קיניגן און אַלע הויכע הערן] והשם יוסף אלינו [גאָט זאָל אונז נאָך פאַרמערן], וואָרום מיר זיינען בּרוך השם אָרנטליכע לייט און האָבן קיינמאָל קיינעם ראָס מינדסטע ניט געריִרט. יהללך זר ולא פּיך [זאָל דיך אַ פרעמדער לויבּן ניט דיין איינן מויל]. בּיז איצט, נאָך דאָס פאַרגאַנגענע יאָר ה'תקס״א [1801], פלעג איך פאָרן מיט חברי בענרעט אויף דעם לייפּציגער יריד, אָבער היינטיגנס יאָר ה'תקס״ב [1802] איז בענרעט אַליין געפאָרן צום פייסטגיריד, ער פאַרשטייט איצט דעם שטיינערהאַנדל אַזוי גוט, ווי דער בעסטער און עלטסטער יוּוועליר. והשם מצליח דרכו לביתו בּשלום [און גאָט בּאַגליקט זיין וועג אַהיים בּשלום]. ער האָט געשיקט לביתו [אַהיים]

זיינע בריליאַנטן און פערל, און מיר זיינען דערמיט זעהר צופרידן געוועזן. איך האָב זעהר פיל צו שרייבן, וואָס איך האָב געטאָן לפני כל היהודים [פאַר אַלע אידן], וואָס נישט אַזוי גרינג איז עס מיר אָנגעקומען, און האָב יערן כל הטובות געטאָן כל מה שביכלתי [וואָס איך האָב נאָר געקאָנט]. ווי האָבן מיר משלם רעה תחת טובה געוועזן [באַצאָלט שלעכטס פאַר גוטס]. אָבער הקדוש ברוך הוא ברוב רחמיו וברוב חסדו [גאָט מיט זיין גרויס מיטלייד און מיט זיין גרויס גנאָד] האָט מיך מצליח געוועזן בכל דרכי [אין אַלע מיינע וועגן].